STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00107

# A GESL IN VARSHE

Paul Trepman

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Eliezer Trepman*
*in memory of*
*Paul Trepman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּאָול טרעפּמאַן

# אַזעלכע און אַזױנע

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע
מאָנטרעאַל 1949

PRINTED IN CANADA

# AN ALLEY IN WARSAW

Copyright 1950
by PAUL TREPMAN
Montreal, Que., Canada

Printed in Canada
by the NORTHERN PRINTING & STATIONERY
Montreal, Que.
27

— דאָס שער־בלאַט האָט געצייכנט דער סקולפּטאָר בצלאל מלחי. —

דרוקעריי נאָרטערן פּרינטינג און סטיישאָנערי, 4844 סט. לאָרענס בולוד.

**א געסל**
**אין ווארשע**



יאָסל
בערגנער

מיין טייערער, אומפאַרגעסלעכער מאַ-
מען — טשאַרנע בת יוסף, — וואָס איז
דערשטיקט געוואָרן אין אַ טויטן-וואַגאָן
אויפן אומשלאַג-פּלאַץ אין ווארשעווער
געטאָ; דעם אָנדענק פון דער איידעלער
פרוי, וואָס איז געווען אַ מאַמע צו
פרעמדע פאַר איר, עלנטע קינדער און
אַ טייערע חברטע פאַר איר אייגענעם
זון, ווידמע איך דאָס דאָזיקע בוך.

# אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| | | זייט |
| 1) | אנשטאַט אַ פאָרוואָרט | 5 |
| 2) | גנאַינע גאַס | 9 |
| 3) | חנה דזשיאַבאַק | 19 |
| 4) | ר׳ אַרעלע קאַזשעניצער | 31 |
| 5) | דער דריילינג | 43 |
| 6) | פאָרטרעטן פון אַן אָפּגעמעקטער וועלט | 55 |
| 7) | זיין מאַיעסטעט — לייזער וואַרשאַווסקי און משפחה | 69 |
| 8) | יוקל גנב | 81 |
| 9) | דער דערנער־יועג פון אַמאָליקן חדר | 93 |
| 10) | הערשעלע היימלאַזער מיט זיין קאָמפּאַניע | 105 |
| 11) | נאַכט־געשטאַלטן | 119 |

# אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט

אין איינער פון די וואַנדער־נעכט אויפן ג:ערגן־בעלזענעם צעווייטיקטן און צעבלוטיקטן באָדן, האָט אַ חלום פאַר מיר אַוועקגעשטעלט מיין קינדער־וויג. עס האָבן זיך איבער מיין אייזערן בעטל באַוויזן די אביונישע מויערן פון גנאָינע גאַס, די מענטשן אירע, וואָס האָבן מיט זייער לעבנס־שטייגער באַוואָרפן יענעם ברוק מיטן כאַראַקטעריסטיש־ספעציפישן ריח פון יידישן געפלאָגטן קיום אין מדינת פוילן.

אין חלום בין איך צום צווייטן מאָל געבוירן געוואָרן, נאָכאַמאָל געגאַנגען אין חדר אריין, נאָכאַמאָל געפרייט זיך מיט דער משפחה מיינער, צום לעצטן אפשר מאָל איינגעזאַפט אין זיך דעם גערוך פון די גנאָינע טרעגערס, גנבים, חסידים, האַנדלאַרקעס און קרעמערס.

דער חלום האָט מיך צוריקגעפירט צו מיין פאַרגאַנגענער וועלט.

צומאָרגנס האָט מיין פאַרשטאַנד בשום אופן נישט געקאָנט תופס זיין, אַז זיי אַלע זיינען שוין מער נישטאָ.

איך בין געווען אַזוי קרוב צום גנאָינער מלכות, אַזוי צוזאַמענגעוועבט מיט זייערע צעריסענע און פאַרשמוציקטע בגדים, אַזוי באַהאָפטן מיט זייערע ליידן און שמחות, צרות און דערהויבונגען, אַז אויסגעוועפט איז פון מיר געוואָרן דער חורבן, דאָס אַלץ, וואָס האָט מיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין־עלנדיקן יתום.

ווען דער חלום איז צערונען געוואָרן, האָט גראָד דער מאָרגנשטערן אָנגעזאָגט אַ נייעם טאָג. אַלע אין אונדזער באַראַק זיינען נאָך פעסט געשלאָפן, אפשר אויך ווי איך פאַרטיפט אין מוראַ'דיקע, זיסע חלומות, וואָס

האָבן אונדז אַלעמען אָנגעפאַנגען צו מאַטערן גלייך נאָך דער באַפרייונג פון די היטלעריסטישע קאַצעטן.

אַ פאַרשלאָפענער נאָך, אינעם נאַכט־העמד, האָב איך פאַרשריבן מיין חלום — די „גנאַינע גאַס״, וואָס געפינט זיך אינעם דאָזיקן בוך אַלס קאַפּיטל נומער איינס.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אין מיין בעלזענער שטוב געוויילט דער דיכטער יצחק פערלאָוו מיט זיין פרוי לאַלאַ פּאַלמאַן, די באַקאַנטע און זייער באַגאַבטע פאָלקס־זינגערין.

איבערלייענענדיק די „גנאַינע גאַס״ האָט פערלאָוו אָנגעהויבן צו וויינען מיט אַ מענעריש געוויין — ער האָט געווּישט די נאַס געוואָרענע אויגן.

„דו מוזט ווייטער שרייבן וועגן דיין גאַס, ווייל יעדער טיפּ אירער איז אַ וועלט פאַר זיך; יעדער שטיין איז אַ וואַרשעווער שטיין, אַ שטיין פון אונדזער צעפאַלענעם בנין״.

סטימולירט פון מיין חברס און פריינדס אנרעגונג, האָב איך זיך גענומען צום באַשרייבן די גנאַינע גאַס. הגם אויף מיין טיש האָט זיך גע־פונען אַן אַנדערע אַרבעט, אַן אַרבעט וועגן די יאָרן אין געטאָס, קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן און אַרישער זייט.

זייער שווער איז מיר אָנגעקומען אַרויסצוברענגען מיט דער פען דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך אַמאָל געפונען אין מיין סביבה. בעתן שרייבן האָב איך זיך געוואָרפן אין שווידערלעכע נשמה־שמערצן, אין ווייען, וואָס האָבן צום ווייפּלסטן מאָל פאַרוווּנדעט מיין אינגעווייד. באַגלייט האָבן מיין שרייבן ציגאַרעטן און טרערן. דער ציגאַרעטן־רויך האָט באַטויבט מיין באַוווּסטזיין, אַז דאָ ברענג איך צום לעבן קדושים, וועמען מען טאָר נישט מאַטערן; די טרערן, ווידער, האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן טינט און גע־שאַפן אַ סובסטאַנץ, וואָס וועט קיינמאָל נישט קענען אָפּגעווישט ווערן. נאָך יעדע פּאָר שורות פלעג איך טיף אָפּזיפצן, זיפצן און ווייטער שרייבן. ביז עס איז אַרויסגעקומען דאָס, וואָס ליגט היינט פאַרן לייענער.

אין לויף פון דער צייט האָבן זיך די באַזונדערע קאַפּיטלעך פון דעם בוך באַוויזן אויף די שפּאַלטן פונעם מאָנטרעאָלער „קענעדער אַדלער״ און מינכענעם „אונדזער וועג״ — אָרגאַן פון צ׳ק פון דער שארית־הפליטה אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד.

**איצט דערשיינט „אַ געסל אין וואַרשע״ אין בוך־פאָרם.**

מיין דאַנק קומט קודם־כל און אויסשליסלעך דעם קאָמיטעט פונעם בוך, וואָס אַ גרופּע פריינט מיינע און ליבהאָבער פונעם יידישן וואָרט האָט געשאַפן. זאָלן זייערע נעמען טאָקע דערמאָנט ווערן מיט שבח פאַר זייער איבערגעגעבענער און איידעלער טרחה, וואָס נאָר אַדאַנק איר האָבן מיינע שילדערונגען דערזען די ליכטיקע שיין. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון די ח׳ח יצחק איילי, ווילי אָסטרעגער, רחל אייזענבערג, יצחק בלאָט, יוסף דאַנילאַק, פּנחס טענדלער, הערשל מעטאַלאָוויטש, יאָסל קאַן, ה. מ. קייזערמאַן, שלום קרישטאַלקע, יצחק צוקערמאַן, ישראל ראַבינאָוויטש, מלך ראַוויטש, מרס. ראַשקאָווסקי, אברהם שוויצמאַן, חיים שפּילבערג, מרדכי פּיטערס. אויך דער קאָנסול פון וואַרשעווער לאַנדסלייט, דער ועד־העיר אין מאָנטרעאַל ווי אויך די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק האָבן מיט זייער אונטער־שטיצונג צוגעהאָלפן ביים דערשיינען פונעם בוך.

פּ. ט.

מאָנטרעאַל, דעם 1טן נאָוועמבער, 1949.

# גנאַינע - גאַס

זי האָט דאָס מיך אויסגעוויגט און אויסגעצערטלט, געהאָדעוועט און דערצויגן, די גנאַינע גאַס, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן, ווי אַ גוטער ייד אין דער מקוה אַריין ערב שבת, פון דער גזשיבאָווסקע ביז די מיראָווער האַלעס; אויף איר האָב איך דאָס אויסגעשפּילט מיינע קינדערישע יאָרן, דאָרט האָב איך געליטן און געפרייט זיך, דערזען די ערשטע שטראַלן פון אַ יידיש לעבן, אַריינגעדרונגען אין די באַהעלטעניש פון יידישער גראַנגל־עקזיסטענץ, צווישן אירע מויערן האָב איך אָנגעפאַנגען צו באַנעמען דעם מקור פון יידישע ליידן און שמחות און דאָרט האָב איך באַגלייט דאָס וואָר־שעווער יידנטום צו דער אייביקער רו, צו קבורה.

היינט, ווען יענע וועלט פון מיין קינדהייט איז באַדעקט מיט רויכערדיקע וואַלקנס, ווען איך זיץ דאָ אין דער פרעמד און מיין זכרון בלאָנדזשעט, זוכנדיק אַ סימן, אַ מינדעסטע שפור פון יענע צייטן, טויכט אויף פאַר מיר מיין ליב און האַרציק געסל, ווו איך האָב מיין יוגנט פאַרבראַכט. עס לעבט אויף אין מיר די פאַרשיידנפאַרביקייט פון דער גנאַינע גאַס מיט אירע רבנים, רביים, גוטע יידן, רייכע סוחרים, בעטלערס, גנבים, גאַסן־פרויען, אַלפאָנסן, טרעגער־יונגען, גאַסן־הענדלערס, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן דאָס יידישע לעבן אינעם אַמאָליקן וואַרשע, אין דער געגנט פון דער פוילישער הויפּט־שטאָט, וועלכע מען האָט גערופן „פאַרן אייזערנעם טויער".

ס'איז געווען גענוג געווען אַ שפּרונג צו געבן, מען זאָל אַדורכשפּאַנען די גאַנצע גנאַינע גאַס — אַזוי קליין איז זי געווען. ממש אַ גענעץ פון אַ געסל. זיבן הייזער, דרייצן נומערן — דאָס איז געווען איר גאַנצער גוף, וועלכער איז אָבער מעכטיק געווען אין אַ ווירבלדיק יידיש לעבן. ממש אַ בינשטאָק פון יידישן שאַפן, לייסטונגען און אויך שוואַרצן, חרפּה'דיקע מאָמענטן.

אַלע, יידן פון גאַנץ וואַרשע, פּאַליאַקן פון זשאַליבאַזש און קאַשיקאָווע, יידן פון נאַדאַזשין און בלוינע, פון לעמבערג און קאַלאַ, אַלע האָבן זי געקאַנט, די גנאַינע גאַס. די יידישע הורט־סוחרים און קליינהענדלער פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס פלעגן קומען נאָך וואַרשע אויף אויסגעדאַרטע קליאַטשעס און צעפּאַרענע וועגעלעך, האָבן געמוזט באַלייגן אַ וויזיט דעם דאַזיקן געסל, וואָס האָט זיך ווויליונגעריש אויסגעצויגן אַרום וויעלאַפּאַלע. אַפילו די, וועלכע האָבן נישט געהאַט וואָס צו דערלידיקן אויף גנאַינע, נאַר זיינען געקומען נאָך אַלומיניום געפּעס אויף פּטאַשע, צי נאָך פּאַרצעלאַן, אָדער פּאַיאַנס אויף זשימנע, אָדער גאָר נאָך דרום־פּירות אויף פּשעכאַדנע, זיינען געווען פאַרפּליכטעט מיט אַ נישט־געשריבן געזעץ, אָפּצולייגן אַ וויזיט אויף גנאַינע.

געראַיעט האָט עס זיך דאָרט, ווי נאָר ס'קאָן זיך ראַיען אין אַ יידישער געגנט, וואָס איז דער נערוו פון האַנדל און האַנטווערקערטום. די גנאַינע גאַס האָט נישט געוווּסט פון קיין שלאָף. דאָ האָט די נאַכט נישט געהאַט איר ממשלה. בייטאָג זיינען די געשעפטן פול געווען מיט קונים, מיט טרעגערס, וואָס האָבן אויף זייערע מעכטיקע פּלייצעס געטראָגן זעק, קאַסטנס, באַלנס־סחורה, גאַנצע הייזער . . . די טראַטואַרן זיינען שוואַרץ געווען פון באַגינען אָן מיט דורכגייערס, בייגל־הענדלערס, סאָדע־וואַסער־פאַרקויפערס, מיט קוישן רעבע־ניסלעך, ביליקע צוקערלעך, קערן, העפטן, ליכט, הושענות און אַנדערע מציאות, וואָס זיינען אָנגעבאָטן געוואָרן, מיט חשק'דיקע לידלעך, צו די פאַרבייגייערס דורך באַרימערייען פון די אָפּ־געריסענע און אָפּגעשליסענע ראַגאָווע סוחרים. דאָ האָט אַ פּראָווינצער ייד געקלאָגט נאָך אַ פּעקל, וואָס ס'איז אים אָקאָרשט אַוועקגעקומען; דאָרט האָט אַן אָפּגעקומענער גביר געבעטן זיך מיט רחמים אַ נדבה; אַביסל ווייטער האָט איין פערדן־טרייבער געזידלט דעם צווייטן מיט אַלע תוכחה־קללות און ביים ראַג האָט אַ „מענטע", אַ פּוילישער פּאַליציאַנט, געיאָגט אַ יידישן גאַסן־הענדלער. יידן מיט פּוילישע היטעלעך און קאַפּאָטעס, אין מאַטשיעיוווקעס און אין הוילע האָר, פרויען עלעגאַנטע און פּשוט געק־ליידעטע, אין אויסגעבעטלטע בגדים און אין שמאַטעס, קינדער פאַרשמו־ציקטע און זויבערע, גוט געפּלעגטע און אויסגעמאָגערטע — אַלץ האָט איר דאָ געזען.

און אינעווייניק, אין די זיבן הייזער, האָט געשטורעמט אַ יידיש לעבן, מיט אַלע זיינע העלע און טונקעלע אָפּשיינען, מיט חכמה, מיט סוחרישער געניאַליטעט, מיט וועלטלעכער באַהאַונטקייט, מיט אַלע מצוות און

עבירות, וואָס זיינען געשטאַנען אין צענטער פונעם גרעסטן און פאַר־
וואָרצלטסטן יידישן קבוץ אין מזרח אייראָפּע, אין וואַרשע.

דאָס איין־הויפיקע הויז פון גנאַינע איינס איז אַלעמאָל געווען טונקל, אַפילו אין די תמוז־טעג. לינקס אויפן ערשטן שטאָק האָט רעזידירט דער באַקאַנטער וואַרשעווער רב. שכנה ריטשיוואָל ז״ל. א ייד אַ זקן, מיט א שניי־ווייסער באָרד און אַ הדרת־פּנים, פלעגט ער אַלעמאָל דורכשפּאַצירן דעם הויף מיט אַ שמייכל צו די קינדערלעך, וואָס האָבן אים אַרויסגעוויזן דעם געהעריקן יראת־הכבוד. זיין פּנים האָט זינט יאָרן באַדעקט אַ סודות׳פולער טרויער. זיין בקיאות און למדנות האָבן געשמט ווייט ארויס פון דער גנאַינע גאַס. איך זע אים נאָך היינט, ווי ער גייט צו דער גזשיבאָווסקע גאַס, צום בית־דין, וואָס האָט זיך געפונען אין בנין פון דער יידישער גמינע און וועמענס אַנגעזעענער חבר ער איז געווען; איך זע נאָך איצט זיין געזיכט, אַן אַראָפּגעלאָזטס איבער אַ ספר, וואָס פלעגט ווי אַ נר תמיד לויכטן אין זיין פענצטער און באַלייכטן דעם טונקעלעם הויף נומער איינס. —

אויף דער רעכטער זייט פון הויף איז ווי אַ קאַרמענדיקע מאַמע גע־שטאַנען דאָס שפּייז־געוועלבל פון ר׳ פלאַם, אַ דאַרינקן ייד, אַ מטופל מיט קינדער, וואָס האָט אַן אביונישן קונה געגעבן צו עסן אויף באָרג, און קיינמאָל קיינעם נישט געמאָנט קיין חובות. זיינע קינדער האָבן תמיד גע־צויגן די מאַמע ביי דער פּאָלע, וויינענדיקע און שטענדיק שרייענדיקע. אַ גוטער ייד, ר׳ פלאַם, אַ גוף אַן א גאַל, אַ האַרץ און א האַנט פון א גוטן גביר, כאָטש זיין קבצנות האָט געגרייכט מהודו ועד כוש. —

אויפן צווייטן שטאָק האָט דאָס קול־תורה אַריינגעבראַכט אַביסל לעבן אין דער תהומות׳דיקער איינזאַמקייט. דאָ האָבן קאַפּלאַן און קאַרנפעלד גע־קנעלט מיט יידישע קינדער חומש און רש״י, געאָגראַפיע און אַריטמעטיק. דאָס מאָדערנע חדר פון קאַפּלאַן־קאַרנפעלד האָט זיך קונה שם געווען אַלס דער בעסטער נאַציאָנאַלער לערן־אַנשטאַלט אין דער גזשיבאָווער געגנט. —

אויפן פּראַנט האָט געוווינט די באַרימטע צאָן־אַרצטין אפרת. אַ נידע־ריקע פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ הויכן מאַן און זין ווי די טיגערן, איז די אפרת ארומגעגאַנגען צווישן אירע אָרעמע פּאַציענטן ווי אַ מאַמע אַרום אירע אייגענע קינדער. זי האָט געהיילט, געטרייסט און אונטערשטיצט מיט אַ גראָשן אויך, און אויסגעהיילט טויזנטער פאַרפוילטע ציין, וואָס האָבן טאָג־איין טאָג־אויס געגריזשעט האַרט ברויט, ביליקע ביינער אָן פלייש און פּאַראייליצטע הערינג. אפרת איז דאָ געווען זייער פּאָפּולער. די גאַנצע קראָכמאַלנע, גנאַינע, רייכע און אָרעמע, האָבן זיך ביי איר געריסן ציין.

שטיל איז געווען אין דעם דאָזיקן הויף, שטיל און רויק, ווי דער מלאך המות אליין וואָלט דאָ פאַרזיית טויט. פון צייט צו צייט איז עמיצער געשטאָרבן, אָדער געבוירן געוואָרן, אָדער חתונה געהאַט און דעמלט איז געוואָרן אַ געוויין, א גערודער, אַ שמחה.

טומלדיק איז דערפאַר געווען אויף גנאַינע נומער דריי. אן אכסניה פאַר פּראָווינצער פורלעך, אַ מדינה פון גרויסע קעלערן מיט זויער־קרויט, הערינג, בלוי־געפעס, סמאַלע, פעדערן, איז קרעלס־הויף געווען אַ מין סאַפּעדיקער מאַטאַר, וואָס פּלאַצט שיעור נישט אויף פון אַן איבערפלוס פון פּאַרע. דאָ איז געבוירן געוואָרן פרידע לעסעלבוים, די פרוי פון זרובבל, פונדאַנען איז אַרויס אַ דור גע׳וער הסידים, דאָ האָט יאָרן־לאַנג געפּאַטשט זיינע חסידים און געוואָרפן דורכן פענצטער זייערע היטלעך דער קאָזשעניצער רבי ר׳ אַרעלע, ווער ס׳האָט געוואָלט שבת אויסטרינקען אַ פּאָר גלעזער ביר אָן געלד איז אַהערגעקומען צו ר׳ מנשה דעם שענקער, ווער ס׳האָט געוואָלט געפינען אַ גנבה איז געקימען צו מלכ׳ל פּאַסער, וואָס האָט אָפּגעהיטן דאָס טויער פון גנאַינע דריי ווי א קעניג היט אָפּ זיין מלוכה. דאָ האָט געוווינט יוקל גנב מיט זיינע זין־גנבים, וועלכע האָבן נאָר באַארבעט גבירים און טייער באַצאָלט די ענדעקישע סטודענטן, ווען די האָט זיך פאַרגלוסט צו קומען אויף גנאַינע גאַס שלאָגן יידן. דאָ האָט געוווינט עפּעס אַ רבי פון גאַליציע, וועלכער האָט צונויפגעזאַמלט זיין פּרנסה ביי פּראָסטע יידן, דאָ האָט געהערשט דער קעניג פון די טרעגערס — הערשל היימ־לאַזער, וועלכער האָט געשפּרודלט מיט הומאָר און זאַרגלאָזיקייט. אַנהענ־גען אַ הערינג אַ פּראָווינצן ייד אויף דער פּלייצע, אַריינגיסן אַ חסיד וואַסער הינטערן העמד — אויף דעם איז הערע׳ל היימלאַזער און זיינע שותפים, נאַטע הויקער און אברהם פעלטע געווען מומחים. — יידישע גראַבע יונגען, פּראָסטאַקעס, נח־פּאַנדרעס, וואָס האָבן אָבער געוויטיקט מיט אַ יידישער צרה און געטאַנצט אויף אַלע יידישע שמחות. און די אַריסטאָקראַטן פון גנאַינע דריי — די וואָלפשטיינס, לאַנג־יאַריקע אַדמיניסטראַטאָרן פון וואַרשעווער הייזער; די קאַמיענס, מאַגנאַטן און גרויסע קאָלאָניאַל־סוחרים; די געסטעלס, אָנגעזעענע גערער חסידים און גרויסע גבירים, און קראַטקע, קאַרגע מענטשן, אַזוי קאַרג ווי גרויס ס׳איז געווען זייער עשירות. אָבער דעם גרעסטן פּראַצענט־זאַץ פון גנאַינע דריי האָט פאַרנומען דאָס דלות — אַ שווינדזוכטיקער טרעגער, אַן אויסגעצנאַלאַסטע גאַסן־פרוי, „חסד׳לעך״, וואָס האָבן פאַרקויפט „דריי פאַר אַ צענער״. און ווען ס׳איז אָנגעקומען דער הייליקער שבת אָדער דער פייערלעכער פסח, האָבן די שמוציקע מויערן באַצירט זיך מיט אַ יום־טוב׳דיקייט, די קינדער־קעפּעלעך זיינען

אויסגעצוואָגן געוואָרן און אַלעמען, די רייכע און אָרעמע, האָט ארומגענומען די שכינה פון יידישער אייביקייט, וועמענס לעבעדיקע סימבאָלן זיי אַלע זיינען געווען. אין ערגעץ־ווו איז נישט געווען אַזאַ יום־טוב ווי אויף גנאַינע דריי, אין דעם הויז, וועלכעס האָט אויסגעקאָרמעט דריי דורות וואַרשעווער יידן.

פריוועסעס שול האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע הויז גנאַינע פינף. פון דער גאַס זיינען געווען עטלעכע געשעפטן מיט מעל פון די גאָלדמאַנ׳ס, מיט ליכט און פאַרבן פון פריד און מענדראַווסקי און מיט שאָקאָלאַד פון גאָלד־בערג. אינעווייניק האָט זיך מאַיעסטעטיש פונאַנדערגעשפּרייט די שול און דער בית־מדרש פון ר׳ שאיע פריוועס, דעם רייכן אייזן־סוחר, ווע־מענס נאָמען די שול האָט געטראָגן. אין דער ״אַזיקער שול האָבן געדאַוונט די שענסטע יידן פון דער גאַנצער געגנט, אָדער ס׳זיינען געקומען ״זאָגן״ קדיש די ״דייטשישע״ יונגעלייטלעך, וואָס א גאַנץ יאָר האָבן זיי נישט אריינגעשמעקט אפילו אין אַ שול אַריין. ביי דער מזרח־וואַנט זיינען גע־זעסן גבירים און ביי דער טיר — אָרעמעלייט, טרעגערס און פּורמאַנעס. דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט מחלוקות, קריגערייען, סיכסוכים. אויפן שול־הויף האָט אַ געוויסער סאָרט מתפּללים באַהאַנדלט וועלט־פּאָליטישע גע־שעענישן און פון צייט צו צייט פלעגט אַרויסקומען אַ פאַרברוגזטער ייד מיט אַ געשריי ״שקצים, פושעים — דאַווענען און נישט שמועסן!״. דער בית־מדרש איז געווען אַ מקום־מנוחה פאַר היימלאָזע, קאַליקעס, בעטלערס, וועלכע האָבן אָבער געמוזט פאַרלאָזן דאָס בית־התפילה 10 אַזייגער ביינאַכט און לויפן אויף דער דזשיקע גאַס צום באַרימטן ״צירק״, ווו זיי האָבן דורכגעשלאָפן די נאַכט פאַר א פאַר גראָשן. אין בית־המדרש האָט ר׳ איטשע־מאיר געהאַט זיין ישיבה, אין וועלכער איבער 60 פראַווינצער בחורים האָבן זיך מתעסק געווען אין לערנען יומם ולילה. און ווען ס׳איז אָנגעקומען ערב יום־כפור האָבן איבערן גרויסן הויף זיך צעקלונגען פושקעס, וועלכע האָבן אַראָפּגעשלונגען נדבות פאַר הכנסת־כלה, פאַר בית־לחם אָדער גלאַט פאַר אַ משפּחה ״וואָס גייט אויס פון הונגער״. און די פושקעס זיינען פאַרפולט געוואָרן. יידן האָבן געגעבן נדבות, נישט נאָר די קאָמיענ׳ס און די געסטל׳ס, נאָר אויך די ״חסד׳לעך״ און די אָרעמסטע צווישן די אָרעמע האָבן זיך באַשטייערט, ווען זיי האָבן נאָר פאַרדינט אויף אַ ביסן ברויט. אין די ימים־טובים איז די שול און דער בית־מדרש געווען איבערפולט, אָנגעפּאַקט מיט מתפּללים, אַז די ווענט האָבן זיך געקרישלט. ווער אין וואַרשע האָט דאָס נישט געקאַנט גנאַינע פינף, די שול פון ר׳ שאיע פריוועס. דער מושל און אַלמעכטיקער פונעם בית־מדרש איז פון אַלמעכטיקן אַליין

זיכער באשטימט געוואָרן ר' מענדעלע זייגערמאַכער, וואָס האָט אין די קאַלטע ווינטער־טעג פאַראַכטן זייגערלעך ביי אַ קאַרביד־לעמפל אין זיין קליין געשעפטל אין וויעלאָפּאָלע און זומער צייט האָט ער מיט זיין טאָכטער פאַרקויפט סאָדע־וואַסער מיט סאָק פאַר צוויי גראָשן אינעם זעלביקן געוועלבל זיינעם. אַ ייד, אַ בעל־מדות טובות, שטענדיק מיטן קאַפּל הינטערן פוילישן היטעלע און מיטן גאַרטל אַפילו אינדערוואָכנס, אַ ווייסע באָרד, הויך־געוויקסיק, מיט אַ ניגונדל — האָט ר' מענדעלע זייגערמאַכער ווי אַ טיגער געקעמפט קעגן די האַרן פון דער שול, וואָס האָבן געשטרעבט אַרונטערצונעמען אונטער זייער השגחה אויך דאָס קליינע בית־מדרש'ל. אָבער ר' מענדעלע האָט געהאַט הינטער זיך אַ גרויסן צד, פיל אָנהענגער, וועלכע זיינען געווען גרייט צו לויפן אין פייער אריין אויפן באַפעל פון זייער מלך. ס'פאַלק איז געווען מיט ר' מענדעלען — די גבירים מיט די מושלים פון דער שול. מיר קינדער האָבן געהאַלטן מיטן בית־מדרש־בלאָק, אַלזאָ מיט ר' מענדעלע זייגערמאַכער, דעם גבאי פון בית־מדרש אויף גנאַינע פינף. פון בית־מדרש האָט מען אונדז נישט געיאָגט, דאָרט האָט תמיד שימערירט אַ בין־השמשות הינטער וועמענס פליגלען מיר האָבן זיך אַרומגעשפּילט און געשטיפט; שבת־צו־נאַכטס האָט מען אויך אונדז „מכבד" געווען מיט שטיקלעך לעקעך אָדער הערינג פון דער מלוה־מלכה, וואָס ר' מענדעלע האָט וואָך־איין וואָך־אויס פּאַטריאַכאַליש געפּראַוועט. —

זייערע שאָטנס שוועבן איצט אַרום מיר; זיי, די בלינדע בעטלערינס, דער אינוואַליד אָן הענט און אָן פיס, דער ריטשנדיקער זיך אויף אַלע פיר, די געזונטע בעטלערס, די ליידיקגייערס, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן די אביונים־אַרמיי, וועלכע האָט טאָג־טעגלעך זיך אויסגעשטעלט אין אַ שפּאַלער, נישט דורכלאָזנדיק קיין שום מתפּלל, אויב ער האָט פריער נישט אַריינגעוואָרפן אַ צווייערל אָדער פּינפערל אין דעם בעטלער־טעלערל. גנאַינע פינף, די רעזידענץ פון רייכע, פרומע, פרייע, יונגאַטשעס, סתם גראָבע יונגען און בעטלערס, שנאָרערס אָן אַ שיעור, אַט דער שול־הויף איז געווען אַ שטיק יידישע געשיכטע פונעם חסידיש־נגידיש־אביונישן וואַרשע.

אין די דעמפּיק־הייסע זומער־באַגינענס, וואָס זיינען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די יידישע קוואַרטאַלן, איז די גנאַינע גאַס איבער־געוועקט געוואָרן פון אַ הויכן, קלינגנדיקן הוסט. די גנאַינע האָט זיך דעמלט אויפגעכאַפּט פון איר שווערן שלאָף, וואָס איז בשום אופן קיין שלאָף נישט געווען. יאָסל די בעטשקע, אָדער ווי ער איז נאָך באַקאַנט געווען אַלס דער „גראָבער יאָסל" האָט דאָס געוועקט די פאַרהאָרעוועטע יידן צו עבודת



טשאַרנע טרעפמאַן (וואַרשאַווסקי) הי״ד



חורבות פון דער „גרויסער שול״ אויף טלאָמאַצקע גאַס



דער איבערבלייב פון קראָכמאַלנע גאַס

היום. דער גראָבער יאָסל איז געווען אייגנטימער פון אַ קנאַיפּע אין טויער פון גנאַינע זיבן. צוויי קליינע צימערלעך האָט זי פאַרמאָגט. יאָסל׳ס קנאַיפּע — און אַזויפיל היסטאָרישע איבערלעבונגען און באַזוכער. שטענדיק האַלב־פינצטערלעך מיטן כאַראַקטעריסטיש־איינגעבאַקענעם גערוך פון ביליקע מאכלים איז זי אָבער געווען די פיליאַלע פון פּוילישן קריגס־מיניסטעריום... „אידזשיעמי דאָ יאָסקאָ" איז געווען די פּאַראָל ביי פּוילישע הויכע מי־ליטער־שררים נאָך דער לאָזונג „אידזשיעמי נאַ וורהאַגאָ". אין יאָסל׳ס צוויי־צימערדיקן שענק האָט איר געטראָפן דעם גענעראַל וויעניאַוואַ־דלוגאָ־שעווסקי — פּוילנס טאַפּפערן זון פון 1918, אַמבאַסאַדאָר ביים וואַטיקאַן אין רוים און ערשטער שיכור פון דער זשעטשפּאָספּאָליטאַ. פונדאַנען האָט מען פיל מאָל ארויסגעפירט אין אַ נישט קלאָרן צושטאַנד הויכע גענעראַלן, דיפּלאָמאַטן און פּאָליטיקער. ביי יאָסלען זיינען עטלעכע מאָל געווען צו־גאַסט וואַלערי סלאַוועק — פּרעמיער פון פּוילן, מיעדזשינסקי — באַ־קאַנטער פּאַרלאַמענטאַריער און אָנפירער פון דער פּאָלקאָווניקעס־גרופּע. דאָ אויף גנאַינע זיבן האָבן הויך־געשטעלטע פּוילישע פירסטן און גרעפינס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם הערב פון זייער שטאַם און באַוויזן זיך אין דער נאַקעטער, ווולגאַרער נאַטירלעכקייט פון אַ צעהוליעטן שלאַכטשיץ.
די קנאַיפּע פון גראָבן יאָסל איז געווען די צווייטע היים פאַר די פּוילישע רודערער פון דער מלוכישער שיף. און יאָסל, דיק, רונדיק, מיט אַ בויך אויף וועלכן מען האָט געקאָנט אַרומטאַנצן, האָט זיך געמיטלעך געפּאָרעט אַרום זיינע חשובע געסט, געקלאַפּט זיי אין פּלייצע, דערציילט פּעטע וויצן און צונויפגעשטעלט מיט זיין פעט הענטל די לאַנגע רעכענונגען... ווען גראָבן יאָסל האָט וואַרשע געזעגנט לידלעך, שלאָגערן. גרויסע מענטשן זיינען צו אים געקומען, באַדאַי איבערגעצאָלט די פּרייזן, אָבער אַלעמען האָט געפרייט, וואָס זיי זיינען געווען אין דער רומרייכער, באַרימטער קנאַיפּע אויף גנאַינע זיבן. —

ערב שבת האָט איר אויך גנאַינע זיבן געזען הונדערטער טשאָלנטער, וואָס זיינען ווי זעלנער געשטאַנען אויסגעשטעלט אינדרויסן צוליבן מאַנגל אין פּלאַץ ביי געדאַלע בעקער. גאַנץ גנאַינע האָט געטראָגן די טעפּ מיט טשאָלנט צו געדאַלען, וועלכער האָט באַשיינט זיין בעקער־אויוון מיט דער הויכער געשטאַלט, מיט דער לאַנגער באָרד און מיט זיינע העלדישע זין פון וועלכע ער האָט קיין צופּיל נחת נישט געקליבן. ווען די שבת מלכתא האָט אַראָפּגענידערט אויף גנאַינע גאַס, זיינען די טעפּ פאַרשוווּנדן אין אויסגעהוילטן אויוון־בויך פון געדאַלעס בעקעריי, וועלכע האָט געהערט צו די גרעסטע אין אונדזער געגנט. און ווען ס׳איז אָנגעקומען פּסח, די

וואָך פאַרן פייערלעכן יום־טוב, איז גע־אַלע זוי א פעלדמאַרשאַל ארומגע־גאַנגען צווישן זיינע רעדל־דרייערס, ווערגערער, נאמנים, וועלכע האָבן זיך דאָ פאַרדינט אויף פסח. אַ טייערער ייד איז ער געווען, געדאַלע בראַנד־שטעטער. אַ ייד מיט באָרד און פאות, כאָטש אין די קליינע אותיות האָט ער זיך קנאַפּ וואָס פונאנדערגעקליבן. אָבער זיין געשטאַלט, זיין אויסזען האָט זיך אַזוי שטאַרק צוזאַמענגעוואַקסן מיט אונדזער געסל, אַז ווען געדאַלע איז אַוועק אויפן עולם האמת, האָט די גאַנצע גאַס אויסגעזען ווי אַ קערפּער ביי וועמען מ׳האָט אַראָפּגענומען אן אבר. —

און די מקוה אויף גנאַינע זיבן, דאָס חדר, דאָס גערער שטיבל, די אביונים און רייכע יידן — אַ צווייטע גנאַינע דריי, אַ יינגערער ברודער פון אים.

גייענדיק ווייטער איז אייך אַנטקעגנגעקומען גנאַינע ניין מיט די גרויסע הינער־קאַמער; און נאָך ווייטער — גנאַינע עלעף, ווו ס׳האָט אַרויסגעשיינט דאָס באַרימטע וורשטן געשעפט פון אסתרל לאָוטערשטיין, וועמענס ריזיקע געשטאַלט האָט זיך יעדן טאָג, צוויי מאָל אין טאָג, אדורכ־געשפּאַצירט מיט מאַיעסטעטישע טריט אויפן שמאָלינקן טראָטואַר. גנאַינע עלעף, יאַנאַשעס הויף, אַ באַזאַר, ווו איר האָט געקאָנט איינקויפן פון כל־טוב — פיש, לעבעדיקע און טויטע, פלייש, מעל, פוטער, געפעס, וויין און וואָס דען נישט. דאָ האָט מען אַזוי שטאַרק געשריען, געקוויטשעט, גע־זידלט זיך און גלייך זיך צוריק איבערגעבעטן, אַז ס׳האָט זיך אייך אויס־געדוכטן ווי גאַנץ יאַנאַשעס הויף איז באַגאַסן געוואָרן מיט קאָכעדיק וואַסער. דאָ האָבן „געאַרבעט״ די קראַכמאַלנער גנבים, די טרעגערס פון גאַנצן אַרום און הענדלערס פון יעדן שטאַנד און קאַטעגאָריע.

דאָס לעצטע געשעפט פון גנאַינע גאַס האָט געהערט צו מ. ב. פּראַנט, אַ גרויסער קאָלאָניאַל סוחר, אַ ייד אַ מאַגנאַט ביי וועמען די קונים זיינען געלעגן ממש אויפן טיש, בעטנדיק זיך וואָס שנעלער דערליידיקט צו ווערן. פּראַנט׳ס סחורות האָבן געשמ׳ט פון זייער הויכער קוואַליטעט. פּראַנט און זיינע זין און טעכטער, בכלל די גאַנצע משפחה, האָט געהערט צום אדל פון וואַרשע.

און וויפל פאַמיליעס האָבן אָפּגעלעבט יאָרן אויף דער גנאַינע גאַס ווי מייז אין די לעכער, אויף די בוידעמס און אין די קעלערן, און קיינער האָט גאָרנישט וועגן זיי געוווסט? — מען האָט נישט געזען זייער געראַנגל

פאַרן טעגלעכן ברויט, מען האָט נישט געפילט זייער הונגער־שמערץ און נישט אינטערעסירט זיך מיט זייער גורל.

*

װוּ איז איצט מיין גנאַינע געסל?

װוּ זיינען אַװעקגעקומען אירע שװאַרצע, אָפּגעשליסענע מויערן; װוּ זיינען איצט אירע מכל המינים יידן, װעלכע האָבן באַקרעפּטיקט דעם קיום פון פּוילישן יידנטום; װוּ זיינען פאַרװאָגלט געװאָרן די צװיי בלינדע הויף־מוזיקאַנטן, װאָס האָבן געזונגען װעגן אסתר־רחל קאַמינסקיס טויט, װעגן זישע ברייטבאַרטס טראַגישן סוף אָדער װעגן אַ מיידל, װאָס האָט זיך אַראָפּגעװאָרפן פון דריטן שטאָק, װייל איר חתן איז אַװעק נאָך אַמעריקע; װוּ געפינט זיך דער ייד מיטן רענצעלע געצייג, װאָס האָט איבער די הייף גערופן „זייגערס צו פאַרעכטן”; װוּ זיינען די „גוט־שבת־יידעלעך”, װעלכע האָבן געזאַמלט אין די שבתדיקע פרימאָרגנס חלה אָדער פלייש, צוקער אָדער פיש פאַר די אָרעמע קראַנקע פון טש־סטער שפּיטאָל; װוּ זיינען די „האַנדי, האַנדי יידעלעך”, װאָס האָבן ביי אייך אָפּגעקויפט אַלע שמאַטעס און אַלט שיכװאַרג — װוּ זיינען זיי אַלע אַט די טייערע, האַרציקע, נישט־פאַרגעסלעכע געשטאַלטן, װאָס לעבן אין אייער בלוט, אין מוח, אין די געדאַנקען אייערע און װאָס באַשיינערן דעם שװאַרצן יידישן אָרום פון דער גנאַינע גאַס.

דאָרט װוּ זיי האָבן געלעבט, דאָרט װוּ זיי האָבן זיך געמאַטערט און געיובלט, דאָרט װוּ זייערע טריט האָבן באַרירט דעם ערדישן טאָל, דאָרט שטאַרצן היינט אַרויס הויפנס גרוז צװישן װעלכן ס׳יאָגן אַרום אויסגעהונגערטע שטשורעס, װעלכע באַלעבאַטעװען אויפן מורא׳דיקן יידישן בית־עולם פון גנאַינע גאַס, פון יידישן װאַרשע.

# חנה דזשיאַבאַק

חנה דזשיאַבאַק — אַזוי האָט מען זי גערופֿן, אָט די קאַזאַצקע יידענע, וואָס האָט פֿאַרן טויער פֿון גנאַינע דריי פּאַרקויפֿט ביליקע קיכלעך צו פֿינף גראָשן, פֿאַנטשקעס געקאַכטע אין שוואַרץ־סאַדזשעדיקן אייל און מאָן־קיכלעך פֿון וועלכע ס׳האָט אַ גאַנצן מעת־לעת געבערענט אויפֿן האַרצן.

איר געשעפֿט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַ פּיר־קאַנטיקער, שוואַרצער בלעך, וואָס איז געלעגן אין געהאַקטע צרות אויף אַ ליידיק קעסטל פֿון ציטרינען אָדער פּאָמעראַנצן.

— אַ גוטן מאָרגן אייך חנה׳לע, זייט געזונט חנה׳שי, לייזט אַ סך געלד חנה׳לעבן — האָבן זי באַגריסט די בעסערע לאָקאַטאָרן פֿונעם הויף, די סמעטענע און די אַריסטאָקראַטן פֿון צווישן די הונדערט־פֿינף־און־פֿערציק איינוווינער פֿון קרעל׳ס ממשלה.

און ווי איז געווען צו דעם יעניקן, וועלכער האָט אַמאָל פֿאַרגעסן זי צו באַגריסן.

יידן אין שטראַמלעך האָבן איר אָפּגעגעבן אַ ברייטן „גוט שבת״; פֿרייליינס האָבן זיך אויף אַ ווײַלע ביי איר אָפּגעשטעלט און אַרומגערעדט ווייבערישע ענינים; יונגערמאַנטשיקעס האָבן פֿאַר איר מאַיעסטעטיש גע־בויגן די קאָפּ. אַלע האָבן צו איר געלאַכט, געשמייכלט און געווען צופֿרידן, ממש גליקלעך, אַז דאָס באַגעגעניש מיט איר איז גלאַטיק אַדורך, אָן אַ צוואַמענשטויס. מען האָט געדאַנקט און געלויבט דעם בורא־עולם, ווען חנה איז געווען פֿאַרטאָן מיט אַ קונה — אָדער, ווען זי האָט צוריקגעשמייכלט אויף אַ באַגריסונג.

פאַרשיידענע קונים האָט חנה דזשיאָבאַק באַדינט. געקויפט האָבן ביי איר אַזעלכע, וועלכע האָבן געציטערט פאַר איר לשון־הרע, וואָס איז אין איר געטאָקט מיילעכל געוואַקסן ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן. ביי חנה׳ן אויס־צוטראַכטן, אַז דאָס מיידל שוואַנגערט, אָדער אַז די טאָכטער פון אַ באַ־קאַנטן חסיד וווינט מיט אַ שגץ, אָדער אַז גרשון גרינבלאַט האָט באַגנבעט זיין בעל־הבית, אָט אַזעלכע פאַנטאַסטישע אויסטראַכטונגען האָבן ביי איר געהערט צו די לייכסטע זאַכן, צו די, וואָס מען שלינגט זיי אַראָפּ מיט איינמאָל. דעריבער, שטרעבנדיק אויסצומיידן אַ שם־רע, האָבן זיי איר געגעבן צו לייזן און שפּעטער, אַוועקגייענדי׳ק אין דער צווייטער גאַס אַריין, האָבן די דאָזיקע קונים אַוועקגעוואָרפן חנה׳ס סחורה, וואָס האָט געשמעקט מיט זויערקייט און סאַכאַרינישער זיסקייט און וועלכע איז זיי נישט גע־גאַנגען אין מויל אַריין.

זייער אָפט פלעגן זיך ביי איר „געשעפט״ אָפּשטעלן אויסגעפּראַצעוועטע אַרבעטער, וועמענס פּנימער ס׳האָט באַהערשט אַן אויסגעמאַטערטע מידקייט פון שווער־פאַרהאָרעוועטע טעג. זיי האָבן אַרויסגעקראַצט פון די צעריסענע רעקלעך גראָשנס, צונויפגעקליבן זיי, אָפּגעציילט און איינגעקויפט ביי חנה׳ן אַ פרישטיק, אַ מיטיק צי אַן אָוונט־ברויט, וואָס איז אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון עטלעכע דאַרינקע פּלעצלעך. פון צייט־צו־צייט איז צו איר קראַם צוגעלאָפן אַ יונג, איינגעוויקלט אין שמאַטעס און געבעטן זיך מיט אַ וויינענדיקער שטימע:

— חנה, נאָך איינמאָל, גיט אַ קיכל, ס׳האַרץ גייט אויס, מאָרגן גיב איך צוריק, כ׳דאַרף פאַרדינען, מ׳האָט צוגעזאָגט, יאָך זאָל אַזוי לעבן.

חנה׳ס האַרץ האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו טריפן, איר קערפּער איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ ברויזנדיקן רחמנות־געפיל. איז גראָד אין יענעם מאָמענט אַדורכגעגאַנגען אַ באַקאַנטער סוחר צי סתם אַ פאַרמעג־לעכער שכן, האָט זי אים איינגעהאַלטן און גלייך אַרויף אויף אים:

— ר׳ משה פאַדלעץ, איר גייט זיכער אויף מיטיק, האַ? איר׳ט זופן די יויך און אַריינהאַקן אַ פאַלקע אָדער אַ שפּאַנדרע. און אפשר וועט איר פאַר דעם־אַ איבערלאָזן אַ פּאָר גראָשן. ער גייט דאָך אויס פון הונגער, איר זעט? — שלעפּט נאָר אַרויס אַ פּופּציקער, אויב נישט וועט אַ רוח אין אייער טריפה׳נער נשמה אַריין.

האָט ר׳ משה געגעבן דעם הונגעריקן אַ נדבה, האָט חנה אים אַוועק־געשיקט גלייך אין גן־עדן אַריין. אויב אָבער איז זיין האַרץ נישט ווייכער געוואָרן, אויב איז דער גביר געגאַנגען ווייטער זיין וועג און זיך נישט

צוגעהערט צו חנה׳ס מוסר־רייד, האָט אָט די פּראָסטאַטשקע און אונטער־װעלטס־פרוי פאַרשאָלטן אים, זיין פרוי און זיינע קינדער. זי האָט דאַן אַרויסגענומען פון דער בלעך עטלעכע געבעקס־שטיקלעך און דערלאַנגנדיק אים די מתנה האָט זי צוגעגעבן:

— אַ קרענק אים װעל איך דערלאָזן, אַז דו זאָלסט שטאַרבן. פּרעס און פּאַשאָל װאָן פונדאַנען.

דעם מיאוסטסטן סוף האָבן ביי איר אָפּגעשניטן די פּרייערס, די, ביי װעמען ס׳איז געװען ליידיק אין מוח און נאָך ליידיקער אין דער קעשענע און װאָס האָבן זיך, צו איר פאַרדרוס, געצויגן װי בלומען צו דער זון. אַזאַ איינער, נישט קענענדיק חנה דזשיאַבאַק, איז צוגעקומען צו איר בלעך, אָנגעהויבן צו קװענקלען זיך איבער דער סחורה, אויסגעטאַפּט און אויס־געקניטשט אַ טוץ קיכלעך און געדרייט מיט דער נאָז, באשר די פּאַנטשקעס זיינען צו קליין אויסגעװאַקסן, אָדער די ליפּעץ־בלעטלעך זיינען צו װייניק זיס. נישט גענוג, װאָס דער דאָזיקער קונה האָט מיט זיין באַנעמונג מוראדיק באַליידיקט חנה׳ס סוחרישן שטאָם, איר װאַנדערנדיק געשעפט און בכלל איר גאַנץ װעזן, האָט ער זיך נאָך צום סוף אָנגעהויבן אזוי שטאַרק דינגען װעגן די פּרייזן, אַז חנה דזשיאַבאַק איז פּשוט אַרויס פון די כלים:

— הער נאָ דו, פּענטאַצקע זריעה, ביי דיין מאַמען דעם שליאָך האָסטו געגעסן בעסערע קיכלעך? קוק דיך נאָר אָן װי דו זעסט אויס, דו אויסגע־װייקטער אוליק, דו ליידיקער שקאַרמעץ. ס׳געפעלט אים נישט מיין קיכל; און ביי באַמאַװויטש׳ן אָדער ביי הירשפעלד׳ן װעט מען דיר געבן עפּעס בעסערס? װעסט דיר באַלד דאָ אויסרעכטן אַלדע שװאַרץ יאָר! זע נאָר טויבע, האָט זי זיך געװאַנדן צו איר שכנטע, אויך אַ גאַסן־הענדלערין, װי געפעלט דיר עפּעס דער יאָלד. דאָס פּאַקראַטשנע באַשעפעניש? אָן אָנשי־קעניש גלייך צומאַרגנס, האַ? — ס׳זאָל אויסגיין צו זיין קאָפּ און צו זיין לייב און לעבן — האָט זי פאַרענדיקט, נישט קוקנדיק שוין מער אויף אים.

אָפּגעזאָגט אויף שנעל איר תפילה איבערן דערשראָקענעם קונה, האָט זי אים דערלאַנגט אַזאַ האַסטיקן שטויס, אַז יענער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעװיכט און איז אומגעפאַלן. און חנה דזשיאַבאַק האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט פון איר העלדישער טאַט און פון יענעמס אומבאַהאָלפנקייט, אַז די גאַנצע גנאַינע האָט געקלונגען פון איר געלעכטער.

עטלעכע מאָל אין טאָג האָט זי אָפּגעפּערטיקט אויף אַזאַ אופן אומשול־דיקע, אָרעמע קונים, װעלכע האָבן נישט געװוסט מיט װעמען זיי האָבן צו

טאָן און נאָר דערפאַר האָבן זיי זיך דערלויבט אויף אַזאַ לייכטקייט אינעם שמועס מיט חנה.

נאָר אייגענע האָבן זיך געקאָנט דערלויבן אַ שפּאַס צו טאָן מיט איר. פרעמדע האָבן געמוזט מיט איר זיין ערנסט, באַהאַנדלען מיט פּיעטעט איר סחורה און זיך רעכענען מיט יעדן וואָרט, ווייל אין קעגנפאַל האָט געוואָרט אויף זיי אַ שרעקלעכער פּסק, אַ שוואַרצע קאַץ אין־דער געשטאַלט פון דער דזשיאָבאַטער קיכלעך־הענדלערין פון גנאַינע נומער דריי.

*

אויסגעזען האָט זי ווי אַ נישט־ערדיש באַשעפעניש, וואָס איז אַראָפּ־געשיקט געוואָרן צו שרעקן דעם מענטשלעכן מין.

דאָס פּנים ביי איר איז געווען געשטופּלט און דאָס אויסגעריסענע פלייש האָט די צייט און עלטער פאַרפולט מיט טונקעלע פלעקן. אַ לעכער־דיקער זאַק איז דאָס געווען און נישט קיין געזיכט. אַ האַלבע נאָז איז ערגעץ ווו אַוועקגעקומען. דאָס האָבן אַמאָל אירע קינדערישע הענטלעך אראָפּגעריסן אַ שטיק נאָז־פלייש, ווען די מאַמע, בעת די פּאָקן־קראַנקהייט האָט געמאַטערט איר קערפּער, האָט פאַרגעסן צו פאַרבינדן זיי. חנה׳ס קאָפּ־האָר זיינען געווען עפּעס משונה׳דיק שטייפע און האָבן געשטאַרט אַלעמאָל אויף איר גראַד־ווינקלדיקן קאָפּ ווי שטאַלענע דראָטן. די הענט — צוויי שפּאַדלס, באַוואָרפענע מיט מאָזאָליעס און שטענדיק שוואַרצע. די שוואַרצקייט האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט שמוץ, דאָס האָט איר פינצטערער גורל געוואָרפן אויף זיי דעם חושכ׳דיקן אָפּשיין פון דער גרויסער קבצנישער הערשאַפט. אירע הענט האָבן אייך אַלץ דערציילט וועגן דער קיכלעך־הענדלערין חנה דזשיאָבאַק, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ האַרץ פון אַ רוצח און פון אַ צדקנית אין איין גוף.

חנה דזשיאָבאַק האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעטאָן — אַזאַ איינדרוק האָט זי אויף מיר איבערגעלאָזט זייט מיין קינדהייט, זייט יענעם טאָג, ווען כ׳האָב מיך צום ערשטן מאָל מיט איר באַגעגנט, ביזן לעצטן מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן זי אַוועקגענומען נאָך טרעבלינקע. תמיד איז אויף איר געלעגן אַ גראָבע שיכט בגדים, וועלכע האָט זי נאָך דיקער און אַגרעסיווער געמאַכט אין די אויגן פון אירע באַקאַנטע. די קליידער זיינען געווען איר פאַנצער קעגן פראָסט, ווייל אויך אין די בייסיקע ווינטער־טעג און אַוונטן האָט זי נישט פאַרלאָזט איר פּאָזיציע. די קליידער האָבן אויך געשיצט

איר קערפּער פון שטעקנס, אָפּגעשוואַכט די קלעפּ, וואָס חנה האָט הויפּנווייז אינקאַסירט פון די פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געיאָגט די גאַסן־הענדלערס.

אַ שווער און ביטער לעבן האָט געפירט חנה דזשיאַבאַק. גאַנץ פרי, ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן צו בלויען, פלעגט זי אויפשטיין, בכדי אָפּצוואַרטן די בעקער־יונגען פון קראָכמאַלנע גאַס, וואָס האָבן איר צוגעשטעלט די סחורה. נאָך די דאָזיקע טראַנזאַקציעס האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אין טויער פון גנאַינע דריי און אָנגעהויבן זינגען כלערליי פּאַסקודנע לידלעך. חנה האָט זיך פאַר קיינעם נישט געשעמט. אויף דער העכסטער אָקטאַווע האָט זי אויסגעזונגען די הימנען פון דער יידישער אונטערוועלט, וועלכע האָבן אין איר אויספירונג באַקומען דעם טעם פון די וואַרשעווער יידישע פיש, אַזוי זאַפטיק, זיס, פעט און באַשמאַלצן האָט זי ווי ארויסגעברענגט פאַר אירע צוהערערס. און צוהערערס האָט זי פאַרמאָגט אָן אַ שיעור. נישט איין חזן אָדער זינגער וואָלטן זי מקנא געווען. בעת אירע „אויפטריטן" אינעם טויער פלעגן זיך אַרום איר זאַמלען די טרעגערס, די סאַמע פירערס פונעם גנאַינע טרעגערטום, די קעשענע גנבים, פורמאַנעס און סתם ווילע־יונגען, וועלכע האָבן געשטראַלט פון איר געזאַנג. מען האָט זי נישט אָפּגעלאָזט, זי זאָל מאריך זיין איר שירה. די שירת חנה האָט שוואַך געמאַכט אַפילו דעם גרויסן, דיקן, דעמבענעם חיים פּאָלושעק, וואָס צוליב זיין מעכטיקייט האָט ער באַקומען דעם צונאָמען פּאָלושעק — פינגערל.

נאָכן געזאַנג איז זי אַוועק צו דער פּרנסה, צו איר שוואַרצער בלעך מיט קיכלעך. אָבער נישט יעדן טאָג האָט חנה דזשיאַבאַק געזונגען.

אַ ביטערע פּרנסה איז דאָס געווען, אָט דאָס מכלומרשט אומשולדיקע שטיין מיט דער בלעך ביים טויער.

אַ גאַנצן טאָג אַרומיאַדען זיך מיט קונים, מיט אביונישע קונים, וואָס האָבן פשוט ביי איר געוואָלט אַ קיכל אומזיסט. עס האָט אויך פּאַסירט, אַז אַ פרעמדע הענדלערין, אַזאַ פון אַ פרעמדער גאַס, וואָס איז קיינמאָל דאָ נישט „געשטאַנען", האָט צעלייגט איר סטראַגאַן ביי חנה'ס ד' אמות. צו־ערשט איז אַוועק אַ סדרה דראָונגען, זידלערייען, מורא'דיקע באַליידיקונגען און ווען דאָס אַלץ האָט נים געהאָלפן, זיינען חנה'ס הענט־שפּאַדלעס אריין אין דער אַקציע. חנה האָט געקעמפט ווי אַ לייבעכע, ביי ווען אַן אַנגע־לאָפענער שונא וויל צונעמען די קליינע, די קינדער. פייערדיקע פעטש און די געמיינסטע קללות האָבן זיך דעמלט צעקלונגען איבער דער גנאַינע

גאס. פון די געשעפטן זיינען בהלה׳דיק ארויסגעלאפן צעשראקענע סוחרים, מיינענדיק, אז ווידער זיינען פוילישע כוליגאנעס באפאלן און צעשלאגן א ייד. זעענדיק אבער חנה׳ן אין אן אנגורייפנדיקער פאזע, זיינען זיי באַרויקטע אריין צוריק צו זייער באשעפטיקונג, אויסמאלנדיק א זיג־זאג אויפן שטערן מיט דער האנט, וואס האט באדייטעט: „שוין ווידער אונדזער גאלדן חנה׳לע״.

די באזיגטע אימפעריאליסטקע האט נאך אזא צוזאמענשטויס ־אויסגעזען ווי איין שטיק פארגליוערט בלוט. ציין האבן זיך געוואלגערט אויפן ברוק; אין חנה׳ס הענט זיינען פארבליבן אויסגעריסענע האר; די סחורה פון דער פרעמדער האט זיך געפלוסקעט אין רינשטאקדיקע פאמיעס, צווישן אפפאַלעכץ און מיסט. יענע האט געמוזט אוועקגיין, ווייל חנה דזשיאבאק איז געוועזן אומבאזיגבאר.

אפגעפערטיקט זיך מיט איין צרה א״ז אנגעלאפן א צווייטע.

חנה׳ס פארביסנ[illegible]ע שונאים זיינען געוועזן די פוילישע „מענטעס״, וואס האבן זי — און נאך אנדערע אזעלכע ווי זי — פארפאלגט צו יעדער מינוט פון טאג. איז אוועק איין פאליציאנט איז גלייך אנגעלאפן א צווייטער, און ווידער איז אויסגעוואקסן דער ערשטער און א פערטער, און א רייטער־פאליציאנט אלס צוגאב. ווען חנה האט באקומען א „צונג״, אז „א מענטע גייט״ האט זי בליץ־שנעל געכאפט איר בלעך און געלאפן צום הויז אין טויער און פון דארט איבער די שטיגן [illegible]יזן בוידעם. וויפל מאל האט חנה פארלוירן איר סחורה בעתן לויפן; וויפל מאל האט זי זיך פארטשעפעט אן א פארבייגייער און צעשאטן די קיכלעך, וועלכע זיינען צעטראטן געווארן דורך די באשטיוולטע־פיס פונעם אנגעלאפענעם פאליציאנט; וויפל מאל פלעגט דער פאליציאנט זי נאכיאגן ביז אויפן בוידעם ארויף און דארט ממיתן איר גוף מיט זיין גומענער פאלקע ביז בלוט, דערנאך אוועקנעמען די קיכלעך און לסוף נאך פארשרייבן א פראטאקאל? — וויפל מאל האט זיך חנה געווארפן אויף איר בלעך, ספאזמאטיש זי צוגעדריקט צו זיך ווי א מוטער, וואס וויל נישט אוועקגעבן איר קינד צו א רוצח — און דער פאליציאנט, אן אייגעבויגענער איבער איר, האט אין איר אריינגעקלאפט ווי אין א פאס מיט קרויט? — וויפל מאל האט חנה דזשיאבאק, אט די העלדישע און מוטיקע יידענע, וואס האט זיך געקאנט פארמעסטן מיט צען מענער, צעוויינט זיך ווי א קליין קינד? — וויפל מאל האט זי זיך מיט געביילטע פויסטן געווארפן אויף אירס א פארפאלגער, וועלכער האט געצילט צעשטערן איר בידנעם קיום, און צעריבן אים אויף אש?

יידישע ווירקלעכקייט, יידישע נויט און פארבלוטיקטע טעג, ווי אומרחמנות'דיק איר זייט געווען צו חנה דזש'אבאק!

*

די דזשיאבאטע חנה איז נישט געווען אליין אויף גאטס וועלט. זי האט געהאט א מאן, צוויי קינדער ווי אויך א שוועסטער, וועלכע האט אויך דער וועלט געשאנקען צוויי נפשות, אבער אן א מאן... די דאזיקע גאנצע פאמיליע האט באוווינט צוויי צימערלעך און א קיכל אויפן דריטן שטאק פונעם לינקן פליגל אויף גנאינע דריי.

דער מאן אירער, מלך פאסער, איז ווי א שומר תמיד געשטאנען אויף דער צווייטער זייט פונעם טויער. חנה דזשיאבאק פון לינקס און מלכ'ל פון רעכטס — צוויי לייבן פון דער אונטערוועלטס־מדינה. מלך האט נישט גערעדט צו זיין ווייב. יארן־לאנג זיינען זיי געווען ברוגז און געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט אויפפרעסערישע בליקן.

מלך גנב, ווי מען האט אים אויך גערופן, איז געווען א קליין מענטשעלע, א נידעריקס מיט א שמאלינקן געזיכט, קליינע פיס און נאך קלענערע הענט, וואס האבן אבער פארמיטלט אין גרויסע גנבות. דערפאר איז ער געווען זייער באוועגלעך. ער אליין האט נישט געגנבעט, ווייל זיין פחדנות האט אים דערצו נישט דערלאזט, נישט צוליב עפעס אנדערש. ער פלעגט נאר שטיין פון א זייט און צוקוקן ווי יענער „לקח'נט". אויב די ארבעט איז כשר אדורך האט ער שוין אפגעווארט דעם גנב אין זיין, מלכ'ס, מלינה, אין טויער פון גנאינע דריי, פלעגט אפקויפן די סחורה און גלייך זי שיקן ווייטער. אויב אבער דער „פרייער" האט זיך נישט געלאזט, איז מלך פאסער אוועק שפאצירן איבער דער גאס, מורא האבנדיק צו געפינען זיך אין שכנות פונעם אפגעבריטן מאראוויכער.

חנה'ס מאן איז זייער אפט גערופן געווארן אלס בורר צו דין־תורות צווישן גנבים. ער האט פארמיטלט אויף אזא אופן, אז פאר אים איז אלע־מאל עפעס פארבליבן. ער האט גוט געלעבט מיט אלע גנבים, מיט די טרע־גערס און פארמאנעס, ווייל געציטערט האט מלכ'ל פאר קלעפ. און אזא פארשוין קאן שוין דווקא פון קיין קלעפ זיך נישט ארויסדרייען. האט ער טאקע זייער אפט אזוי שטארק אריינגעלייזט, אז ביי יעדן מאל האט אים דאס קעטשל פון דער „פאגאטאוויע" געמוזט אוועקפירן אין א פארחלש'טן צושטאנד. חנה האט זיך אויף אים אין אזעלכע מאמענטן מרחם געווען און געהאלפן איסהיילן די ווונדן, אבער ווי נאר ער איז ווידער געזונט

געוואָרן, האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן דער ברוגז צווישן חנה דזשיאַבאַק און מלך פאַסער.

צעקריגט האָבן זיי זיך — געדענק איך נישט ווען, נאָר די סיבה פון אָט דעם שטרייט איז געלעגן אויף אַלעמענס ליפּן.

— אַ קלייניקייט האָט פּאַסירט — האָט מלך געטענה׳ט — און מיין חנה האָט געוואָרפן אויף מיר אן אומחן.

און די קלייניקייט איז באַשטאַנען דערין, וואָס ביים פאסער מלך האָבן זיך דערוועקט גלוסטעניש צו חנה׳ס שוועסטער, צו דער שענערער און שטראַמערער אסתר־חיה, וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט אויף רעדלעך מיט פּאָמעראַנצן, צוקערלעך און אויבסט האָט ביים רינשטאָק פון גנאַינע דריי. אסתר־חיה איז יעדן פאַרנאַכט אַריינגעפאָרן מיט איר געשעפט אין הויף אַריין און דאָרט פאַרפּאַקט די סחורה צום נאַכט־אָפּרו. באַגינען איז זי ווידער מיט איר געשעפט ארויסגעפאָרן צום רינשטאָק. אַזוי האָט זיך איר פרנסה־קוואַל געדרעדלט יאָר־צענדליקער.

די גלוסטעניש פון מלך פאַסער צו אסתר־חיה האָבן זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ שטורעמדיקן אויפברויז, וועלכער האָט זיי ביידע פאַרבונדן ווי אַ פּאָרל אין דער חופּה־נאַכט. חנה דזשיאַבאַק איז פאַר־וווּנדעט געוואָרן ביז די טיפעניש פון אירע פאַרהוילטע געפילן. ווי אַ פאַרבלוטיקטע חיה האָט זי זיך געוואָרפן אויף איר שוועסטער, געטראַסקעט איר גוף, געשלאָגן, אריינגעביסן זיך מיט די ציין און נעגל אין איר פלייש און אויף אייביק זיינען אָט די ביידע שוועסטערס פאַרבליבן דם־שונאים. מלכ׳ן האָט זי גאָרנישט פאַרגעהאַלטן, זי האָט צו אים מער נישט גערעדט. אין איר האַרץ האָט געטריפט אַ וווּנד, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך איר געלעכטער, דורך איר געזאַנג, דורך איר גאַנץ וועזן. וואַרשע האָט געזונגען אַ שלאַגער וועגן חנה דזשיאַבאַק׳ס טראַגעדיע, אַ ליד, וואָס האָט זיך געשלענגלט דורך די ביידעמס און קלערן פונעם וואַרשעווער אָרעמטום.

צוויי קינדער האָט חנה געברענגט אויף דער וועלט. אַ יינגל, וואָס איז אויסערלעך געוועזן ענלעך צום טאַטן און מיט אים געהאַלטן; און אַ טאָכ־טער, אַ שיינהייט פון אַ מיידל, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פון דער מאַמען. יענטל איז אויסגעוואַקסן אַ „געטאָקטע ליאַלקע״, וואָס האָט געצויגן צו זיך אַלע ווילע־יונגען פון דער גנאַינע. נישט איינמאָל האָט חנה זי גע־כאַפּט אין אַ הייסן מאָמענט מיט אַ טרעגער צי גנב, ווען מענס וויב האָט פאַרשאָלטן אירע יאָרן. נישט איין חרפּה האָט חנה געהאַט אויסצושטיין

פון איר געראַטענער און באמת שיינער טאָכטער. ווי ס׳וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט, אַזוי גוט געדענק איך די טרערן פון די פּאַראַטענע פּרויען, ביי וועמען יענטל האָט צוגערויבט די מענער. שפּעטער, ווען די דײַטשן האָבן פֿאַרשפּאַרט די וואַרשעווער יידן הינטער מויערן, האָט יענטל אָנגעהויבן שמוקלען געווער און אַנדערע טריפה׳נע זאַכן פֿונעם אַרישן פּערטל. יענטל האָט נישט איין דייטש פאַרדרייט דעם קאָפּ, די:ענדיק אַזוי אַרום דער זאַך פון דער יידישער אונטערגרונט־באַוועגונג. זאָל איר נאָמען, דער נאָמען פון אַ שיינער יידישער אונטערוועלטס־טאָכטער, וואָס האָט העלדיש געדינט איר פּאָלק, לייכטן אויף דורות און זאָל ער זיינען אַלס ביישפּיל פאַר אַ טייל פון די בעסערע יידישע מיידלעך, וועלכע האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם אָנגרייפנדיקן שטורעם פון יענע פינצטערע טעג.

חנה׳ס זון איז אויסגעוואַקסן אַ לייט. מלך פּאַסער האָט אים אָוועקגע־געבן אין אַ שפּייז־געוועלבל, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס סוביעקט. אויסער דעם האָט ער אויך באַזוכט אַן אָונט־שולע און נישט איינמאָל האָט זיין מאַמע אים פאַרשעמט אין די אויגן פון זיינע חברים מיט איר אויפפירונג און גראָבע רייד. מאיר, חנה׳ס זון, איז אָוועק פון דער גנאַינע. ער איז אָוועק פון זיין געסל, פון דער קיכלעך־בלעך, וואָס האָט אים אויסגעהאָ־דעוועט, פון זיין מוטער און פונעם פּאַטער. זייער זעלטן פלעגט ער אַראָפּקומען צו זיינע עלטערן. בעת די באַזוכן זיינע אויף גנאַינע, איז חנה געשטאַנען אויף איר אָרט און איינגעהאַלטן איר לשון. ער פלעגט צו איר צוגיין, אויסקושן איר העסלעך פּנים, צודריקן דעם מוטער־גוף צו זיך און אָוועקגיין אָן ווערטער. חנה׳ס טרערן האָבן אים תמיד באַגלייט. זיי האָבן אים באַגלייט פון זיין געסל, פונעם אָרט פון וועלכן זיין גורל האָט אים אָוועקגעריסן.

ליבע איז געווען רויט ווי אַ בוראַק. איר׳ע האָר האָבן פאַרגעלט איר דיק, גראָב געשטאַלט. געלע האָר און אַ בלוט־רויט פּנים — צוויי מחותנים, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געלעבט צווישן זיך בשלום. צו ניינצן יאָר האָט זיך ליבע שוין געקייקלט ווי אַ פאַס, אַזוי גראָב און אויסגעפּעפט איז גע־ווען איר קערפּער. ליבע האָט געהערט צו אסתר־חיה, אָבער דעם פּאַטער האָט זי נישט געקאַנט און קיינמאָל נישט געזען. ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַ שמועה, אַז ליבע האָט אויסגעשפּראָצט פון מלך פּאַסערס אַ זוים. חנה דזשיאַ־באַק האָט זי פיינט געהאַט ווי אַ דאָרן אין אויג. נישט זעלטן האָט זי איר פאַרווונטשן דעם טויט. אָבער ליבע האָט געלעבט און געזונט געווען ווי צו להכעיס חנה דזשיאַבאַק און צו איר עגמת־נפש.

אסתר־חיה האָט אויך געהאַט אַ זון, מענדל, אַ הינקנדיקער און אײדע־לער בחור, וואָס האָט געווירקט ווי באַלזאַם אויף אָט דער צעקריגטער און צעברעגטער משפחה. מענדל איז געווען אַ טייערער מענטש, אַ דימענט, אַ בריליאַנט, וואָס האָט געלינדערט זײַן מאַמעס שמערץ און באַרויקט די מומע חנה, ווי ווייט ס׳איז אים דאָס געלונגען. אויך ער איז אַוועק פון דער גנאַינע גאַס. די מאַמע האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַ טריקאָטאַזש־פאַבריק, וווּ ער האָט זיך גאַר שנעל אויסגעלערנט ס׳פאַך און געוואָרן זעלבסטשטענ־דיק. שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ בעל־בתיש מיידל און געפירט אַן אנשטענדיק און רויק לעבן. פון צײַט־צו־צײַט איז ער אַראָפּגעקומען אויף גנאַינע, צוגעהאָלפן דער מוטער אין איר אַרבעט, געקושט די מומע חנה און אַראָפּגעבראַכט מיט זיך אַ שטראַל פון וואַרעמקייט, וואָס האָט געהיילט די ווונדן פון זײַן פאַרצערטער משפחה.

חנה דזשיאַבאַק איז גרייט געווען צו שפרינגען אין פייער אַרײַן פאַר מענדלען, אַזוי ליב געהאַט האָט זי אים.

*

יאָרן־לאַנג האָבן זיי אַזוי געלעבט, אָט די צעקאַליעטשעטע גלידער פונעם דאָזיקן קרום־אַרויסגעוואַקסענעם בוים. געפירט אַ לעבן פול מיט שרעק פאַרן מאָרגן, מיט קאַמף פאַר יעדער מינוט; געשפּרודלט האָט פון זיי מיט פּראָסטקייט און געמיינקייט, מיט ליבע צו אַן אָרעמאַן און שנאה צו זיך אַליין, וואָס גאָט האָט זיי אַזוי מורא׳דיק געשלאָגן.

חנה האָט אַלעמען געשאָלטן, אָבער איר קללה איז אויפגענומען גע־וואָרן ווי אַ ברכה, ווייל געוווּסט האָט מען, אַז איר האַרץ איז לויטערער פונעם לאַזור־הימל, וואָס האָט צייטנווייז אַ לייכט געטאָן איבערן עלנט פון חנה דזשיאַבאַק׳ס רעזידענץ.

חנה איז געווען די קעניגין פון גנאַינע דריי, אַ קעניגין, וואָס איר אָרמיי איז באַשטאַנען פון די ערגסטע געמיינע יונגאַטשעס, וועלכע האָבן אָבער געליבט זייער שטאָם, זייער סביבה, זייער קלאַס.

ווען די היטלעריסטישע הארדעס האָבן פאַרמויערט דאָס יידישע וואַרשע הינטער דער געטאָ־וואַנט, פלעג איך זען חנה דזשיאַבאַק, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען די זעלביקע יידענע וואָס פאַר דער מלחמה. איר פּנים האָט געקוקט מיט אַ פּאַנישן פחד, איר גאַנג איז פאַרשטומט געוואָרן און ווען זי האָט דערבליקט אַ פּוילישן פּאָליציאַנט אָדער אַ דײַטש,

האָט זי שוין מער נישט אַנטקעגנגעשטעלט אי״ם איר מוט, נאָר אין אַ בהלה׳שן אימפּעט איז זי אַנטלאָפן ווי אַ האָז. חנה׳ס גבורה איז פאַרשוווּנדן.

און ווען איר האָט געקוקט אין יענע טעג אויף חנה דזשיאַבאַק, אויף איר צעבראָכן געמיט, אויף אירע ווילדע פון שרעק אויגן, אויף איר ני־דערגעפאַלנקייט און באַשיידנקייט, האָט אייך געעגבערט דער געדאַנק, אַז דאָס האָבן די דייטשן פאַרניכטעט אַ שטיק יידיש־וואַרשעווערווירקלעכקייט.

צום לעצטן מאָל האָב איך זי געזען, אַ מאַרשירנדיקע אויף איר לעצטן לעבנס־וועג, מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, מי״ט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ. טרערן האָבן גערונען פון אירע חיה׳שע אויגן, טרערן, וואָס האָבן מיט אַ סדומיקן זאַלץ פאַרזייט דעם וועג פון וואַרשע נאָך טרעבלינקע.

אַזוי האָט זי פאַרענדיקט איר שטרייט מיט גאָט, מיט דער מענטשהייט פון איר שטאָנד און מיטן געסל, וואָס איז פאַר איר געוועזן די קרוין אויף איר קאָפּ.

חנה דזשיאַבאַק, די טייערע יידישע טאָכטער, וועלכע האָט ליב גע־האָט מענטשן אויף איר שטייגער, וועלכע האָט געדאַוונט צום באַשעפער מיט אַ פּסוק פונעם גנבים־לעקסיקאָן, איז געוועזן אַ קאַפּיטל, אַ שטיק פונעם יידישן וואַרשע.

---

# ר׳ ארעלע קאָזשעניצער

נישט אַלעמאָל האָט זיך געטאָן חושך אויף דער גנאַינע גאַס; נישט אַלעמאָל האָט מען דאָרט געשריען און געדונגען זיך; נישט יעדן טאָג האָבן הונגעריקע געיאָמערט און בעטלערס געשנאָרעט אַ נדבה; נישט אַלעמאָל האָבן שטאַרקע יונגען, שלאָגנדיק איינער דעם צווייטן, אונטערגעהאַקט זיך די זייטן. נישט אַלעמאָל האָבן סוחרים ארויסגעוואָרפן נדבה־גייערס; נישט תמיד האָבן פוילישע פּאָליציאַנטן פאַרפאָלגט די גאַסן־הענדלערס און נישט אַלעמאָל האָבן הונגער און עלנט, שמחות און לויות, משפחה־טראַגעדיעס און דערהויבענע מאָמענטן איינגעצוימט דאָס לעבן פון די גנאַינע־איינוואוינער אין די מויערן פון זייער הערשאַפט, פון זייערע געזעצן און קאָדעקסן.

געקומען זיינען אויך אַזעלכע טעג, וואָס האָבן אַראָפּגעשליידערט די פינצטערקייט פונעם גנאַינע־פּנים און פאַרוואַנדלט דאָס שווינדזוכטיקע געסל אין אַ קדש־קדשים, אין אַ היכל פון וועלכן ס׳האָט געשטראַמט יום־טוב׳דיקייט, הימלעשע געלייטערטקייט. אין אָט די מאָמענטן האָבן זיך די אָפּגעשליסענע ווענט פון די הייזער באַצירט מיט בגדי מלכות, די איינוואוינער האָט ארומגענומען דער עמוד־האש פון יידישער אייניקייט, די שטיינער האָבן זיך פאַרביטן אין בית־המקדש־טעפּיכער און די לופט האָט געדופטעט מיט ריח־ניחוח פון בית־המקדש׳דיקער פייערלעכקייט.

אַזעלכע מינוטן און טעג האָט די גנאַינע גאַס איבערגעלעבט, ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער קאָזשעניצער רבי, ר׳ ארעלע קאָזשעניצער, וועט זיך באַזעצן ביי זיינס אַ חסיד אין הויף נומער דריי.

די ידיעה האָט אַרומגעכאַפּט אַלע איינוואוינער. איבערגענומען מיט דער בשורה, האָבן די טרעגערס באַשלאָסן מער נישט אַרויסצוברענגען פון

זייערע מיילער געמיינע רייד, וואָס האָבן געקלונגען ביי זיי ווי תּפילות ביי גוטע, פרומע יידן. די רעשיקע, קינדעריש־עזע הויף שטיפערס זיינען כסדר באַרויקט געוואָרן דורך זייערע עלטערן. די בעלי־עגלות האָבן אָפּגעקילט זייער פורמאַנישן טעמפּעראַמענט בעתן אָנטרייבן די בייניקע פערד מיט „העיטאַ — וויאָ״. ווייבער האָבן מיט אַ פרומען געזיכט־אויסדרוק גע־גלאָצט די אויגן ארויף, דאַנקנדיק דעם „טאַטן אין הימל״ פאַר דער גרויסער זכיה, באַערט צו ווערן מיט אַזאַ הייליקן שכן, ווי ס'איז געווען דער קאָזשעניצער רבי.

אין איינעם אַ פאַרמיטיק האָט זיך די בשורה פאַרווירקלעכט. עס איז געווען אַ וואָכעדיקער טאָג פונעם שאַ־ען גנאַינע לעבן. ר' אַרעלע ז"ל איז אַריינגעפאָרן אין הויף אַריין אויף אַ יידי"שער דראָזשקע, וועלכע האָט שיעור נישט אויפגעפלאַצט פון דער שווערער משא שמשים, וואָס זיינען נישט אָפּגעטרעטן פונעם רבי'ן אויף אַ טראָט. הינטער אים זיינען נאָכגעפאָרן קרוב אַ צענדליק דראָזשקעס מיט חסידים, רביישע מאַרשאַלן, וועלכע האָבן צוזאַמען געבילדעט די גוואַרדיע פונעם קאָזשעניצער הויף. אויס דרך־ארץ צום רבי'ן האָבן די סוחרים פאַרמאַכט זייערע געשעפטן, דער פּוילישער הויף־סטאָראָזש איז אין אַ בהלה'שן הענדום־פענדום אַריינגעלאָפן צו זיך אין דער סטראָזשאָווקע, די טרעגערס האָבן מיט יראת־הכבוד איינגעהאַלטן דאָס פערד פון דער דאָראָזשקע, ס'זאָל דעם רבי'ן חלילה גאָרנישט געשען ביים אַרויסשטייגן. זייערע אייזערנע דלאָניעס האָבן אַ כאַפּ געטאָן דאָס געפּעק און אַרויפגעוואָרפן עס אויף די פּלייצעס און מיט דראָונגען צו די נייגיריקע, זיי זאָלן מאַכן מער דורכגאַנג־אָרט, זיינען זיי פּשוט אַרויפגעפלויגן אויפן צווייטן שטאָק פון דער מיטל־געביידע אויף דער גנאַינע דריי, וווּ דער רבי איז איינגעשטאַנען.

דער רבי, וועלכער איז אַריבער שוין די דרייסיקער, האָט געשטראַלט מיט הייליקייט. זיין פּנים איז געווען יונג און רויטלעך, זיינע אויגן — צוויי ברילִיאַנטן, וואָס האָבן פאַרלייכטן דעם ארום. די באָרד איז געווען ביי אים נישט לאַנג, דאָס געזיכט רונדיק, די פיגור סימעטרישע אויסגע־טאָקט און שיין געבויט און אויף דעם אַלעם, אויפן גאַנצן געשטאַלט פון ר' אַרעלע האָט ממש די שכינה גערוהט — האָבן ווייבער נאָכגעזאָגט די באַהויפטונגען פון זייערע מענער.

ווען דאָס געפּעק איז שוין רויק געלעגן אין דער וווינונג, איז דער רבי מיט דער לייכטקייט פון אַ יינגל אויסגעשטיגן פון דער דאָראָזשקע, צוגעגאַנגען צו הערשעלע היימלאָזער, דעם מלך פון די טרעגערס, און פאַר־

פירט מיט אים אַ שמועס. ער האָט אים אויסגעפרעגט וועגן זיין פרנסה, וועגן זיינע בני־בית און וועגן זיין פאָטער עליו־השלום. ביים שלוס פונעם שמועס האָט דער רבי דערלאַנגט הערשלען אַזאַ פייערדיקן פּאַטש, אַז די גנאַינע דריי האָט לאַנג, לאַנג אים געהערט. דער פאַרזאַמלטער עולם, וועלכער האָט צוליבן געדראַנג נישט געקאָנט זיך צוהערן צום שמועס צווישן רבי'ן און דעם טרעגער־מלך, האָט זיך געוואָלט מיט פויסטן וואַרפן אויף הערשעלען מיינענדיק, אַז דער האָט מיט עפּעס אַ נישט־פּאַסיק וואָרט באַליידיקט דעם קאָזשעניצער. דער רבי האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פונעם אַנטשטאַנענעם גערודער און איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג צום הויז, וועמענס שטיגן ס'האָבן געפירט צו זיין נייער וווינונג. ביי די שטיגן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אַמאָל דערלאַנגט, אָבער דאָס מאָל אַ שטאַרקערן פּאַטש, דעם אַנגעזעענעם פעדערן־סוחר יצחק סטודניבאָרעק.

אַזאַ מין ערשטער צוזאַמענטרעף מיטן קאָזשעניצער רבי'ן האָט איבער־געלאָזט אַ פּיינפולן איינדרוק אויף די יידן פון גנאַינע דריי.

אַ טייל יידן, די מער פרומע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט רביישע ענינים, זיינען נאָך פון פריער געווען אינפאָרמירט וועגן די מנהגים פון ר׳ ארעלע קאָזשעניצער. עס איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דער רבי האָט אין זיין קינדהייט געליטן אויפן קאָפּ אַ׳ן שיעור טאַקע פאַרבליבן חסור דעה. די קאָזשעניצער חסידים זיינען מ׳יט אים אַרומגעפאָרן צו די גרעסטע און באַרימטסטע פּראָפעסאָרן, צו געניאַלע פּסיכיאַטרן, וועמען ס׳איז דאָך געלונגען צו דערהאַלטן דעם רבי׳ן ביים נאָרמאַלן צושטאַנד. ס׳איז אים נאָר פאַרבליבן פון יענע יאָרן אַ ווילדקייט, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין רייסן נעז, אין פּאַטשן און קנייפּן. און גליקלעך איז גע־ווען דער יעניקער, וועלכער האָט באַקומען פונעם רבי׳ן אַ מתנת־יד. דער געשלאָגענער וועט זיכער רייך און גליקלעך ווערן, און אויב ער איז קראַנק, וועט ער בעזרת השם יתברך ווערן אויסגעהיילט. אַזוי שטאַרק איז געווען דער גלויבן אין זיינע פּעטש.

אַנדערע האָבן ווידער דערציילט, אַז דעם רבינ׳ס ווילדקייט איז אים פאַרבליבן אַלס זכר פון צו פיל לערנען. דער רבי איז אַ גאון בדורו, אַ זשעני אין לערנען און זיין מוח איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטורעמדיקן תורה־קוואַל, וועלכער איז נאָך דורך קיינעם נישט איינגעהאַלטן געוואָרן און אַוודאי נישט דורך אַ יחיד, מעג עס זיין דער קאָזשעניצער אַליין. טעג און נעכט, חדשים און יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אויף דער גמרא־באַנק, אויסמיידנדיק די פּאַסירונגען און ענינים פון דער ארומיקער וועלט. ווען

ס׳האָבן זיך ביי אים געיאווועט די ערשטע סימפּטאָמען פון זיין אומגע־צווימטקייט. האָט דער פאָטער זיינער און די אָנגעזעענסטע חסידים, גע־וואָלט אים אויף אַ צייט אָוועקרייסן פונעם ספר. אָבער ר׳ אַרעלע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן זייערע פאַרלאַנגען און נאָך מער זיך פאַרטיפט אינעם נישט־דערגרונטעוועטן ים פון תורת־ישראל. און שליסלעך האָט פּאַסירט דאָס, וואָס דאָקטוירים האָבן פאָרויסגעזאָגט און פאַר וועלכן מען האָט אַזוי זיך געשראָקן.

אָבער דער ברייטער עולם גנאַינע־איינוווינער האָט גאָרנישט געוווּסט פון די אַלע קלאַנגען און האָט מיט אַ ציטער אין האַרצן, מיט שרעק און מיט שלעכטע נביאות אויפגענומען דעם קאָזשעניצער רבי׳ן.

יאָרן־לאַנג האָט דער קאָזשעניצער געוווינט אין אָטוואָצק, אינעם הערלעכן קור־אָרט ביי וואַרשע, וועלכער האָט געשמט פון זיינע סאָסנע־וועלדער און געזונט־מאַכנדיקער לופט. דאָס זאַמד, זאַרגלאַזע און רייכע אָטוואָצק האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם רבי׳ן ביי זיך. דעם רבינ׳ס הויף איז אריינגעפאַלן אין חובות, זיין רעזידענץ איז ליציטירט געוואָרן און ר׳ אַרעלע האָט געמוזט פון דאָרט אָוועק אין דעם ווירבלדיקן, שריי־ענדיקן און רוישיקן וואַרשע. די אָטוואָצקער יידן האָבן לאַנג, לאַנג באַ־דויערט דעם רבינ׳ס לך לך. מען האָט צוליב דעם פאָרויסגעזען שלעכטע צייטן פאַרן יידישן אָטוואָצק, מען האָט מורא געהאַט, אַז אויף דעם אָרט, ווו דער רבי האָט געהאַט זיין ווילדע, וועלן זיך באַזעצן פון הימל אַראָפּ־געשיקטע גייסטער, וועלכע וועלן זיך נוקם זיין פאַרן רבינ׳ס עוולה, פאַר דער היימלאָזיקייט פונעם בלוט־יורש פון אַלטן קאָזשעניצער מגיד.

גנאַינע גאַס האָט מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען דעם רבי׳ן. אָט דאָס טייערע געסל, דער בינשטאָק פון יידישן דלות און נויט, די מויערן, וועלכע האָבן זייט יאָר זיך צוגעהערט נאָר צו האַרץ־רייסנדיקע קרעכצן, דער איין־און־איינציקער טראָטואַר, אויף וועלכן ס׳האָט זיך ארומגעוואַל־גערט דאָס בילד פונעם פוילישן יידנטום — גנאַינע איז געווען שטאָלץ און איבערפולט מיט גאווה, וואָס אויף אירע שטיינער באַוועגן זיך די טריט פון אַזאַ הייליקן ייד, פון דעם קאָזשעניצער רבי׳ן.

אנדערהאלבן יאָר האָט ר׳ אַרעלע קאָזשעניצער געוווינט אויף גנאַינע דריי, אכצן חדשים — און וואָס פאַראַ פילפאַרביקייט, וואָס פאַראַ הייליקייט, התרוממות הנפש און גדלות די צייט האָט אראָפּגעבראַכט אויף דעם דאָ־זיקן געסל. אַלע זיבן הייזער, אַלע לאָקאַטאָרן פון די קאָמיעניצעס האָבן

מיטגעלעבט מיט דעם דאָזיקן געשעעניש. און עס איז געווען אַ געשעעניש — פאַר גאַנץ ווארשע און נישט בלויז פאַר אונדזער געסל.

עד סוף כל הדורות וועלן לעבן אין מיין זכרון אָט יענע בילדער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן קאָזשעניצער רבי'ן פון דער גנאַינע גאַס.

שבתים — קיין שענערערע האָב איך נישט געזען און נישט מיטגעמאַכט ווי די, ווען היטלעך זיינען געפלויגן פון פענצטער, ווען פעטש האָבן פאַרויטלט חסידישע באַקן, ווען יידן מיט צעשיידיקטע נעז זיינען געלאָפן אהיים נאָך אַ רפואה. מיר זיינען נאָך דעמאָלט געווען גאָר יונגע יינגלעך. נאָכן עסן ביי זיך אינדערהיים, האָבן מיר זיך אַ לאָז געטאָן פון די שטיגן און געלאָפן צום רבישן טיש. פאַרשטייט זיך, אַז די שמש־האַנט האָט פאַר אונדז פאַרשפאַרט דעם אריינגאַנג אין צימער, וווּ ביי אַ לאַנגן טיש איז געזעסן דער רבי מיט זיינע חסידים. דאָס צימערל איז געווען ענלעך צו אַ קעסטל, אַזוי קליין און ענג איז דאָרט געווען און מיט גרויסע שווע־ריקייטן האָט עס קוים אַריינגענומען די צוויי מנינים יידן. האָבן די שפּעט־געקומענע געמוזט טאַקע שטיין אין דער קיך און אין הויז און איבער די קעפּ פון די ראשונים אריינכאַפּן אַ בליק כאָטש צו דעם, וועמענס נאָמען איז זיי אַזוי טייער געווען. פלעגן מיר יינגלעך זיך אַדורכשמוגלען צווישן די חסידישע פיס, באַגנבענען דעם שמש'ס שמירה און אָוועקזעצן זיך ביים ווינקל הינטערן טיש, דאָרט אין רבי'נס צימער.

זייער אָפט האָט פּאַסירט, אַז דער רבי איז דעם גאַנצן שבת נאָכמיטיק געזעסן מיט זיינע חסידים ביים טיש און נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט. אַ גאָטפאַרכטיקע שטילקייט האָט געהערשט אין אַזעלכע מינוטן אין דעם צימער מיט אַ בין־השמשות'דיקן אָפשיין. ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט נישט באַוויזן איינצוהאַלטן זיין אָטעמען און אַ הוסט געטאָן. די חסידים האָבן שפּעטער דערציילט, אַז אין די שטומע מינוטן טרעפט זיך ר' ארעלע מיט זיינע נפטר געוואָרענע גרויסע פאָרגייערס און בעט ביי זיי רחמים פאַרן געשלאָגענעם פאָלק ישראל. נאָך אַזאַ שטילקייט פלעגט דער רבי צורופן איינעם פון די חסידים, געהייסן אים גלייך שטיין און געשלאָגן אים ביז ס'בלוט האָט אים באַמאָלן דאָס געזיכט און די באָרד. אָפּגעפּער־טיקט זיך מיט איין חסיד, האָט ער צוגערופן צו זיך אַ צווייטן און איבער־געחזרט מיט אים די זעלביקע הלכה. און דער צעשלאָגענער איז געווען אין די הימלישע הויכקייטן, ער האָט דערפילט דעם טעם גן־עדן, עס האָט אים געקוויקט דער שטאָלץ, וואָס גראָד אים האָט דער קאָזשעניצער רבי היינט געשלאָגן. קיינמאָל האָבן פעטש אַזוי מחיה'דיק נישט געווירקט ווי

די, וואָס ר׳ אַרעלע האָט דערלאַנגט ווינע חסידים, וועלכע האָבן דערין געזען אַן אצבע אלקים.

געוועזן זיינען אויך אַזעלכע שבתים, ווען דער רבי האָט גערעדט תורה, געשמייכלט און דערציילט וואונדער פון ווינע באַרימטע אבות. יענע שבתים פלעגט ער זיך אויפהייבן פון זיין כסא, אַרומגיין איבערן חדר צווישן די חסידים און אַראָפּוואַרפן זייערע היטלעך דורכן פענצטער. עס זיינען דעמאָלט געפלויגן פוילישע היטעלעך, יאַרמולקעס און הוטן. די ווייבער האָבן געקוקט דורך די פענצטער און מיט אַן אייגנאַרטיקער מימיק דערציילט זיך, אַז די שכינה האָט זיך שוין ווידער באַזעצט אויפן רבי׳ן.

מיר יינגלעך האָבן געלעכצט נאָך אַזעלכע שבתים, ווי אַ דורשטיקער וואַרט אויף אַ צוגעזאָגטן אים טרונק וואַסער. אונטער דער קאָמאַנדע פון אונדזער עלטסטן, פּונעם יינגלערישן קיניג האָבן מיר צונויפגעקליבן די היטלעך און זיי גוט אויסבאַהאַלטן אין אונדזערע נישט דעראַבערטע קעלערן. די חסידים פלעגן אַראָפּקומען צו לויפן אין די הוילע קעפּ און זיך בעטן מיט טרערן אין די אויגן, מיר זאָלן אומקערן זייער קאָפּ־צודעק. זיי ווילן נישט פאַרפעלן — האָבן זיי אַפּעלירט צו אונדזער געוויסן — קיין איין וואָרט פון רבינס דרשות. זיי וועלן אונדז מאַרגן גוט באַלוינען, ברענגען צוקערלעך און אפילו שאָקאָלאַדע, אַבי מיר זאָלן זיך נישט נאַריש מאַכן און צוריקגעבן זיי דאָס, וואָס דער רבי האָט אַנגערירט מיט זיין פינגער. מיר זיינען אָבער פאַרבליבן פאַרעקשנט און זייערע בקשות האָבן אויף אונדז נישט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק. זיי האָבן געמוזט לויפן אַהיים. אַן היטל האָט דאָס טיש־זיצן דאָך נישט געהאַט קיין צוועק... האָט זיך געראַיעט אין יענע שבתים אויף דער גנאַינע גאַס פון חסידים אין סאַמעטענע קאַפּאָטעס, אין שטיוול, מיט בערד און פאות, וואָס זיינען אַרומגעלאָפן איבערן הויף און איבער דער גאַס בגלוי־ראש. קיינער האָט זיי די עבירה נישט גענומען פאַר שלעכט, קיינער האָט זיי דערפאַר נישט געזידלט, ווייל אַלע האָבן געוווסט, אַז דאָס זיינען חסידים פון ר׳ אַרעלע קאָזשעניצער. אין די זונטיקן נאָך אַזעלכע שבתים האָבן מיר איינגעאָרדנט אַן אויספאַרקויף פון היטלען. די חסידים זיינען צו אונדז אַראָפּגעקומען מיט זיסוואַרג, ווער מיט אַ פאַמעראַנץ, ווער מיט אַ פאָר גראָשן און צוריקגענומען די הייליקע אבידה. יעדער איינער פון זיי האָט געמוזט דערקענען זיין אייגנטום, זיין היטל אָדער יאַרמולקע און אַ צופרידענער זי גענומען מיט קדושה אין דער האַנט אַריין. ס׳האָט אויך פּאַסירט, אַז די חסידים האָבן פאַרטוישט זייערע היטלעך, איינער האָט באַקומען דעם אַנדערנס

היטל אָדער יאַרמולקע, זיינען דאַן ווידער אַנטשטאַנען סקאַנדאַלן, רעקלאַ־מאַציעס. אָבער מיר האָבן זיך שוין דעמאָלט געהאַט אויסבאַהאַלטן פאַר זייערע קלעפּ און פאַר שמיץ פון אונדזערע טאַטע־מאַמע.

דער הויף אונדזערער איז תמיד פול געווען מיט פורן. דאָ האָבן זיך אויפגעהאַלטן פּראָווינצער שפּיליטערס, וועלכע זיינען אויסגעדונגען גע־וואָרן דורך סוחרים איבערצופירן משאות פון דער פּוילישער מעטראָפּאָליע. ביז איבער די קנעכלעך האָט מען טיילמאָל געטראָטן אין פערדיש אָפּפאַ־לעכץ און אין אויסגעשאָטענעם האָבער. נאָר מיט אַקראָבאַטישע קונצן האָט מען געקאָנט אַדורכגיין דעם הויף.

ר׳ ארעלע קאָזשעניצער האָט זיך גוט באַפריינדעט מיט די בעלי־עגלות פון גנאַינע דריי. ער פלעגט זיי זידלען און שלאָגן, שמועסן מיט זיי און לאַכן. נישט איינמאָל האָבן מיר אים געזען, זיצנדיק אויף אַ פּלאַטפאָרמע און נעבן אים עטלעכע פורמאַנעס, וועלכע האָבן מיט גרויס דרך־ארץ צו־געהערט זיך צו זיינע רייד. אַן אומפאַרגעסלעך בילד — דער קאָזשעניצער רבי אויף אַ געזעס פון אַ פּלאַטפאָרמע אין דער סביבה פון באַרימטהייטן פון גנאַינער טרעגערטום און אפילו גנבים. דאָס בילד האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזויפיל עקזאָטיק, אַזויפיל נישט טאָג־טעגלעכקייט, אַז אַ סך יידן האָבן דעריין דערבליקט געטלעכקייט.

עס ס׳איז זיך אויך פאַרלאָפן, אַז אַ פּוילישער פּאָליציאַנט האָט פאַר־האַלטן אַ גאַסן־הענדלער און געשלעפּט אים אין קאָמיסאַריאַט אַריין. דעמלט איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען דער רבי. האָט ער אָפּגעשטעלט דעם פּאָליציאַנט, פריי־געלאָזט דעם הענדלער און באַקומען נאָך אַ סאַלוט פונעם גראַנאַטענעם אָרדענונגס־שומר. אַז דאָס איז דער פאַרלאַנג פונעם „פּאַן ראַבין״, איז נישטאָ אָזאַ געזעץ, וואָס זאָל זיך קעגן דעם אַנטקעגנשטעלן — האָט דער פּאָ־ליציסט פייערלעך דערקלערט. אויך פאַר אים איז געווען אַ זכות צו שטיין אין רבי׳נס ד׳ אמות. ווייל דער שם פון קאָזשעניצער רבי׳ן איז אויך אריינגעדרונגען אין די גוישע גאַסן.

די גנאַינע גאַס האָט אויף אַ נגידישן אופן מיטגעפייערט מיט אירע רייכע שוועסטערס, די וואָלינע, פראַנטשישקאַנער און מוראַנאָווסקע דעם יום־טוב איבער אַלע יום־טובים, דעם חג־הפסח. שוין אַ חודש פאַר פסח האָבן זיך אין די „וויסטאָוועס״ באַוויזן פלעשער ווין פון כלערליי אויפ־געקומענע גיסערייען און די אַלע פלעשער האָבן גאַווה׳דיק אַרויפגעקלעבט אויף זייערע טונקעלע גופימלעך די בלוי־ווייסע צעטעלעך מיטן אויפ־

שריפט „כשר לחג הפסח". די בעקערייען זיינען געמאָלט און געוואַשן געוואָרן און נאמנים, פסח־ספעציאַליסטן האָבן מיט אַ קאַטעגאָרישער ערנסטקייט דורכגעזוכט יעדעס ווינקעלע, יעדעס שטעגעלע פון די ברויט־גן־עדנ'ס אויף גנאַינע. יידן האָבן געטראָגן מצות. די באַלעבאַטישע יידן האָבן אַריינגעלייגט די לחמא־עניה אין ציכלעך, אָדער אין ספעציעלע צו דעם צוועק אויפגעגייטע ווייס־לייוונטענע טאָרבעס; אַנדערע האָבן מיט יראת־הכבוד געטאָסקעט ווי גאַנצע טורעמס די צען־קילאָדיקע מצה־פעקלעך מיט דער עטיקעט פון „בראָקער"־אויסאַרבעטונג; די גאַנץ פרומע פלעגן אויפשטיין באַגינען און לויפן צו זייערע „פונקטן" ווו מצה־שמירה, איז גע־בוירן געוואָרן אין שרעקלעכע יסורים. אויפן געסל האָבן זיך באַוויזן מאַקערונען, מצה־מעל און ניס, ווייסער לעקעך און ברוינער געקאַכטער צוקער גע־פילט מיט רבי־ניסלעך. ווי־בער האָבן געוואַשן וועש, געיאָגט מיט אַ טשע־פּאַק דעם שטויב פונעם בעטגעוואַנט, געקאַלעכט די קיכן; שניידערס האָבן געשוויצט פון אַרבעט און שוסטערס האָבן אין איילעניש גענאָגלט אַלטע שיך און גענייט נייע פאַדעשוועס. איבער גנאַינע האָבן מאַרשירט פסחדיקע זינגערס, מיט גרויסע בלעכענע קעסלען קאָכעדיק וואַסער, אויסזינגענדיק דעם סקאַרבאָוועז ערב־פסח מזמור:

— יידן, צן כשר'ן, צו כשר'ן. אַלץ ווערט געכשר'ט, יינגלעך, מיידלעך, ווייבלעך. דער קעסל קאָכט און איך וויל נאָך. טראָגט אַראָפּ טעפּלעך, לעפל, שיסלען, גאָפל.

די גנאַינע האָט זיך געליבט אין דעם דאָזיקן געזאַנג.

אין יענע טעג פלעגט ר' אַרעלע קאָזשעניצער פשוט ווינען אויפן הויף אָדער אויף דער גאַס. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די בעקערייען, צוגעגאַנגען צו די בעלי־בתים און זיי אויסגעפרעגט, צי אַלץ איז געכשר'ט און אויב די בעקעריי וועט חלילה נישט אַרויסלאָזן חמצ'דיקע מצות. דעם אייגנטימערס ענטפער האָט אים קיינמאָל נישט באַנוגנט. ער איז אַליין אַריין צו די וועלגערס און ווען איינער פון זיי האָט ביי אים נישט נושא־חן געווען, אָדער, ווען אַ נאמן האָט נישט גוט אַכטונג געגעבן און גראָד האָט אים דער רבי געפּאַקט, זיינען ווידער פעטש געפלויגן פון זיין היי־ליקער האַנט. אָפּגעפערטיקט זיך מיט איין אינספעקציע איז ער געגאַנגען צו אַ צווייטער. אויפן צווייטן פונקט פון זיינע אינספעקציעס, דער צווייטער ציל פון זיינע בדיקות זיינען געווען די ווײַן־געשעפטן. ווי עס וואָלט נעכטן געווען, אַזוי גוט געדענק איך, ווי ר' אַרעלע איז אַריין אין ווײַן־געשעפט פון פאָרצייג אויף גנאַינע 11 און צעטראַסקעט אַ גאַנצע פאַך מיט פלעשער,

ווייל . . . קיינער האָט נישט געקאַנט די סיבה. דער רבי האָט זיך נישט אַנטשולדיקט, ער האָט קיינעם נישט אָפּגעגעבן קיין באַריכטן פון זיינע מעשים. די גייענדיקע כשרנדיקע אַנשטאַלטן, די יידן, וואָס האָבן אויף זייערע אויסגעמאַגערטע אַקסלען געטראָגן די ריזיקע, אונטערגעהייצטע קעסלען מיט קאָכעדיק וואַסער, האָבן אויך נישט איינמאָל אָפּגעשניטן פון אים אַ מיאוסן פסק. געטראָפן האָט אַמאָל, אַז אַזאַ ייד האָט איינגעטונקען די כלים אין וואַסער, ווען דער קעסל האָט נאָך נישט געהאַט געקאָכט. ווען דער רבי האָט באַמערקט די דאָזיקע עבירה, האָט ער צוגערופן זיין שמש צו הילף און איבערגעקערט דעם גאַנצן קעסל מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַ פּאָרע האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן פונעם אויסגעגאָסענעם וואַסער און ר׳ אַרעלע איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

האָט די גנאַינע גאַס טאַקע געציטערט פאַר די בדיקות פון ר׳ אַרעלע קאָזשעניצער. די קעסל־יידעלעך האָבן אויסגעמיטן דאָס קליינע געסל, ווייל דאָ האָט געוועלטיקט דער רבי, וועלכער האָט פאַרקלענערט זייער ערב־פּסח׳דיקע פּרנסה.

אויך אינעם ל״ג־בעומר־טאָג איז די גנאַינע גאַס געשטאַנען אונטערן צייכן פון ר׳ אַרעלע קאָזשעניצער. אין דעם טאָג פון אבל־סוף און גבורה האָט דער רבי פאַרזאַמלט אַ פינף מנינים חסידים און באַשלאָסן אַרויסצו־פאָרן הינטער וואַרשע, בכדי זיך צו באַהעפטן מיט דער נאַטור און מיטן גייסט פון ר׳ עקיבא מיט זיינע תלמידים און פראַווען התבודדות אין די היילן פון דער פאַרוואָרצלטער יידישער טראַדיציע. וואַרשע האָט געפייערט דעם ל״ג בעומר אין מאַרימאָנט, אַ קליין מאָלעריש דערפל ביי דער ווייסל, אַ נעסט פון ציגיינער און געדיכטע וועלדער, וואָס איז געלעגן אויף אַ מרחק פון פופצן קילאָמעטער פון דער שטאָט. דער טראַמוויי נומער פופצן האָט אין ל״ג בעומר שווער געהאָרעוועט, געשוויצט און שיעור ניט איינגעזונקען געוואָרן פון די גרויסע טראַנספּאָרטן יידן, יידישער יוגנט, וואָס האָבן גע־שטראָמט נאָך מאַרימאָנט.

די שווערע מאַטעריעלע לאַגע האָט נישט דערלויבט דעם רבי׳ן צו דינגען אַן אויטאָ אויף ל״ג בעומר. און באַשטעלן אַ טראַמוויי אין דער שטאָט־דירעקציע האָט געהערט צו זייער קאָפּליצירטע ענינים. איז דער רבי מיט זיינע תלמידים אַרויסגעגאַנגען צום „פאָרן אייזערנעם טויער״, אָוועק־געשטעלט זיך וואַרטן אויף אַ טראַמוויי און ווען דער רויטער גאַסן־צוג איז אָנגעקומען, איז די גאַנצע חסידישע געזעלשאַפט מיטן רבי׳ן בראש אַרויף אין צווייטן וואַגאָן אַריין, נישט פרעגנדיק קיינעם קיין שאלות. דער

קאָנדוקטאָר האָט געשריען, געדראָט, באַוויזן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אָרט, אָבער דער רבי האָט אַרונטערגעבעטן עטלעכע גוייִשע געסט און אַוועקגעזעצט זיך מיט זיין שמש, ווי דער פּלאַץ וואָלט געווען פאַר אים שוין פון לאַנג צוגעגרייט. דער טראַמוויי האָט זיך דערווייל נישט גערירט פון אָרט, ווייל די לאדונג איז געווען אַ צו שווערע פאַר זיינע כוחות. ווען דער קאָנטראָליאָר איז אַרויפגעקומען זען וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָט דער רבי געהייסן אים זאָגן, אַז ער זאָל אַרויסבעטן אַלע פרעמדע געסט, ווייל זיי טאָרן זיך נישט געפינען אין איין וואַגאָן מיט די חסידים. דער קאָנטראָליאָר האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר און איז געשטאַנען מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז דער „פּאַן ראַבין סאַם״, האָט דער מונדירטער גוי טויזנט מאָל זיך אַנטשולדיקט פאַרן רבי׳ן און איבערגעבעטן די געסט אין ערשטן וואַגאָן אריין. די חסידים האָבן זיך באַקוועם פונאַנדערגעזעצט אין טראַמוויי און צעזונגען זיך הויך אויפן קול, ווי דאָרט, אין רבינס חדר. זיינען די פּאָליאַקן טאַקע געשטאַנען פאַרוווּנדערטע, געשאָקלט מיט די קעפּ און צוגעקוקט זיך צום זינגנדיקן טראַמוויי, וועלכער האָט אונטער די קלאַנגען פון חסידישע נגונים אריינגעראָלט נאָך מאַרימאָנט.

דער קאָזשעניצער רבי ר׳ ארעלע האָט צוגעגעבן דעם געסל גנאָינע אַן אייגנאַרטיקן טעם, א יום־טוב׳דיקן לבוש. און גנאָינע איז געווען שטאָלץ, וואָס צווישן אירע מויערן אָטעמט אַזאַ הייליקע נשמה, אַן אייניקל פון אַ גרויסן ייִד, דער קאָזשעניצער רבי ר׳ ארעלע, וועלכער האָט ברייט און ווייט געשמט אין דער חסידים־וועלט.

שפּעטער האָט אָטוואָצק איינגעזען דעם חטא און געוואָלט פאַר יעדן פּרייז זיך רעהאַביליטירן פאַר די זינד לגבי ר׳ ארעלע. מען האָט פאַרן רבי׳ן געקויפט אַ גרויסע און שיינע ווילע אויף רעימאָנטאָ גאַס און ווידער אַמאָל האָט זיך ר׳ אַרעלע באַזעצט אין דעם שטילן, און גרין־וואַלדיקן קור־אָרט.

די גנאָינע גאַס האָט זיך דעמלט פּאַראַמעטיקט. ווי אַ גבור האָט זי געקעמפט, וועלנדיק איינהאַלטן ביי זיך דעם טייערן רבי׳ן. ווען דער קאָזשעניצער האָט זי פאַרלאָזט, איז זי פאַרבליבן ווי אַ קעניגין־אַלמנה, ווי אַ גוף אָן אַ קאָפּ.

ווייל דער רבי ר' אַרעלע האָט באַלויכטן די פינצטערקייט, דאָס פאַר־חושכ'טע לעבן פון גנאָינע דריי, ווי אַ טייערער שטיין, וואָס פאַרלירט נישט זיינע שטראַלן.

היינט איז ר' אַרעלע אויפן עולם האמת, זיינע חסידים זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און ווילדע פוסטקייט שוועבט ארום אינעם זכרונות־היכל פון יענע טייערע, אומפאַרגעסלעכע טעג, ווען רביישע מאַגנאַטישקייט האָט זיך באַהאַפטן מיטן פּראָסטן פאָלק, מיט די נידעריקסטע שיכטן פון אונדזער אומה, וועלכע האָבן אָבער געליבט דעם רבי'ן, זיינע מנהגים און אַפילו זיינע פּעטש.

# דער דריילינג

ווי אומצעררייסבאַרע ברידער, צוזאַמענגעהאַפטענע דורכן גורל און באַשטימונג, זיינען זיי געשטאַנען אינמיטן דער גרויסער גנאַינער משפחה. ווי מאָנומענטן, פאַרהייליקטע דורכן פאָלק, זיינען זיי — די סטאַציע, וויע־לאַפּאַלע און יאַנאַשעס הויף — געווען אַ שטיק לעבן, פאַר אַנדערע די עיקר־עקזיסטענץ, וואָס האָבן דערנערט דעם גרעסטן טייל פאַמיליעס פון אונדזער געגנט; וואָס האָבן געוועקט כבוד ביי די גויים, וועלכע פלעגן נאָר קויפן ביי יידן; וואָס האָבן מוטיק אָפּגעענטפערט אויף כוליגאַנישע אַנפאַלן מצד ענדעקישע סטודענטן; וואָס האָבן צוגעגעבן פאַרב און בלוט אונדזער גנאַינע געסל.

ווען די היטלעריסטישע מערדער־אַוויאַציע האָט פאַרברענט און פאַר־ניכטעט די דאָזיקע דריי גנאַינע־דענקמעלער, האָבן יידן דערשפּירט דעם סוף פון וואַרשעווער יידישקייט, פון זייער געראַנגל פאַר זיין און שאַפן. אויב זיי ליגן אין אַש — האָבן גנאַינע בעלי־בתים מיט אַ ציטער פאַרויס־געזאָגט — אויב ס'איז געקומען אן עק צו אָט די דריי גלידער פון אונדזער קערפּער, דאַן וועט אונדזער גאַנצער גוף שוין לענגער נישט אויסהאַלטן, דאַן קומט שוין אן אונדזער לעצטער גאַנג.

און פאַרברענט האָבן זיי דייטשישע באָמבעס — און אומגעקומען איז ס'וואַרשעווער יידנטום, ווייל זיי, די דריי מקומות וועגן וועלכע מיר וועלן דאָ דערציילן, זיינען געווען ס'האַרץ, דער מוח און ס'פלייש פונעם יידישן „פאַרן אייזערנעם טויער", דער לעבנס־נערוו פון אַ בכבודיקן שבט אין דער גרויסער, רומרייכער פאַמיליע וואַרשעווער יידן.

## די „סטאַציע״

דאָס פלעצל, וואָס האָט פאַרבונדן די גנאַינע מיט דער סקוזשאַננע, איז באַקאַנט געווען אַלס די „סטאַציע״. אויף דער דאָזיקער סטאַציע זיינען אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען יידישע פלאַטפאָרמעס, מיט אויסגעדאַרט־בייניקע ווי אויך אויסגעפּאַשעטע פערד, וואַרטנדיק אויף אַ „יאַזדע״. דאָס „שטייעכץ״ האָט נישט געטראָגן קיין כאַאָטישן לבוש, ס׳איז נישט געווען קיין שטייערליי אבי אין דער וועלט אַריין, נאָר פורמאַנישע געזעצן האָבן אַריינגענומען דעם שטייענדיקן צושטאַנד אין ראַמען פון דיסציפּלין און אָרגאַניזירטקייט. ווער פון די פורמאַנעס ס׳איז אָנגעקומען פריער צו דער סטאַציע, דער איז געווען דער ראש, דער אָנהויב פון וועלכן קונים האָבן געהאַט רעכט אויסצודינגען די פלאַטפאָרמעס. אויב אַ נישט באַהאַוונטער אין די סטאַציע־רעגולאַמינען סוחר איז צוגעגאַנגען צו אַ באַקאַנטן פורמאַן, וואָס איז גראָד געשטאַנען דער דריטער אָדער פינפטער אין דער ריי און אים געוואָלט „נעמען״, האָט אַ מעכטיקער פּראָטעסט צונישט געמאַכט זיינע כוונות און אים געצווונגען אויסצודינגען דעם אין אָנהויב שטייענדיקן וואָגן, דעם רעכטלעכן יורש פון זיין פאַרגענגער. די פּאַרשפּעטיקטע פלאַטפאָרמעס האָבן זיך שטילערהייט, אָן אַ פּיפּס צו טאָן, אָנגעשטעלט אויפן אָרט פון זייער באַשטימונג. פּאַסירט האָבן אָבער פאַלן, וועלכע זיינען עלול געווען צו צעברעכן די ראַם פון זייער הסכם. פון צייט־צו־צייט זיינען פאָרפאָרן וואָגנס, וועמענס אָנטרייבער האָבן זיך אַריינגעשמוגלט צום אויבןאָן. האָט קיינער נישט באַמערקט דעם יורידישן פאַרברעכן, האָט ווייטער דאָרט געהערשט שלום ושלוה. האָט אָבער אַ וועלכער נישט איז פורמאַן זיך געכאַפּט און דערקענט דאָס אומרעכט, האָט זיך צעשפּילט אַ סימפאָניע פון „אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין״, וועלכע איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ בלוטיקן עפּילאָג. קללות פון ערגסטן מין זיינען געווען די הויפּטעלעמענטן פון זייער שפּראַך. און דאָס שילטן דאָרט האָט נישט אַרומשפּאַצירט בלויז בין אדם לחברו, ניין. ווען אויף דער גנאַינער סטאַציע האָבן זיך די טרעגערס און פורמאַנעס צעזונגען מיט זייער קללישער אוווערטור פאַר יעדן שמועס צי געשפּרעך, האָט מען אַריינגעמישט „דעם טאַטן מיט דער מאַמען פאַרבראַקט״. מען האָט דאָרטן נישט פאַרגעסן אינעם „זיידן, דעם אַלטן בליאַד״, מען האָט געדענקט אָן דער פרוי און קינדער און בכלל „אין דער גאַנצער פאַמיליע אַריין״. טראָץ דעם, וואָס איין קללה־שענקער האָט איבערהויפּט נישט געקאַנט די פאַמיליע פון זיין קאָנסומענט, איז ער אָבער געווען אַ מומחה אין אויסמאָלן זי אין די טונקלסטע פאַרבן, אין

די שוואַרצסטע קאָלירן. דער אָפּנעמער איז שוין אויך נישט געווען קיין זויג־קינד. אויך ער האָט געהאַט אַ געשליפן מיילעכל, וועלכעס האָט אַרויס־געבראַכט זידלערייען, באַפּוצטע מיט די ערגסטע עפּיטעטן און כאַראַקטער־שטריכן.

ווי אַן אינדזל צווישן גייענדיקן און לויפנדיקן המון, האָט די סטאַציע מיט אירע ראַלנדיקע וועגענער זיך פונאַנדערגעצויגן אויף דער גנאַיִנע גאַס. דער גאַנצער מסחר איז געלעגן אין איר „קעשענע״. רייכע און מיטע־לערע סוחרים האָבן פאַר איר געציטערט אימת המות. אַ פורמאַן פון דער גנאַיִנער סטאַציע האָט מען געמוזט, יאָ געמוזט, גוט באַפרידיקן, אויב נישט איז דער סוחר ס׳צווייטע מאָל געווען אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר צו שלעפן זיינע פּעק איינער אַליין און אַזאַ טרחה פאַר אַ וואַרשעווער סוחר איז דאָך געלעגן אויסער יעדער מעגלעכקייט.

ריחות ווי פון אַ פערדן־שטאַל האָבן זיך געטראָגן פון דער סטאַציע. האָבער און היי, אָפּפאַלעכץ און פערדישע פליסיקייטן האָבן תמיד באַדעקט דאָס פלעצל, וואָס האָט זייט יאָר־צענדליקער מוטיק און מיט גאווה געטראָגן דעם דערהויבענעם שם — סטאַציע. דאָרטן, צווישן די פלאַטפאָרמעס, האָבן גנבים־דעטאַליסטן זיך אויסבאַהאַלטן, ווען זייער „אַרבעט״ איז דורכ־געפאַלן; דאָרטן האָבן בייגל־הענדלער געפונען שוץ פון די יאָגנדיקע זיי „גלינעס״; דאָרט האָבן גאַסן־פרויען, צווישן די וועגענער און פלאַנדעקס, פאַרקויפט זייערע אויסגעבלאַסטע און אויסגעמאַגערטע לייבער, שטילנדיק אַזוי אַרום דעם נאַגנדיקן הונגער; דאָרט זיינען פאַרגעקומען די האַרבסטע דין־תורות; און דאָרט, אויף דעם קליינעם פלעצל, האָט זיך בלוט געגאָסן ווי רעגן־וואַסער אין אַ מבול־טאָג. די סטאַציע איז געווען אַן עיר־מקלט פאַר דער גנאַיִנער אונטערוועלט. כאָטש אַן מויערן, האָט זי צווישן אירע רעדער און פערד, פלאַנדעקעס און קאַסטנס, פאַרטיידיקט נישט איין אומ־גליקלעכן, וואָס די דאַליע זיינע האָט אים אַריינגעשליידערט אין תהום פון אביונישער וועגעטאַציע.

ווען די זון האָט אָבער אַ שיין געטאָן איבער דער סטאַציע, ווען דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ מזל׳דיקער, ווען אין די פורמאַנישע טאַשן האָבן זיך אַריינגעגליטשט אַ פּאָר גילדן, האָט זיך די סטאַציע צעלויכטן מיט האַרמלאָזע שטריכן פון איר קרום־שפּיגלדיקן פּנים. ווי טרוימערישע ריטערס, פאַרליבטע אין זייער וואַנדערנדיקן באַרוף, האָבן זיך די פור־מאַנעס און זייערע חברים טרעגערס אויסגעזעצט אויף די פלאַטפאָרעמס און געלאָזט קלינגען דומקעס פון „פריילעכע״ הייזלעך, פון גנבישע מאַלינעס,

באזינגענדיק די שיינקייט און רייץ פון זייער שטאנד. זייערע הייזעריקע, דורך בראנפן פארברענטע שטימעס האבן זיך אויסגעמישט מיטן קרעכץ פון די אויסגעטרוקנטע, נישט געשמירטע רעדער, וועלכע האבן ארויס־געברענגט א ציין־קריצעניש ביי דורכגייערס. איין טייל האט געזונגען, אנדערע האבן אפגעהוזקט פון א פרייער אדער באווארפן מיט הערינג צי גרינס א פראווינצער סוחר, וואס איז באקאנט געוועזן פון זיין קארגשאפט. כלערליי שפיצלעך זיינען דארט אפגעטאן געווארן און באגלייט האט זיי שטענדיק א הארציקער, שאלנדיקער געלעכטער, וואס האט ווי א דונער געשלאגן אינעם אפגעלאכטן. די „רבנים" פון דער סטאציע, די סטאטעטשנע און מער באלעבאטישע פורמאנעס, האבן טאג־טעגלעך פונאנדערגעוויקלט אן „אונדזער עקספרעס" אדער „היינטיקע נייעס" און געלייענט די נאכ־ריכטן פון טאג הויך אויפן קול. געלייענט פאר זיך און פאר די, וואס האבן אין די צייטונגען געזען נישט מער ווי שווארצע פונקטן. געלייענט האט אזא פורמאנישער רב — בעל־קורא לאנגזאם, פאוואליע, זילאביזירנדיק יעדעס ווארט, ווייל אויך זיינע קענטעענישן האבן געהאט א גרענעץ. גע־זיפצט האבן די צוהערערס אויפן גורל פון די „סאבינעס", אויף דער אומגליקלעכער טראגעדיע אין „בארג אראפ" אדער בלב ונפש זיך איבער־גענומען מיט די גנבים־געשיכטעס פון אורקע נאכאלניק. און נישט איין פורמאן האט נעבעך מיט פארדרוס געמוזט איבערלאזן די סענסאציאנעלע געשיכטעס, ווייל אט איז אנגעקומען א קונה צו זיין רייע, וועלכער האט זיך שטארק געיאגט און פרנסה איז דאך געוועזן קודם לתורה ביי די טרעגערס פון גנאינע גאס און ביי זייערע חברים פון אנדערעווארשעווער סטאציעס.

אכט אזייגער אוונט האבן די פורמאנעס איינגעפאקט די פאשע פאר זייערע „קאשטאנעס", און מיט א הירזשעריי פון די פערד, וועלכע האבן דערשפירט די נאענטקייט פון דער שטאל זיינען זיי אוועק פון דער סטאציע, ווער צום אפרו, ווער צום אנדערן טייל פונעם טאג, צום נאכט־לעבן. פריי־טיק פארנאכט האט זיך די סטאציע אויך אויסגעליידיקט ווי בכלל דאס גאנצע גנאינע געסל. די פורמאנעס פון דער גנאינער סטאציע האבן שטארק געהאלטן פונעם שבת־רו. ווי יום־טוב׳דיק, ווי הייליק און געלייטערט האבן זיי אויסגעזען, די פורמאנעס, די מענטשלעכע דעמבעס, די פשוטע יונגא־טשעס, ווען זיי האבן אין די פרייטיק־פארנאכטן איינגעקויפט פיש, באניע־קערן, רבי־ניסלעך און גרויסע צוקער־חלות און מיט דעם שבתדיקן באַ־גאזש אוועק אהיים, בכדי צו פראווען טיש „ווי גאט האט געבאטן". יעדער אויף זיין ארט, זיי, די פורמאנעס, אויף זייער שטייגער, האבן מקבל־פנים

געװעזן דעם הײליקן שבת, דעם טאָג אין װעלכן אַלע בני־ישׂראל האָט אַרומגענומען די השגחה פֿונעם רבונו־של־עולם.

אָבער די סטאַציע זעלבסט האָט זיך נישט אױסגעפּוסטעװעט נאָך זײער אָװעקגײן. גלײך נאָך זײ האָבן די סטאַציע פֿאַרנומען אַנדערע מושלים, װעמענס קינדערישער טעמפּעראַמענט און לוסטיקײט האָבן באַװאָרפֿן דאָס גנאַינע פּלעצל מיט שטראַלן פֿון זאָרגלאָזיקײט און לעבנס־טױ.

דאָ, אױפֿן שמוציקן און טונקעלעם שטײנער־שטח, האָט זיך דערצױגן און אױפֿגעכאָװעט אַ גאַנצע גענעראַציע ײדישע יוגנט. דאָ, װײל פֿון זאַקסישן גאָרטן האָבן אונדז געיאָגט פּױלישע שכורים און אונטערװאַקסנדיקע כולי־גאַנעס; װײל אין קינדער־גאָרטן „ראַיאַ" אױף דער שכנות'דיקער זשאַביע גאַס האָט געװעלטיקט אַן אַנטיסעמיטישע פֿאַרװאַלטונג, װאָס האָט פֿאַר אונדז פֿאַרהאַמערט דעם אַרײַנגאַנג צו די פֿאַרשײדענע שפּילערײַען און פֿאַרװײַלונגען; װײל אין שטוב איז געװעזן ענג און אױפֿן הױף אומעטיק. אַ גאַנצע אַרמײ קינדער פֿון דער גנאַינע און סקװשאַנע האָבן אױף דער סטאַציע, אין די אָװנטן, שבתים און זונטיק־טעג אָדער אין חגאות און ײדישע יום־טובים, פֿאַרברענגט זײער פֿרײַע צײַט, מינוטן און שעה'ן. װען די מאַמעס האָבן זײ באַפֿרײַט פֿון געהילף־אַרבעט אין דער שטוב־װירט־שאַפֿט אָדער, װען צעשטראַלטע און צעװילדעװעטע פֿון שׂמחה פּנים'לעך זײַנען געלאָפֿן פֿון חדרים. דאָ אױף דער סטאַציע האָבן ײנגלעך געשפּילט זיך אין פֿערד־און־װאָגן, אין באַנק, קליפּע אָדער אין קוקסאַ, מײדלעך האָבן אַרומגעטאַנצט אין די מיט קרײד אָנגעצײכנטע „קלאַסן", אָדער מיט צאַפּלדיקע הערצעלעך אױסבאַהאַלטן זיך פֿאַר דער „באָבע יאַגע". דאָ האָבן זיך צעפֿלאַקערט „מלחמות" צװישן ײנגלערישע פּאַרטײעס פֿון אַנדערע גאַסן, װאָס זײַנען אַהערגעקומען באַװאָפֿנט אין הילצערנע שװערדלעך, טאַװלענע פּאַנצערס, העלמען פֿון צײַטונגען און, דאָס װיכטיקסטע און „געפּערלעכסטע", מיטן געפֿערלעכן קינדערישן געװער — מיט דער פּראַצע. דאָ זײַנען ײנגלעך ברוגז געװאָרן מיט זײערע חברים און גלײך זיך צוריק איבערגעבעטן, דאָ האָבן מײדלערישע אױגן נאָכגעקוקט מיט אַ באַהאַלטענעם און דערװײל נאָך אײַנגעשטילטן באַגער נאָך ײנגלערישע „העלדן", װאָס האָבן רעגירט מיט זײערע „אונטערטעניקע" לױט אַנדערע קאָדעקסן װי די עלטערע. דאָ האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אױסגעהונגערטע קינדער, װעמענס עלטערן האָבן תּמיד געקלאָגט אױף זײער גורל; דאָ האָבן אַרומגעשפּרונגען פֿעטע גופֿים'לעך, בולקעס מיט פּוטער אָדער שטיקער פּוטער־קוכנס, װאָס האָבן זיך מיטגעפֿרײט אין מיטגעלאַכט מיט זײערע גוט־

דערנערטע בעלי־בתים און וואָס האָבן פון דער צווייטער זייט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די הונגעריקע און גערייצט זייער סלינע.

דאָ — אויף דער פורמאַנישער „סטאַציע" פון גנאַינע גאַס, איז גע־וואַקסן אַ קינדערישע ארמיי, וועלכע האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם בלוטיקן היטלעריסטישן אַנגריף און איז זיך צעפאַלן ווי שטיקער מויערן פון אַ ברענענדיקן בנין.

## וויעלאָפּאָלע

גלייך נאָך דער סטאַציע, אַרויפצו צום „פאַרן אייזערנעם טויער" און צו די מיראָווער האַלעס, איז מאַיעסטעטיש, מיט אַן עשירות'דיק־שימערירנדיקן גלאַנץ, וואָס האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט צו אַט דער סביבה, געשטאַנען דער גרויסער, פון פילאַרן אונטערגעהאַלטענער בנין, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געטראָגן דעם נאָמען וויעלאָפּאָלע און וועלכער איז אויפ־געבויט געוואָרן אין פאָרם פון אַן איי. וויעלאָפּאָלע האָבן אויפגעשטעלט די רוסן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען גרויס־פּוילן איז געלעגן צו־פוסנס, אין קנעכטישער אַנמאַכט, פונעם צאַריסטישן רוסלאַנד. אויף דער אויסערלעכער זייט פון אַט דער האַנדלס־געביידע האָבן זיך געצויגן ארום־און־ארום, ווי סאָלדאַטן־שומרים אַרום אַ מיליטערישן פּרינציפּאַל, קליינע געשעפטן, אַלע פון דער זעלביקער גרויס. אין וועלכע מ'האָט באַקומען קאָלאָ־ניאַל־סחורות אָדער שוכוואַרג. די אייגנטימערס פון די קאָלאָניאַל־געשעפטן זיינען געווען יידן, פון די „אַבוויע"־געשעפטן — פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אָבער געלעבט מיט די יידישע שכנים אין האַרמאָנישער און זאַגאַר חברישער פאַרשטענדיקונג. דער דאָזיקער לאַנגער פאַרטער־בנין איז גע־ווען פאַרזען אין פיר גרויסע טויערן דורך וועלכע ס'האָבן אומאויפהערלעך געשטראָמט קונים — אַריין און אַרויס. די פיר טויערן האָבן מיט אַנלאַקנדיקע בליקן געווען קויפנדיקע, וועלכע זיינען דאָרט אַהין אַראָפּגעקומען פון פיר באַזונדערע וואַרשעווער קוואַרטאַלן — די ערשטע, ס'רוב פּאָליאַקן, זיינען אָנגעקומען צו וויעלאָפּאָלע דורך „פאַרן אייזערנעם טויער" פון כלאָדנע, זשעלאַזנע, טאַרגאָווע, די צווייטע — פון דער גנאַינע, די ווייַ־ניקער פאַרמעגלעכע — פון דער קראַכמאַלנע, די פערטע קאַטעגאָריע — דורך סקווזשאַנע פון גראַניטשנע, קראָלעווסקע, פּלאַץ גזשיבאָווסקי. די דערמאָנטע פיר גאַסן זיינען עס געווען די קאָרידאָרן, דורך וועלכע הונ־דערטער קונים מאַרבע כנפות וואַרשע זיינען געפלאָסן צו וויעלאָפּאָלע און אַריינגעשווומען אין זיין אויסגעהוילטן, טונקעלעם, לאַנגן אינגעווייד.

אינעווייניק, אינמיטן פון וויעלאָפּאָלע, האָט תמיד געהערשט אן אומבאַשרייבלעכע באַוועגונג, אַ געגייערײַ, אַ שרייערײַ, פול מיט סטראַגאַנעס אָנגעטורעמטע מיט סחורות, פּאַרקויפערינס — יידישע פּריילינס, וואָס האָבן מיט זייערע פּישטשענדיקע קולות געעגבערט מוחות, געלעכערט אויערן. דער דאַך פון וויעלאָפּאָלע איז באַדעקט געווען מיט גלאָז, בכדי די זון זאָל אויך דאָרט אַהין אַריינוואַרפן אַמאָל אַ סנאָפּ שטראַלן. פון בײדע זײַטן האָבן זיך אַרום וויעלאָפּאָלע געצויגן געשעפטן מיט מענער־ און דאַמען־קאָנפעקציע. די געשעפטן גופא זיינען ענלעך געווען צו שאַכטלעך פון שוועבעלעך, אַזוי קליין און ענג, אָבער דער פּראָנט, דער דרויסן איז געווען פאַרהאָנגען מיט מאַנטלען, הויזן, קליידלעך און שירצלעך, מיט רעקלעך און קורטקעס אַזוי, אַז נאָר אַ שאַרף אויג איז געווען ביכולת צו דערבליקן דעם אריינגאַנג צום אינעווייניקסטן טייל פון דער קראָם. דער מסחר, דאָס דינגעניש און אמפּערניש, האָט זיך אָפּגעשפּילט אינדרויסן, ווייל אין געוועלב האָט מען געקאָנט פּשוט דערשטיקט ווערן. דער גאַנצער טראָטואַר ביי די געשעפטן איז געווען פאַרשטעלט מיט לייטערס, מיט גיפּסענע מענער און פרויען, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די „פּראָדוקציע" פון זייערע בעלי־בתים, און אויב דאָס איז געווען ווייניק, האָבן די אייגנטימערס אויסגעלייגט זייער פאַרמעגן אויף ברייטע הילצערנע פּלאַטעס, וועלכע האָבן נישט איין דורכגייער צעקלאַפּט די פּיס, ווען דער האָט זיך נאָר אויף אַ ווײַלע פאַרקוקט אויף דער הענגנדיקער סחורה.

אינעם מיטעלן טייל פון אינעווייניקסטן וויעלאָפּאָלע־געבוי, צווישן דער געשעפטן־סקאָרופּע, האָבן זיך געצויגן פּיר שנורן סטראַגאַנעס. דאָס זיינען נישט געווען קיין פּשוטע סטראַגאַנעס ווי די אויפן פּאָטשעיאָוו, נאָר מאָדערן־איינגעאָרדנטע, מיט האָלץ־ראָלעטן צוצומאַכן אויף בײַנאַכט, מיט געשניצטע בופעטן און אייזערנע קאסעס. באַקומען האָט מען ביי די דאָזיקע סטראַגאַנעס אַלץ וואָס אַ פרויען־האַרץ האָט געגלוסט: קאָראַנקעס צו העמדער, זאָמבקעס, נאַכט־העמדער און האַלקעס, קליידער פון האַרטן און איינגעזייפטן שטאָף, מחמת זיין נידעריקער קוואליטעט, שטוב־פּאַנטאָפל, שפּילקעס צו די האָר, מכל המינים גאָרסעטן און נאָך פיל, פיל אַנדערע ווייבערישע הצטרכות׳ן, וואָס פרויען פלעגן זיך שעמען זייערע נעמען הויך אַרויסצוברענגען.

אויף דער זייט צום „פאַרן אייזערנעם טויער", האָבן פּאָליאַקן פאַרקויפט שפּיל־צייג פאַר קינדער, צעראַטענע טישטעכער און פילע־גאַרדינען. דער טייל איז געווען יידן־ריין — יידן־ריין פון סוחרים און אוודאי פון קונים.

אַ פרעמדער אַריינגייער איז גלייך צעטומלט געוואָרן, ווען זיינע טריט האָבן אים אַריינגעפירט כאַטש אויף אַ מינוט אין וויעלאָפּאָלע. אַ יאַגעניש, אַ געטראַסקעריי פון אַראָפּפאַלנדיקע „שטיקלעך" סחורה, יללות פון באַגנבעטע סוחרים, זידלערייען אויפן אַדרעס פון אַ „שווערן" קונה, רע־קלאַמאַציעס פון סתם אַפּגענאַרטע קויפּערס — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפ־געמישט אין איין מעכטיקן קרעכץ, וואָס האָט דורכגעלעכערט דעם גלעזער־נעם דאַך און זיך געריסן צו די הימלען.

דער וויעלאָפּאָלע־בנין האָט געהערט צום וואַרשעווער מאַגיסטראַט. זיינע היטערס האָבן געטראָגן לאַנגע, שוואַרצע מאַנטלען, ווי אַנדערע סטרוזשעס פון שטאָטישע געביידעס. פון זייערע קעפּ האָבן אַראָפּגעקוקט שוואַרץ־רונדע היטלען מיט לעדערנע דאַשקעס, באַפּוצט מיט אַ „סירענע", אַ האַלבער פיש און אַ האַלבע פרוי, דער אָפיציעלער שטאָט־עמבלעם פון וואַרשע. די הויכע שטיוול, דער שטעקן פאַרענדיקט מיט אַ נאָגל און די מעשענע קנעפּ ביים מאַנטל האָבן געהעקט דרך־ארץ צוזאַמען מיט מורא. פופצן מינוט פאַר זיבן אַזייגער פאַרנאַכט האָט זיך אין וויעלאָפּאָלע צעהילכט דער שומרישער טרומייטער, וועלכער האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פונעם האַנדלס־טאָג. ביי די האַלב־פאַרמאַכטע טויערן זיינען געשטאַנען סטרוזשעס און שוין מער נישט אַריינגעלאָזט קיין קונים, נאָר אַרויסגעלאָזט. די וויע־לאָפּאָלע סוחרים האָבן אין גרויס איילעניש געשלאָסן זייערע קראָמען.

וויעלאָפּאָלע בנין — אַ פּרנסה־קוואַל פאַר די באַקאַנטע סוחרים מינץ, פעלצער, פעלד, דיאַמענט; אַ ברויט־גיבער פאַר צענדליקער קלענערע הענדלערס; אַ נדבה־טיילער פאַר הונדערטער אָרעמעלייט, וואָס זיינען אין די דאַנערשטיק־טעג אַרומגעקראָכן פון טראַגאַן צו סטראַגאַן און געבעטלט און געגנבעט אויך — וויעלאָפּאָלע מיט דער ייִדיש־פּוילישער דערנעבנטערונג, איז ווי אַ ברויט־שפּיכלער געשטאַנען אויף דער גנאָינע גאַס, קאָרמענדיק הונדערטער ייִדישע פאַמיליעס.

ווי אַ פאַרכשופטע מעלאָדיע פון פאַרגאַנגענע צייטן, ווי אַ קלינגענ־דיקער קדיש נאָך אַן אומגעבראַכטער תקופה, הילכט היינט אָפּ אין די אויערן דער סוחרישער פרייז־געזאַנג פון וויעלאָפּאָלער מלוכה, וועמענס יסודות ס'האָבן פאַרברענט היטלעריסטישע באָמבעס.

## יאַנאַשעס הויף

יאַנאַשעס הויף — אַן אָרעמערער ברודער פון וויעלאָפּאָלע, אַ הענדלער מיט שפּייז־אַרטיקלען און געשיר, מיט טויזנטער קלענערע און ווייניקער

וויכטיקע אויסאַרבעטונגען, איז ער געווען איינגעפּרעסט צווישן דער קראַכמאַלנע און מיראָווסקע, ווי אַ באַוואָרפענע מיט קינדער פאַמיליע, וואָס שטיקט זיך אין אַ פאַרפּושטער קעלער־וווינונג. מימין די מיראָווסקע גאַס — דער צענטער פון קאַלאַפּיאָרן, קרויט, יונגע און אַלטע ציבעלעס, פּאָמידאָרן, וווּ מען האָט דויערנדיק געטראָטן אויף נאָטש פון מייערן און בוראַקעס, ווו גרינס־הורטאָווניקעס האָבן גאַנצע נעכט אָפּגעלאָדנט סחורה פון גרויסע פריצישע וועגענער און פאַרטאָג זי ווייטער פאַרקויפט צו דעטאַליסטן, די מיראָווסקע האָט ווי אַ גרענעץ־צוים געשיצט יאַנאַשעס הויף פונעם פאַרקריסטלעכטן, פאַרפוילישטן מיראָווער באַזאַר, האַלע מי־ראָווסקע. משמאל די קראַכמאַלנע — אַ פּרוכטבאַרער שטח פאַר דער וואַרשעווער אונטערוועלט, איז ווי אַ געטרייער גנבים היטער געשטאַנען לינקס צו יאַנאַשעס הויף, ווי זי וואָלט מציל געווען די „אַרבעטנדיקע יאַטן" פון אַ דורכפאַל אָדער פון אַ פּאָליציייִשער נאהייקע. ארומגענומען פון אַזעלכע צוויי „אַרעמס" האָט זיך יאַנאַשעס הויף, מיט אַ רויקייט אין האַרצן און מיט אַ שיינענדיקן שטערן, געפירט זיינע געשעפטן טאָג־נאָך־טאָג, פון באַגינען ביז שפּעטן אָוונט אַריין.

שוין פאַרן טויער פון „הויף" האָט געהערשט אַזאַ גוואַלדיקער גע־דראַנג, אַז בכדי אַריינצובאַקומען זיך אינעווייניק האָט מען געמוזט צו הילף נעמען ביידע עלעבויגנס. געשטאַנען זיינען פאַרן טויער אַזעלכע הענדלערס, וואָס די פאַרדינסטן האָבן זיי נישט דערלויבט אויסצוקויפן אַ „פּאַטענט", וואָס האָט גורם געווען, אַז אומצאַליקע מאָל טעגלעך, ביי יעדן דערשיינען פון אַ גראַנאַטנעם „מליץ", האָבן זיי אַ כאַפּ געטאָן דעם קויש סחורה, אָדער דעם עמער מיט זויערע אוגערקעס און געלאָפן ווו די אויגן האָבן זיי געטראָגן. געהערט האָט מען דאָרט פאַרזשאָווערטע, משונה׳דיק־מענטשלעכע קולות, וואָס האָבן דערציילט וועגן דער הויכער קוואַליטעט פון זייער סחורה, און נישט איינמאָל האָט די אַלע קולות איבערגעשריען אַ שטימע, וועלכע האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין שום מענטשלעכע טענער.

יאַנאַשעס הויף — אַזוי האָט מען גערופן נאָר די גנאַינע נומער עלף, ווייל פאַקטיש זיינען עס געווען צוויי הייף מיט גאַנץ באַזונדערע רעסאָרטן.

אינעם ערשטן הויף זיינען געשטאַנען געמויערטע געוועלבער פאַר שפּייז־אַרטיקלען פון איין זייט און פאַר געשיר פון דער צווייטער. יעדע זייט האָט געהאַט צוויי רייעס צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך ווידער געצויגן קראָמען־סטראַגאַנעס, ווו מ׳האָט באַקומען אַלע סחורות פון דער גנאַינער

פּראָדוקציע. אַרײַנקומענדיק אין ערשטן הויף האָט אַרומגעכאַפּט די קונים דער ריח פון פרישע פּוטער און קעז. ס'אויג האָט זיך געקוויקט מיט די עמערס סמעטענע און מיט גרויסע, ווײַסע אייער. פאַרקויפערינס אין ווײַסע כאַלאַטן, מיט פּוכיק־דיקלעכע הענט האָבן מיט דראָט געשניטן באַלנס פּוטער, וועלכע האָבן „פּאַריסן'' די נעז. אין די מעל־געשעפטן האָבן באַבערדיקטע ייִדן געוויגן מעל אָדער גריס, אַרײַנגעשאָטן אַרבעס אָדער ברוינע קאַשע אין גרויסע פּאַפּירענע טאָרבעס — און אויף דעם אַלעם, אויף די בעלי־בתים, קונים און דער עיקר אויף די געשעפטן, האָט זיך דער שטויב באַזעצט ווי מיקראָסקאָפּישע שוואָמען, וועלכע האָבן צוגעגעבן אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער דער דאָזיקער אָפּטיילונג פון יאַנאַשעס הויף. אויף דער לינקער זײַט האָבן זיך געשלענגלט קראָמען מיט שיך, מיט זוימען צו פאַרשיידענע פּלאַנצן, געוועלבער מיט חלות, מיט צוקער־לעקעך, מיט כלערליי קיכלעך און געצוקערטע סטריצלס און ועל כולם האָבן זיך אָנגעזען די הורטאָווניקעס און „פאַבריקאַנטן'' פון סאָדע־וואַסער, אײַז, ליאָדעס, צוקערלעך און קאַסטנס. און טאָמער איז בײַ עמיצן צוגעגנבעט געוואָרן אַ הוט פון דער האַנט אַרויס אָדער אַ בײַטל, האָט דער געטראָפענער עס גלײַך באַקומען צו קויפן אָט אָ דאָרט, אינעם ערשטן הויף בײַ יאַנאַשן.

רחבות'דיקער, גרעסער און טומלדיקער איז עס געווען אינעם צווייטן טייל פון אָט דעם גיגאַנטישן באַזאַר, וואָס האָט פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ קלייך־שטעטלדיקן יריד אויסגעוואַקסן דאָ, אין האַרץ פון דער פּוילישער מעטראָפּאָליע. אינעם צווייטן טייל האָט מען זיך געמוזט גוט אויסקענען, בכדי נישט פאַרפאַלן ווערן אין ווירוואַר פון מענטשן, סחורות קוואַקענדיקע און ריטשענדיקע, געביידעס און געהיימניספולע ווינקעלעך, באַזעצטע מיט נאָך מער געהיימניספולע טיפּן און כאַראַקטערן. דאָרט האָבן מיט ריגאַר געקיניגט פיש־ייִדענעס, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט זייערע גולמאָוואַטע פיגורן נעבן ברייטע, רונדיקע באַליעס מיט פיש און מיט געשוואָלענע הענט געשלעפּט זייער סחורה פון וואַסער אויף דער וואָג אַרויף; דאָרט האָבן זיך אָפּגעשפּילט די גרעסטע סקאַנדאַלן פון יאַנאַשעס הויף; דאָרט האָבן ברייטע, ווי זייערע באַליעס, פיש־ייִדענעס געפּלאַסקעט מיט לעבעדיקע קאַרפּן פאַרדעכטיקע פּרוויען, וואָס מ'האָט געכאַפּט בײַם אַראָפּלאָזן אַ קאַרפּ אָדער לעשטש אין אַ פאַרבאָרגענער קעשענע פון מאַנטל אָדער פאַרטוך; דאָרט האָט מען באַשפּיגן אַ קונה, ווען די האָט זיך צו לאַנג געדונגען; דאָרט האָבן אַרומגעוואַנדערט די ערגסטע קללות, וועלכע זײַנען אָבער אוועק אין די דערנעבן ליגנדיקע קאַנאַלן. פאַרן פיש־מאַרק אין יאַנאַשעס הויף האָבן די באַלעבאַטים געציטערט ווי פאַרן גיהנום און

אָפּגעזיפּצט מיט לייכטקייט האָבן זיי, ווען זייערע טריט האָבן זיך פון אים דערווייטערט.

ביים ענדע מויער פון יאַנאַשעס הויף, איז מיט אַ הילצערנעם גדר געווען אָפּגעטיילט אַ קליין שעכט־הויז, ווו כשרע שוחטים אין פאַרבלו־טיקטע קאַפּאָטעס און יאַרמולקעס אויף די קעפּ האָבן מיט געניטע הענט געשאָכטן עופות. נישט איינמאָל האָט אַ יידישע באַלעבאָסטע אָוועקגעחלשט אויפן אָרט, צוזעענדיק ווי דער חלף שניידט אָפּ ס׳לעבן פון אַ לעבעדיק נפש. געטאָן האָט זיך דאָרט חושך. אַ גאַנצע וואָך זיינען די שוחטים געווען פאַרטאָן מיט שעכטן פאַר די עופות־הורטאָווניקעס, וואָס האָבן צוגעשטעלט אָפּגעפּליקטע הינדלעך אָדער אינדיקעס צו די יידיש־וואַרשעווער רעסטאָ־ראַנען ווי הירשפעלד, גערטנער, פּיקאַדיללי, אַ־לאַ־פורשעט און צו די קלענערע „פּאַד יעליעניעם״, מנשה פון טוואַרדע דרייצן און נאָך פיל אַנדערע. פרייטיק אָבער האָבן אהין געשטראָמט פרויען פון דער גאַנצער געגנט מיט הינדלעך אָדער מיט קאַטשקעס, מיט אַ גאַנדז אָדער קורטשאַקל. נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז אַן אָפּגעשאכטן הינדל איז נאָך אַ ווײַלע ארומגעלאָפן איבערן הויף פון שעכט־הויף, האָבן די פרומע פרויען געזען דערין אַ בייזן סימן אום ערב שבת און בשום אופן נישט געוואָלט זיך מער צורירן צום עוף. ארעמע קינדער פון דער קראָכמאַלנע האָבן גלייך אַ כאַפּ געטאָן ס׳עוף און אַוועק מיט גרויס שמחה און גדולה אהיים. ווי אַ געהיימער אָפּמאַך צווישן די שוחטים און די ארעמעלייט, וואָס שענקען מעשר צו די אביונים, צו די כהנים פון דער גנאַינע און קראָכמאַלנער הונגעריקער שיכט, זיינען אויפגענומען געוואָרן יענע פאַלן, ווען ר׳ פּיניע, דער באַהאַוונטער און אויסגעצייכנטער שוחט, האָט געשאָכטן אַ הינדל וואָס האָט נאָך געלעבט.

אין אָפּגעזונדערטע עדה אין יאנאשעס הויף האָבן געשאַפן די פליקערס. פאַר אָפּפּליקן אַן עוף האָט מען זיי געגעבן אַ העלפט־סומע פונעם שחיטה־געלד. געפליקט האָבן זיי מיט אַזאַ בליץ־שנעלקייט, אַז ס׳אויג האָט קוים דערבליקט די פליענדיקע פעדערן. און געשלאָגן האָבן זיך די פליקערס צווישן זיך, געקריגט און געשאָלטן האָבן זיי זיך מיטן זעלביקן ברען און התלהבות, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט צו זייער מלאכה. ברייטע יונגאטשעס, דיקע, אויפּגעלאַצנדיקע מיידן און ווייבער, וועמענס פאַך, דאָס פליקן, איז געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון זייער לעבן, אַ חלק פון זייער וועזן.

פון בײדע זייטן פונעם שעכט־הויז, פונם פיש־מאַרק און פון די אַנדערע גרעסערע אָפּטיילונגען, האָבן אָרעמע יידן און יידענעס פונאַנדערגעלייגט

אויף ברעטער אָדער אויף זיך אָנגעהאָנגען זייערע פאַרשידנאַרטיקע סחורות: אויסבינדערס פון דער „זלאָטע" סעריע, אַזוי האָט מען זיי גערופן, ווייל געקאָסט האָבן זיי נאָר איין זלאָטע; פּאַראַייליצטע הערינג, פּוסט־ביי־כיקע אוגערקעס, אָפּגעברענטע „קייזערקעס", קנעפּלעך, שנירלעך צו שיך און פיל אַנדערע אַרטיקלען, וואָס אין אַנדערע געשעפטן האָט מען זיי פאַרטיילט צו אָרעמעלייט. אין די הונדערטער האָט מען זיי דאָרט געקאָנט אָפּציילן, און יעדער איינער פון אָט די אומגליקלעכע יידן, האָט אין שטוב געהאַט אַ גרויס געזינדל, פיל, זייער פיל קינדער, וועלכע האָבן מיט אומ־געדולט געוואַרט אויף אַ שטיקל ברויט.

דער באַזאַר אין יאַנאַשעס הויף האָט געשמט צווישן וואַרשעווער יידנטום. נישט דער דורכגאַנגס־הויף נאַוואָליפּיע־לעשנאָ, נישט דער באַזאַר זאַמענהאָף פּיר־און־פּערציק און נישט אַנדערע קלענערע „הייף" האָבן געקאָנט שטאָלץ זיין מיט אַזאַ עשירות פון אונטערנעמונגען און געשטאַלטן ווי יאַנאַשעס הויף.

ער, דער גנאַינער באַזאַר, איז געווען אַ בית־ועד פאַר כלערליי סוח־רים, פאַר פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען, פאַר גנבים און אונטערוועלטס־העלדן, אָבער אויך אַ צוזאַמענקונפט פון נגידישע באַלעבאַטעס, פון יידן מיט בערד און פאות, וואָס האָבן דאָרט, און נאָר דאָרט, געזאַמלט פּרנסה אין זכות פון זייער תורה־לערנען.

*

דריי בנינים פון ציגל און שטיין — נישט פון פליייש, פון האַלץ און בלעך — נישט פון מאַרך און מוח, דריי געביידעס ווי פיל טויזנטער אַנדערע וואַרשעווער געביידעס, וואָס זיינען געשטאַנען יאַר־צענדליקער און זיינען מער דאָרט נישטאָ, אָבער זאָלן זייערע נעמען און זייער מהות דער־מאָנט ווערן דורך די מאַגערע שורות, ווייל געאָטעמט האָבן זיי מיט יידישן קרעכץ און יידישער פרייד, ווייל אין זייערע געדערים האָבן הונדערטער וואַרשעווער יידן געקעמפט מיט די כוואַליעס פון רשעות און אומרעכט פאַר פּרנסה, פאַר עקזיסטענץ און געדינט דעם פאָלק אויף זייער אופן, ווייל זייער שאָטן האָט באַגלייט דאָס וואַרשעווער יידנטום אין יאָרן פון גע־ראַנגל, בעת געשיכטלעכע פּאַסירונגען און אין טעג פון אומקום, באַגלייט ווי אַ געטרייער חבר, ווי אַן איבערגעגעבענער ידיד.

זאָלן די ערטער, וווּ זיי זיינען לאַנגע יאָרן געשטאַנען, דערמאָנט ווערן צוזאַמען מיט די, וועלכע האָבן דאָרט געלעבט און זיינען פּריצייטיק פאַרלאָשן געוואָרן.

---

## פאַרטרעטן פון אַן אָפּגעמעקטער וועלט

פאַרשוועכט און געשענדעט ליגט היינט די גנאַינע גאַס, דאָס טייערע און אויף קיינמאָל נישט פאַרגעסענע געסל, ווו ס'האָט זיך געראַיעט פון זיי, פון דעם פּראָסטן פאָלק, וועלכעס איז אַזוי גוואַלדיק רייך געוועזן אין פאַרביקע טיפּן, געשטאַלטן משונה'דיקע, ברויזנדיקע כאַראַקטערן, פנימער פון קרימינאַליסטן און חכמים, הערצער פון רוצחים און גרויסע בעלי־נדבות.

עס וואַנדערן אין זכרון אַ פּאָר פאַרטרעטן פון יענע העלדן, פאַרטרעטן, וואָס מאַכן ציטערן דאָס האַרץ, וואָס עפענען אַ טרערן־שטראָם ביי זייער דענקמאָל, ביי זייערע אומבאַקאַנטע מצבות, וועלכע שוועבן באַדנלאָז אַרום דיר. זיי — דיין יונגהייט, דיינע שענסטע און פריידיקסטע טעג; זיי — דיין פאַרשניטענער נעכטן און נישט־דערבליטע רייפקייט; זיי — דיין „איך", וואָס וועט שוין קיינמאָל קיין תקון נישט באַקומען.

### דער אייער־פּרעסער

אויסגעזען האָט ער ווי אַ חיה. געשוירן האָט ער זיינע האָר איינמאָל אין יאָר, מער זיכער נישט. זיין גאַנץ פנים איז געווען שוואַרץ, די האָר צוזאַמענגעקנאָלט פון פעטער ברודיקייט, אין די אויגן־ווינקעלעך האָבן געיוירן ווייס־געלע ראָפּע־קנוילן. פון דער נאָז האָט דויערנדיק געקאַפּעט אַ שמוציקע פליסיקייט, וועלכע איז גערונען איבערן מאַנטל, און ער — דער אייער־פּרעסער — האָט געלאָזט דער נאַזיקער סובסטאַנץ טאָן וואָס זי וויל. זיין מאַנטל איז מיט דער צייט פעט און האַרט געוואָרן, גלאַנציק און שוואַרץ פון דער דאָזיקער ראַצישער פונקציע.

קיינמאָל האָט מען פון אים קיין וואָרט נישט געהערט. שווייגנדיק איז ער געווען, ווי זיין האַנט־וועגעלע אויף וועלכן ער האָט אויסגעשלעפּט זיין פּרנסה און וואָס אין די פרייע מינוטן האָט עס אים געדינט פאַר אַ מאַטראַץ. גאַנצענע טעג פלעגט ער אָנכּאָליען אויף זיין האַנט־וועגעלע, מיטן פּנים צו דער ברענענדיקער זון, אונטערלייגנדיק עטלעכע שמאַטעס פאַר ווייכקייט. דער גרויסער, פיר־קאַנטיקער קיזל־שטיין, וואָס האָט אַראָפּ־געוויגן די לאַסט ביים שלעפּן משאות, האָט אים אין יענע מאָמענטן געדינט אַלס קאָפּ־קישן. שלאָפנדיק אונטערן פרייעם הימל, ביי אַ רינשטאָק פון דער גנאַינע גאַס, האָט דער אייער־פּרעסער געשנאַרכט אַ שנאַרכן, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט נישט אונטערשיידט פונעם כראָפּען פון אַ בער, וועלכער פאַרברענגט אַ האַלב לעבן אין אַ צושטאַנד פון טיפן שלאָף. פאַרבייגייערס האָבן אַ בליק געטאָן אויף זיין פּאָזע, נישט־ווילנדיק איינגעאָטעמט דעם אייער־פּרעסערס פערמענטירנדיקן שמוץ און דאַן פלעגן זיי פאַרשטאָפּן די נאָז־לעכער, דריי מאָל אויסשפּייען און גיך זיך דערווייטערן פון דעם עקלדיקן אָרט.

פון־צייט־צו־צייט האָט זיך עמיצער דערבאַרעמט אויף דעם משונה׳דיקן טרעגער און אויסגעדונגען אים אוועקצופירן עטלעכע קעסטלעך אָדער פּעקלעך. צוריקקומענדיק פון דער „יאַזדע“ איז דער אייער־פּרעסער אריין צו מענדלען דעם געוועלביאַזש, געקויפט אַ גאַנץ ברויט און עטלעכע הארטע אייער און אַוועקגעזעצט זיך אויף זיין וועגעלע, רייסנדיק שטיקער פונעם לאַבן ברויט ווי אַ וואָלף פון זיין קרבן. די אייער האָט ער ממש געקושט, צוערשט האָט ער זיי מיט ליבשאַפט און אויפפּרעסערישע בליקן געגנוי באַטראַכט, דערנאָך האָט ער זיי גאַנצערהייט אַריינגעוואָרפן אין מויל אַריין און לאַנג זיי דאָרט געהאַלטן, אויסצערטלענדיק מיט דער צונג יעדעס שטיקעלע אײדער ער האָט עס אַראָפּגעלאָזט אין זיין מאָגן אַריין.

ער איז געווען אַ טרעגער א „דעטאַליסט“, וואָס האָט פאַרדינט דאָ אַ צוואַנציקער און אַנדערשווו אַ פופציקער. זיין נאָענטסטער און גע־טרייסטער חבר, די שטריק צו פאַרבינדן פּעקלעך, האָט אַרומגענומען זיינע לענדן ווי אַ גאַרטל און אָפּגעהיטענעם ייד. זיינע קליידער — הוילע צוזאַ־מענגענייטע לאַטעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אדאַנק די גראָבע שטריק־פעדים, האָבן זיין געשטאַלט ענלעך געמאַכט צו אַ געפאַנגען באַשעפעניש אין אַ נעץ.

אַפילו אינעם גנאַינער געטומל און ווירוואר האָט דער אייער־פּרעסער געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די ארומיקע ווי אויך זייער מיטלייד און רחמנות־געפילן.

געליבט האָט ער זיין באַרוף ווי אַ יונג־פּרוי איר אויסגעטרוימטן באַשערטן. ווען מ׳הייסט אים ווערן רב, וואָלט ער זיכער דערויף נישט מסכים געווען, ווייל ווי וואָלט ער זיך געקאָנט שיידן מיט זיינע צעריסענע קליידער, מיט זיין קוויטשעדיק וועגעלע און מיט דעם אַלעם, וואָס האָט אים געשפּייזט מיט אייער? —

— הער נאָ דו, אייער־פּרעסער, גאָט זאָל דיר העלפן, זאָלסט פּטור ווערן דיין פּאַך!

ווען עמיצער האָט אים באַגעגנט מיט אָט אַזאַ ברכה, האָט ער זיך אויפ־געקאָכט ווי זודיק וואַסער און איז געווען גרייט יענעם צו דערשטיקן. די קינדער פון דער גנאַינע גאַס האָבן גוט געקאָנט דעם סוד פון זיין שוואַכקייט, איז יעדעס פון אונדז צוגעלאָפן צום אייער־פּרעסער פון הינטן און אריינגעשריען אים אין אויער „גאָט זאָל דיר העלפן, זאָלסט פּטור ווערן ס׳פּאַך״. נישט איינמאָל איז ער נאָכגעלאָפן די קינדער, גע־שלאָגן זיי מכות־רצח ביז ער האָט זיך איינגעשטילט און איז אַוועק צו זיין וועגעלע כאַפּן אַ דרימל.

אָבער מער פון אַלעמען, מער ווי צו זיין פּאַך האָט ער געלעכצט נאָך אייער. האַרטע, אָפּגעקאָכטע אייער האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ טרוימער, פאַר אייער איז ער גרייט געווען פּטור צו ווערן פון זיין פּאַך, פאַר אייער האָט ער אָפטמאָל רעזיגנירט פון זיין שלאָף, וואָס דאָס אַליין האָט שוין געהערט צו זיינע העלדנטאטן.

— אַ נו, באַווייז וואָס דו קאָנסט; האָסטו פּערצן אייער, מוזט זיי אַריינ־שיבן מיט די שאָלן. ווערסטו דאָס פּאַטראַפּיען באַקומסטו נאָך צו פּופצן זלאָטעס, און ווען נישט, ביזטו אַ חזיר און ווערסט ווי אַ טאַטע באַצאָלן פאַר די אייער.

דעם אייער־פּרעסערס אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט. זיין אומגעלומפּערטער גוף האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום געוועט, וואָס די אַנדערע טרעגערס, לצים און חוזק־מאַכערס, האָבן אים פאַרגעשלאָגן אויף קאַטאַוועס.

א המון נייגיריקע איז אַרומגעשטאַנען ביים אייער־פּרעסער און צו־געקוקט זיך מיט אויסגעגלאָצטע אויגן ווי זיין נישט־מענטשלעך מויל שלינגט אַראָפּ רויע אייער מיט די שאָלן. הוראַ־אויסרופן האָבן געהילכט אין דער לופט. דער אייער־פּרעסער האָט באַזיגט זיינע אָפּשפּאָטער. ער האָט אריינגעקנאַלט ווי קיינמאָל גאָרנישט די פערצן אייער אין די שאָלן.

פון דעמלט אָן האָט די גנאַינע גאַס געשאַנקען פיל דרך־ארץ דעם טרעגערישן ל׳ו־ניק, וואָס האָט געקעמפט, געלעבט און געטרוימט אויס־שליסלעך פאַר אייער.

# די גבאי׳טע

פינקטלעך ווי אן אויסרעגולירטער זייגער, האט זיך די טיר יעדן שבת אינדערפרי אויפגעמאכט און ווי אַ געפלאגטער הונט, וואָס ציטערט פאר אַ שטעקן, האט זי, די גבאי׳טע, זיך אריינגעשארט אין דער קיך אריין. ווייטער איז זי נישט דערגאנגען. דאָ, אין דער קיך, האט זי גע־פונען איר מקום־מקלט. דעם גאנצן שבת׳דיקן טאָג האט זי פארבראכט אויף דער גנאַינע דריי, די אַנדערע טעג פון דער וואָך — אין אַנדערע הייף פון גנאַינע גאַס, אונדזער געסל איז פאר איר געווען דאָס ברייטע און לאַנגע פעלד פאר איר טעטיקייט. כאָטש זי האט געווינט — ווער האט דען געקאַנט איר אַדרעס? — האט זי אונדזער גאַס פארעכנט צו די אויסדערוויילטע מיוחסים פאר איר הייליקער שליחות.

פארגליכן האט מען זי צו אַ גייענדיקן שוואָם, ווען קאָפּ־קאַ־פּעליוש איז גרעסער פונעם גוף. קליין איז זי געווען, אַז ווענלדיק צו איר עפּעס אויסריידן, האט מען געמוזט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און קוקן צו דער ערד. זי פלעגט תמיד טאַסקען אין ביידע הענט צוויי פּעקלעך אין וועלכע איר האט געפונען גאָר קליינינקע פּעקאַלאַך איינגעוויקלטע אין טויזנטער, הונדערטער פּאַפּירן און ווען ס׳מזל האט זי באַגליקט און די צוויי פּאַקעטן האבן זיך פארפולט, האט זי פונעם בוזעם אַרויסגעצויגן אַ טאַרבע, אַריינגעלייגט אין איר די באַקומענע מתנות און פאַרוואָרפן זי אויף דער הויקערדיקער פּלייצע. ווי אַ וואַסער־טרעגער האט זי געשלעפּט די פּרוכטן פון איר ארבעט, בייגנדיק זיך אונטער דער משא איינמאָל צו דער רעכטער זייט, דאָס צווייטע מאָל לינקס. שטעלנדיק אירע קליינע פיס האט זי זיך געהוידעט מיטן קערפּער ווי אן אומרו ביי אן אַלט־פרענקישן זייגער.

לאַנגע יאָרן האט זי געשלעפּט די פּעק מיט שטיקעלעך חלה, ברויט, שטיקעלעך פּוטער אָדער ביסלעך צוקער, מיט פאראיינצלטע ציבעלעס אָדער מייערן, ברעקלעך פיש אָדער פליישי.

אָנגעהויבן האט זי איר קאַריערע אַלס באַלעבאַטישע פרוי, וואָס האט געזאַמלט שפּייז פאר אָרעמע קראַנקע פונעם טשיסטער הקדש. דער מאן אירער האט נישט געפירט קיין גרויסע געשעפטן, אָבער אויף פרנסה האט ער פאַרדינט און זי, זיין פרוי, די שפּעטערדיקע גבאי׳טע, האט פשוט נישט אויסגעהאַלטן, אַזוי שטאַרק האט איר געמאַטערט אַ באַגער צו דינען די אומגליקלעכע חולים, וואָס די געזעלשאַפט האט אין זיי נישט אַלעמאָל

געדענקט. זי האָט אָנגעהויבן אַלזאָ איר מארש איבער יידישע הייזער, איר נדבישע אַדיסעיאַדע, וועמענס איינקונפט איז געפלאָסן אהין, צו די אָרעמע און אויסגעדאַרטע קראַנקע אויף טשיסטע, וואָס נישט שטענדיק״ האָבן זייערע משפחות געהאַט פאַר זיי עפּעס ס׳הארץ צו דערהאַלטן. ווען די קליינע, קלאָונישע פערזאָן האָט איבערגעטראָטן ס׳טויער פונעם שפּיטאָל, האָבן זיך גלייך דערהערט לויב־געזאַנגען און ברכות פאַר „איר הייליקער נשמה״ און ס׳האָבן זיך אַרויסגעגליטשט ביי די אומגליקלעכע טרערן פון פרייד, פון שטאָלץ און גאווה, טרערן, וואָס האָבן באַפרוכטבערט די עלנט און נויט פון די געשלאָגענע נפשות.

דעם מאַן אירן האָט באַשטראַלט אַ גוואַלדיקער שטאָלץ פון זיין ווייב׳ס גוטהאַרציקייט. ער האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט איר בקשה צו וויד־מענען דעם גאַנצן שבת׳דיקן טאָג פאַר קראַנקע. און אַזוי האָט זי געלעבט, גליקלעך מיט איר מאַן, פול מיט מסירת־נפש פאַר די קראַנקע און גוטמוטיק צו יעדן מענטש.

יאָרן זיינען געגאַנגען. מיטן מארש פון דער גבאי׳טע איבער די הייזער איז פון איר אַוועק איר גליק, איר מזל. דער מאַן אירער איז געשטאָרבן. געבליבן איז זי אַליין אויף דער וועלט אָן פרנסה, אָן אַ ליכטיקן מאָמענט. זי האָט אָנגעהויבן גיין איבער די הייזער אויך אין די וואָכעדיקע טעג. די נידערלאַגע האָט צעאַקערט איר פּנים מיט טיפע קנייטשן־סקיבעס. איר קערפּער האָט זיך נאָך מער איינגעשרומפּן, אירע פיס האָבן אָנגעהויבן צו שטעלן ציטערדיקע טריט. מענטשן האָבן דאָס געזען און געוויזיקט איר צער און געפאַלנקייט. מען האָט זי ווייטער אויפגענומען מיטן אמאָליקן כבוד און אַכטונג. אַזוי ווי ד׳עמלט, בעת אירע גוטע צייטן, האָט מען זי ווייטער גערופן „גבאי׳טע״. מ׳האָט איר דערמיט געגעבן צו וויסן, אַז זי איז ביי מענטשן פאַרבליבן דאָס, וואָס זי איז פריער געווען — אַ באַרמ־האַרציקע פרוי פאַר אומגליקלעכע. פון די צונויפגעקליבענע נדבות האָט זי אין די לעצטע טעג אַראָפּגענומען אַ טייל פאַר זיך.

זייט אַ געוויסער צייט, איז די גבאי׳טע פאַרשוווּנדן. זי איז מער נישט געקומען. אין אַ פאַר וואָכן אַרום איז דערגאַנגען צו אונדזער הויף די ידיעה, אַז דער מלאך־המות האָט פאַרלייכטערט איר נע־ונד־עקזיסטענץ.

און די גנאַינע גאַס האָט גערעדט דערפון, אַז אין שטרוי־זאַק פון דער גבאי׳טעס בעט האָבן אירע שכנים אָנגעטראָפן אויף אַ גרויס פאַרמעגן. עטלעכע הונדערט דאָלאַר זיינען געלעגן צוקאָפּנס פון איר גוסס׳דיקן קער־פּער. פונוואַנען זי האָט אָנגעזאַמלט אַזאַ עשירות איז פאַרבליבן אַ סוד פאַר אַלעמען לעולם־ועד.

## מאַטיע פענטאַק

מאַטיע פענטאַק איז טאַקע געווען דער סאַמע שר פון דער גנאַינער אָרעמקייט און דלות. אָבער זיין האַרץ און זיינע רחמנות־געפילן פאַר אַנדערע ליידנדיקע זיינען אַזוי רייך געווען אין אײדעלע און לויטערע קעמערלעך, אַז נישט איינמאָל איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מוסטער פון עכטער מענטשלעכקייט.

דער בית־המדרש אויף גנאַינע פינף איז געווען זיין שלאָף־צימער, זיין עס־צימער און ס'אָרט, ווו ער איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן. געקומען איז ער פון דער שכנות'דיקער קראָכמאַלנע גאַס. דאָרטן זיינען די עלטערן זיינע אַוועק פון דער וועלט, ווען מאַטיע איז נאָך אַ יינגל געווען. מער קיין נאָענטע האָט ער נישט געהאַט. דערצויגן האָט אים צוערשט די גאַס און שפּעטער דער בית־מדרש פון ר' שאיע פּריוועס. גע־רעדט האָט ער מיט דער שפּראַך פון דער אונטערוועלט און געמשפּט האָט ער מיטן פּסק פון אַן אויטאָריטאַטיוון בית־דין. אין די שווערסטע, בייסנ־דיקסטע ווינטערן איז ער אַרומגעלאָפן באָרוועס. די ציינער האָבן ביי אים געקלאַפּט צום טאַקט פון די פּאַסקודנע לידלעך, וואָס ער האָט אויסזעזונגען מיט אַ ריינער, האַרציקער שטימע. געטראָגן האָט ער נאָר אַ פּאָר הויזן און אַ רעקל. ווינטער־צייט האָט ער פון ערגעץ ווו אַרויסבאַקומען אַ מאַנטל. מערסטנטייל אָבער האָט א צוגעגנבעטער דורך אים זאַק פאַרטראָטן דעם מאַנטל. געקאָנט האָט ער אַלעמען, אַלע ווידער פון אונדזער געגנט, דער־וואַקסענע און קינדער, רייכע און אָרעמע, זיינען געווען מיט אים גוט באַקאַנט. זיינע פיס זיינען געווען שטיקער קוילן, אַזוי שוואַרץ פון ברוד. הונדערטער לייז האָבן זיך געפּאַשעט אויף זיין פּעטלעכן קערפּער.

ערב א יום־טוב, ווען די בעטלערס האָבן זיך אין שול־הויף פון גנאַינע פינף אויסגעשטעלט אין אַ רייע צו זייער פּענטאַצקער עבודה, איז מאַטיע געקרוינט געוואָרן פאַרן פּוסק אחרון פון אָרדענונג. ער האָט דאָס רעגולירט און ערלעך פאַרטיילט די פּלעצער, ווו יעדער פון זיי דאַרף שטיין; ער האָט צוגעקוקט, אַז אַן אומבאַהאָלפענער זאָל נישט באַוועלט ווערן דורך די געזונטע און שטאַרקערע אָרעמעלייט; ער האָט דאָס ריקזיכטסלאָז איינגעהאַלטן אַ מתפלל און אים געצוווּנגען אַריינצוואַרפן אַ פּאָר גראָשן אינעם טעלערל. פאַר מאַטיען האָבן געציטערט די צוגעהעריקע פון זיין שטאַנד ווי אויך די, וואָס האָבן זיך געשעמט אויסצוריידן מיט אים אַ וואָרט.

שבת־צו־נאַכט איז ער געווען פאַרזיכערט מיט אַן אונטער־ברויט. צו שלוש־סעודות איז ער פאַררעכנט געוואָרן צו די אַנגעזעענסטע אורחים

אין בית־מדרש. אַ חוץ דער צוגעטיילטער פונעם גבאי פּאַרציע, האָט ער נאָך אַראָפּגעלקחנט פונעם טיש אַ צוויי חלות און עטלעכע הערינג, וועלכע האָבן פאַר אים געסטאַיעט אויך אַ זונטיקדיק פרישטיק. זונטיק און פרייטיק האָט ער געפּענטעט אין שול־הויף, דאָנערשטיק איז ער געגאַנגען איבער די הייזער, דינסטיק האָט ער באַזוכט די קראָמען און אין די איבעריקע טעג פון דער וואָך האָט ער געגנבעט. קיינמאָל האָט ער נישט געקלאָגט אויף זיין מצב. ער פלעגט אַלעמאָל זינגען, כאַפּן אַ טענצל אינ־מיטן גאַס, פאַר וועלכן ער האָט דערנאָך געפּאָדערט שכר. און קיינער האָט אים נישט אָפּגעזאָגט, בלויז אויס מורא אַריינצופאַלן אין זיינע לאַפּעס און אין זיין פיסק האָבן אים יידן געגעבן גראָשנס און צענערלעך אויך.

ווען ס׳איז אים באַפאַלן אַ חשק אויף אויבסט, איז ער צו צו אַן אויבסט־הענדלערין, אַראָפּגענומען עטלעכע עפּל אָדער באַרנעס, אַ זשמעניע קערשן אָדער וויינפּערלעך, ווי ס׳וואָלט אים דאָס געקומען, און ווייטער זיך געגאַנגען זיין וועג. דאָס זעלביקע האָט ער געטאָן, ווען ס׳האָט אים ווידער אָנגעהויבן צו נאָגן ביים האַרץ און ער האָט באַקומען אַפּעטיט אויף אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען.

די נעכט האָט ער פאַרבראַכט אין „צירק״ אויף דזשיקע גאַס צווישן די הונדערטער ווי ער פונעם לעבן אויסגעוואַרצלטע.

מאַטיע פענטאַק האָט איבער פיל פון דער גאַנצע גאַס מיט זיין נפש געפּאַכעט ווי אַ רים, ווי אַ בייטש, אָבער אויך פאַר אַ גרויסן טייל איז ער געווען דער ערלעכער און געוויסנהאַפטיקער מושל.

## מענדל שמש

מיט דער שול אויף גנאַינע פינף האָט פאַקטיש רעגירט מענדל שמש. טראָץ דעם, וואָס אין שפּיץ פון דעם פריוועסעס בית־התפילה איז געשטאַנען אַ פאַרוואַלטונג פון אָנגעזעענע בעלי־בתים, איז ער, מענדל, געווען דער אַליך־הערשער פונעם מקום־קדוש אויף אונדזער געסל. אויך זיי, די בויערס און פאַרזאָרגערס פון דער שול, האָבן זיך גערעכנט מיט זיין וואָרט און מיינונג, ווייל מענדל איז געווען אַ ייד אַ פּקח, וואָס פאַרמאָגט אַ שכל׳דיקן און קלאָרן צוגאַנג צו די מתפּללים און אדאנק די מידות זיינע האָט ער באַהערשט זייערע געפילן, ער האָט געוווּנען זייער אָנערקענונג.

באַדינט האָט מענדל נישט בלויז דעם הייליקן, אַלטן, גיגאַנטיש־אויס־געבויטן שול־בנין, נאָר אויך די הונדערטער וואָכעדיקע מתפּללים, וואָס

זיינען דריי מאָל טעגלעך אַדורכגעשוווּמען די שול ווי אויך די שבת׳דיקע דאַוונערס, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אין די פיר מיט פאַרשיידענע תנ״ך־בילדער אויסגעמאָלענע ווענט אַ שבת־קודש׳דיקע אַטמאָספערע פונעם יידישן רו־טאָג. ביי אים האָט איר באַקומען סדורים און מחזורים, תל־ומטר׳לעך און מנחה ומעריב׳לעך, טליתים און ציצית, הושענות און גרעגערס, אַ לולב מיט אַן אתרוג און אַן עליה צו דער תורה און מער פון אַלץ פעטש. זיין „געשעפט״ איז טעטיק געווען אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט, ווען די וואַרשעווער הויף־סטראַזשעס האָבן פאַרמאַכט די טויערן. אין אַ ווינקל פונעם פּאָליש איז אויף דער וואַנט געהאַנגען אַ שענקל אין וועלכן מענדל שמש האָט געהאַלטן זיין סחורה. דאָס דאָזיקע שענקל האָט דער שמש פון דער גנאַינער שול אָפּגעהיטן מיט מער זאָרג און פּיעטעט ווי דעם בעלעמער, ווי דעם ארון קודש און ווי די ספרי־תורה מיט די זילבערנע הענטלעך צום טייטלען בעתן לייענען. ווי אַן אויסגעצייכנטער און דורכבליקנדיקער פּסיכאָלאָג האָט מענדל אַדורכגעקוקט זיינע קליענטן. ער האָט גענוי געוווּסט, ווּעמען ס׳קומט אַ סידור אין לעדער געבונדן, וועמען ער מוז אויסרופן צו דער תורה מיט אַ פאַרצויגענעם ניגון און וועמען גלאַט אַזוי — אָפּגעזאָגט דעם יעמוד און „שנעלער, גיכער, ס׳איז נישטאָ קיין צייט״. ער האָט אויך פאַרשטאַנען אָוועקצוזעצן דעם־אָ ביי דער מזרח־וואַנט, אַ צווייטן אין די ווייטערע רייעס און אַן אַנדערן אין די גאָר לעצטע בענק. איז אַריינגעקומען קדיש זאָגן אַ שיין־געקליידעטער יונגערמאַנטשיק איז מענדל ביי אים געשטאַנען און נישט אָפּגעטרעטן פון אים, אויסרופנדיק הויך אויפן קול דעם „אמן״ און „יהא שמה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא״. געטאָן האָט ער עס נישט פון דרך־ארץ צום עלעגאַנטן קדיש־זאָגער, נאָר פון אהבה צום פעטן גראָשן, וואָס יענער האָט אים אַריינגעשטופּט אין דער יד אַריין.

דער שמש מענדל האָט געהאַט אַ האַרטע האַנט פאַר ווידערשפּעניקע מתפללים. ער איז געווען אַ מומחה אין רייסן אויערן ביי יינגלעך, וואָס האָבן געשטערט ס׳דאַוונען, אָדער וואָס זיינען אַן זיין דערלויבעניש אַרויף צום בעלעמער צווישן די פיר געמויערטע זיילן; ער האָט ביז בלוט געקניפּן דאָס אויסגעמאָגערטע פלייש פון די אָרעמעלייט, וואָס האָבן געהאַט די העזה אָוועקצוזעצן זיך אין די ערשטע בענק; ער איז געווען אַ מייסטער אין דערלאַנגען פייערדיקע פּעטש די יעניקע, וואָס האָבן זיך אויף אייגענער האַנט גענומען דאָס רעכט אָוועקצושטעלן זיך פאַרן עמוד און ווערן שליחי־צבור ביי אַ מנחה אָדער מעריב. געיאָגט האָט ער פון דער שול די אַלע, וואָס האָבן באַהאַלטענערהייט גערייכערט אַ ציגאַרעט,

וואָס האָבן אין ווינקל, צווישן צוויי בענק, בכדי מען זאָל זיי נישט אַרויס־זען, געגעסן אַ בייגל אָדער בולקע, וואָס האָבן געשמועסט וועגן מסחר אָדער, וואָס האָבן געריייניקט זייערע העמדער פון ווערים־פּאַראַזיטן.

אָן זיין באַפעל האָט קיין שום מנין נישט געטאָרט זיך שטעלן צום דאַווע־נען; אָן זיין באַפעל האָבן אַפילו די פּריוועסעס נישט דערלויבט זיך צו עפענען דעם ארון־קודש און אַרויסנעמען פון אים אַ ספר־תורה; אָן זיין באַפעל האָבן יידן נישט געוואַגט אָנצינדן יאָרצייט־ליכט; אָן זיין באַפעל האָט זיך אין פּאַליש נישט פאַרמירט קיין צווייט מנין, ווען אין שול האָט אויסגע־פּעלט אָרט פאַר מתפּללים. אָן מענדלען דעם שמש איז די שול אויף גנאַינע פינף געווען ווי אַ גוף אָן אַ נשמה רחמנה לצלן — האָבן זיך יידן שטילערהייט געאויסערט.

באַקאַנט און זאָגאַר באַרימט איז ער געווען אין דער גאַנצער גזשי־באָווער געגנט. יידן פאַרמעגלעכע האָבן זיך צו אים געהנדלט, וועלנדיק באַקומען אַ בכבודיקע עליה; אָרעמעלייט האָבן זיך פאַר אים געטרייסלט און מורא געהאַט, ער זאָל זיי חלילה נישט אַרויסוואַרפן פונעם שול־הויף; מיטלשטאַנד מענטשן האָבן זיך מיט אים אָפּגעשטעלט און אַריינגעכאַפּט אַ שמועסל, בכדי שפּעטער צו באַקומען שנעלער אַ סידורל אָדער טלית, ווען זיי פלעגן פון געשעפט אויס אַריינלויפן אין שול אַריין און אַריינכאַפּן אַ דאַווענען.

די שול אויף גנאַינע פינף איז פאַר מענדלען געווען אַלץ — דער פּרנסה־מקור, זיין צווייטע היים און אַ פעלד פון זיין מאַכט.

ער ווידער, מענדל שמש, האָט אויף זיינע פּלייצעס געטראָגן דעם פונדאַמענט אויף וועלכן ס'האָט גערוט דער גרויסער און באַרימטער גנאַינער משכן.

## גיטל סאַרג

איר געוועלב אויף גנאַינע דריי האָט אויסגעזען ווי איין שטיק סמאַלע. אין איר ווינונג האָט אַלמעכטיק געהערשט אַ זעלטענער ברוד. איר פּנים און די הענט, מן הסתם דער קערפּער אויך, האָבן אויף זיך געטראָגן עטלעכע שיכטן שמוץ און שוואַרצקייט.

אַרום איר, גיטל סאַרג'ס, קאָפּ, האָט געשוועבט די קרוין פון גנאַינעם ברוד און פאַרשליאַכעוועטקייט.

געקומען איז אָט די יידענע נאָך וואָרשע פון שעדלעץ, אָדער מעזריטש, בכדי חתונה צו האָבן מיט משה־מאַטעס׳ן, א ייד, אַן עוג מלך הבשן, אזוי הויך־געוויקסיק און מעכטיק שמוציק איז ער געווען. גיטל, זיין ווייב, האָט אָבער פאַרדאָפּלט דעם סאַרג אין ווין הויז. חיונה האָבן זיי געצויגן פון סמאָלע און שמירעכץ צו רעדער, וואָס האָבן פאַרעפּושט אונדזער גאַנצן הויף. דער אייל פון זייער קראָם האָט פאַרשוואַרצט און פאַרפּעטיקט דעם גאַנצן ארום פון אונדזער סביבה. ארום זייער געשעפט זיינען גע־שטאַנען טויזנטער פעסלעך און גרויסע פעסער, וועלכע האָבן אין די פאַרנע זומער־טעג דערשטיקט דעם אָטעם פון די לאָקאַטאָרן און דיק געמאַכט די לופט מיט ריחות פון סמאָלע און אַנדערע שמירעכצער.

אַריינקומענדיק אין איר שטוב האָט ברוד און שטיקנדיקע לופט אַרויסגעיאָגט פון דאָרט מיט טוצן אומזעבארע בעזימס. די בעטן זיינען תמיד געשטאַנען נישט פאַרבעטע, אויפן טיש האָט זיך געוואַלגערט ברויט מיט הערינג, א פעסעלע אייל און אַ טאָפּ זויערע אוגערקעס, אַן אָפּגעקאָכט שטיק פלייש, אָפּגעגריזשעטע ביינער צונויפגעמישט מיט ברודיקע וועש. די ווענט זיינען געווען שוואַרץ, דער דיל שוואַרץ, די פּאָר ספרים שוואַרץ — זייער גאַנץ וועזן האָט באַגאָסן אַ נישט אָפּווישבאַרע שוואַרצקייט.

און אַזוי האָט זי געלעבט, גיטל סאַרג. געהאַט אַ סך קינדער, באַפרי־דיקט איר מאַן און אַריינגעכאַפּט אַ חטא מיט אַן אַנדערן, געקאָלערט גרויסע פעסער, געגאָסן סמאָלע אין דאָרפישע באַנקעס, געגעסן גאַנצע ברייטלעך מיט נישט־אָפּגעשיילטע הערינג און אויסגעקריגט זיך מיט אַלע שכנים, וואָס האָבן פּרובירט קריטיקירן איר לעבנס־שטייגער.

אויך די קינדער זיינען נישט געווען זויבערער פון דער מאַמען. אויך זיי האָט אַרומגעכאַפּט די שוואַרצקייט פון טאַטע־מאַמע.

צוויי קאַטעגאָריעס קינדער האָט גיטל סאַרג פאַרמאָגט אין איר באַזיץ. די ערשטע זיינען געווען טאַקע אירע אייגענע, וואָס גיטל האָט אויסגע־טראָגן פון משה מאַטעס׳עס זריעה, די צווייטע האָבן געהערט צו דער ערשטער פרוי פון איר איצטיקן מאַן. געלעבט האָבן די קינדער פון דער צווייטער קאַטעגאָריע אויסשליסלעך דערפאַר, בכדי איר צו פאַרמיאוסן ס׳לעבן, בכדי אויסצוצאַפּן פון איר דעם דם התמצית. אַ פאַרשטערט און צעשעדיקט לעבן האָט זי געהאַט צוליב זיי. תמיד געקריגט זיך, יעדן טאָג געריסן זיך ביי די האָר, געדראַפּעט די אויגן איינער ביים צווייטן, געביסן זיך און פאַרבלוטיקט. האָט דאָס געזינדל פון גיטל סאַרג פאַרפולט דעם

הויף פון גנאַינע דריי מיט אזיאטישן טעמפעראַמענט, מיט שלעגערייען און געקריגערייען, וואָס זיינען צו אַ מיט אויסגעוואַקסן ביי דער אונטער־וועלט.

און גיטל סארג האָט בקיין שום פאַל נישט אַנגעהערט צום פעבל. אירע עלטערן זיינען געווען גרויסע מיוחסים, אירע קינדער האָבן גע־שמאַק און גוט געלערנט, אין דער שטוב האָט קיינמאָל קיין ברויט מיט פוטער נישט פאַרפעלט. זי איז געווען אַ בעלת־פרנסה, וועלכע האָט נישט איין הונגעריקן אַנגעזעטיקט.

זי איז געווען בלויז א סארג, אַ שליאַך, א גרויס שטיק שמוץ און דאָס האָט אַזוי צעשטערט איר לעבן און עס פאַרפינצטערט.

נאָך משה מאַטעס׳עס טויט האָט ס׳געוועלב אָפגעירשנט זיין עלטסטער זון. גיטל איז דאַן מיט אירע קינדער אַוועק גאָך פאַלעניץ און דאָרט ווײַ־טער ממשיך געווען איר אַרט לעבן.

די גנאַינע גאַס האָט מיט איר אַוועקגיין פאַרלוירן אַ נישט־טאָג־טעגלעכן טיפּ, אַ טייערן עקזעמפּלאַר פון דער קאָלירפולער גאַלעריע וואַרשעווער יידישע געשטאַלטן.

## מנשה פיוויארניק

גשטאַמט האָט מנשה פון דור־דורות פיוויארניקעס אָדער רעסטאַראַ־טאָרן, אויך זיין פּרוי איז צו אים געקומען פון אַ שענק, וואָס איז איבער־געגאַנגען בירושה צו איר שוועסטער פון דער גרינער גאַס. גרויסע ספּע־ציאַליסטן זיינען זיי געווען אין דער קולינאַרישער קונסט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פּאַראַלעל צום אייגנאַרטיקן יידישן שטייגער־לעבן אין קרוין־פּוילן. איר האָט געמוזט לאַנג זוכן צו באַקומען געשמאַקערע געפעפּערטע אַרבעס אָדער באָבעס ווי ביי מנשה׳ן. זיינע הערינג מיט ציבעלעס און בוימל, זיינע אייער־פּלעצלעך, די לעבערלעך פון זיין שענק, דער פעטער קרופּניק מיט מארך־ביינער, אַ געזאַלצענע און געפעפּערטע אַרבעס־זופּ אָדער פּאַ־סאָליע־פּירע — דאָס אַלץ האָט מנשה׳ס נאָמען צעטראָגן איבער אַלע געסלעך און לעכער פון אונדזער געגנט.

געווען איז ער א יידעלע אַ קליינס, אַ פּיצעלעס, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געבוירן געוואָרן. זיינע קליינע הענטלעך האָבן געשיקט און מיט אַ נישט נאַטירטער שנעלקייט באַדינט די קונים, וואָס האָבן זיך תמיד געיאָגט, תמיד נישט געהאַט קיין צייט. ווי א קאַץ פלעגט ער ארומלויפן

צווישן די טישלעך אין זיין שענק, דערלאַנגען ביר מיט אַרבעס, אַפּווישן דעם טיש פון אויסגעגאָסענער טיי, צוטראָגן אַ זופּ, אַרויסיאָגן אַ פּאָר־דעכטיקטן קונה און בעיקר קאַסירן מזומנים. אינצווישן צייט האָט ער גע־שמועסט אין תורה מיט זיינס אַ ידיד, וואָס איז אַריינגעקומען צו אים מיט אַן אויסרייד וועגן אַ שווערער שטעלע אין חולין און אין דער אמת'ן האָט ער ממש געלעכצט אויסצוזופּן אַ האַלבע „יאַסנע" פון האָבערבוש־און־שיעלע אָן געלד, ווייל אין זיינע קעשענעס האָט ארומגעוואיעט דער ווינט. מנשה האָט געטאַשטשעט פּעסלעך ביר, באַלאָנען מיט גאַז, מיט סאָדע־וואַסער, אָפּגערעכנט זיך אין אַ געבראָכענעם פּויליש מיט די ריזיקע, ברייט־פּלייציקע גויישע ביר־דאָסטאַוועט'יקעס, וואָס זיינען פאַרפאָרן פאַר מנשה'ס שענק אויף די גוט־באַקאַנטע אין וואַרשע ביר־פּלאַטפאָרמעס, גע־שלעפּטע דורך בעלגישע פערד פון דער פירמע האָבערבוש־און־שיעלע. פון באַגינען אָן ביז שפּעט אין אָוונט האָט מנשה נישט גערוט. און כאָטש ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט דריי דערוואַקסענע קינדער, צוויי זין און אַ טאָכ־טער, האָט ער זיך אָבער אויף קיינעם נישט פאַרלאָזט און אַליין געווען אומעטום, איבעראַל אַריינגעקוקט, יעדן באַדינט און צוגעזען, אַז ס'געקעכץ זאָל זיך נישט צוברענען.

חוץ שענקעריי האָט זיך מנשה אויך באַשעפטיקט מיט אַ צווייטער מלאכה, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אַ טייל פון זיין פרנסה. מנשה איז פאַררעכנט געוואָרן צו די הויך־קוואַליפיצירטע בעל־קורא'ס פונעם גזשי־באָווער ראיאָן. פון אַנדערע גאַסן זיינען יידן געלאָפן הערן מנשה'ס תורה־לייענען אָדער מגילה־זאָגן. מיט אַ שטימע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר בעל־קורא'ס, האָט מנשה מהנה געווען די מתפללים מיט זיין מתיקה'דיקן, פּעלערלאָזן לייענען, וואָס האָט צוגעגאַנלט די דאַווענערס צו די בענק. אין דער שול, וווּ מנשה האָט געלייענט די תורה, זיינען די מתפללים נישט אַרויסגעגאַנגען בעתן זמן־קריאה, ווי דאָס האָט פּאַסירט אין אַנדערע שולן, נאָר געדולדיק, מיט נחת־רוח געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז ווי אַ זינג־פויגל אַרויסגעפלויגן פון זיין מויל. אומגעציילטע „יישר כוח ר' מנשה" האָבן אים דערפאַר באַגלייט בעתן פאַרלאָזן דעם בעלעמער, פון־וואַנען ער האָט פאַרן עולם פונאַנדערגעטראָגן די פרשה פון דער וואָך.

במשך זעקס טעג פון דער וואָך איז מנשה געווען סוחר, שענקער און דינער. געגעסן און געטרונקען האָבן אין זיין שענק די פורמאַנעס פון גאַנץ גנאַינע גאַס, גנבים, סתם שלעפּערס און פראָווינצער סוחרים און הענדלערס, וואָס פלעגן קומען נאָך וואַרשע איינקויפן סחורה און דאָ, אויף

גנאַינע דריי, האָבן זיי אָפּגעשטעלט זייערע פורלעך, געפּאַשעט די פערד, אָפּגעלייגט ביי מנשה'ן כלערליי פּעקלעך, געגעבן אים אויסצובאַהאַלטן געלד און אריינגעכאַפּט שטייענדיקערהייט א קאַלטע פּאַטראָווע מיט ביר אָדער אַ קאָכעדיק מיטיק.

פרייטיק נאָכמיטיק האָט זיך מנשה'ס שענק באַצירט מיט בגדי שבת. מ'האָט געוואַשן די דילן, געשייערט דעם ביר־צאַפּער, אָפּגעווישט די פענ־צטער, אַרויסגענומען ס'געלד פון דער קאַסע און אָוועקגעטראָגן אַלע איבערגעבליבענע מאַכלים אין קעלער אַריין. מנשה'ס פרוי האָט אַריינגע־בראַנגט פון דער קיך צוויי גרויסע טעפּ מיט שטאַרק־געפעפערטע אַרבעס, צוגעלייגט איז צום ביר און אַוועק אַהיים מקבל פנים זיין די שבת מלכתה. נאָכן עסן האָט זיך די שענק ווידער געעפנט. ס'האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען יידן אין קאַפּאָטעס, חסידים, קורץ־געקליידעטע יונגער־מאַנטשיקעס. די גאַנצע וועלט־פּאָליטיק, די געשעענישן אין יידישן לעבן, פּליאָטקעס פון וואַרשעווער שולן, זאַגעכצער פון רבנים און רביים — אַט אַזאַ פּילבאַריקע טעמאַטיק האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אויף די טישלעך פון מנשה'ס שענק אויף וועלכע ס'זיינען געשטאַנען צענדליקער גלעזער ביר און טעלערלעך מיט אַרבעס. וואָס זייער בייסיקייט האָט געצווונגען דעם דאָזיקן עולם ווייטער טרינקען און נאָכאַמאָל טרינקען. ווען די בייכער האָבן זיך שוין געהאָט פון ביר אויסגערונדיקט און אין די מוחות האָט געהערשט אַ שטאַרקע פאַרנעפּלטקייט, האָט זיך דער שענק־קהל צעזונגען אויפן גאַנצן קול, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער זייגער האָט באַוויזן נאָך האַלבער נאַכט.

אויך שבת נאָכן עסן און נאָכן טראַדיציאָנעלן דרעמל האָט מנשה'ס שענק אָנגעבאָטן זיינע באַזוכערס דעם זעלביקן פּראָגראַם. אַ לעבעדיקייט, שמועסן וועגן יידישער חכמה און וויסן, לשון הרע, קריגערייען און חברישע זידלערייען האָבן פאַרוואַנדלט די שענק אין א בית ועד לחכמים און אין אַ וועלטלעכן בנין, ווו פּאָליטיק, זכרונות און קיבעצערייי האָבן דאָמינירט איבערן שבת'דיקן לבוש פון אונדזער הויף.

אין די שבתים האָבן מנשה'ס קונים געטרונקען ביר אָן געלד. מנשה האָט גוט געקאָנט זיינע טרינקערס און יעדער פון זיי האָט פיגורירט אין זיין קאָנטע־בוך, ווו נאָכן אויסטרינקען אַ קימאַ־לן פון צען אָדער מער גלעזער ביר צי פּאָרטער האָט זיין טאָכטער אַריינגעלייגט אַ צעטל מיט אַן אָפּגעדרוקטן ציפער, וועלכער האָט געשטימט מיטן חוב פונעם קונה.

נאָך שבת האָבן די יידן געטראָגן צו מנשה׳ן דאָס געלד פאַרן שבת׳דיקן ביר און אין איין וועג אריינגעשלונגען נאָך עטלעכע גלעזער. מנשה׳ס פרומ־קייט האָט אים אריינגעבראַכט אַ דאָפּלטן פאַרדינסט.

אויף אַזאַ אופן האָט מנשה יאָרן־לאַנג אָנגעפירט מיט זיין שענק, וואָס האָט נישט איין ייד פון אונדזער געגנט באַפאַנצערט מיט שמחה און שבת׳־דיקער לויטערקייט.

*

אַ פּאָר פּאָרטרעטן פון דער גנאַינער גאַס — און ווי קאָלירפול איז געוועזן זייער מהות, זייער לעבן, זייער קאָכעדיקער צאפּל, וואָס איז אָפּ־געמעקט און פאַרלאָשן געוואָרן אויף אייביק.

## זיין מאַיעסטעט — לייזער וואַרשאַווסקי און משפּחה

צווישן דער גנאַינער אָרעמקייט, צווישן די פאַרפינצטערטע מענטשלעכע פּנימער און מויערן, האָט ווי אַ רויז זיך צעבליט די משפּחה וואַרשאַווסקי, וועלכע האָט מיט אירע גן־עדן־ריחות, מיט איר מלכות׳דיקן גלאַנץ באַ־פרוכטבערט דעם שוואַרצן הולך פונעם „פאַרן אייזערנעם טויער״.

גאָר גרויס איז געווען די פאַמיליע וואַרשאַווסקי. גרויס אין איר צאָל, וועלכע האָט מיט דערפאָלג געקאָנט ארומנעמען אַ גאַנצן קבוץ יידן אין אַ שטעטל פון מדינת פּוילן; גרויס אין איר פאַמיליארן אויפשוונג, וואָס האָט זיך געצויגן זייט דורות וואַרשעווער יידישקייט און וועלכן די צייט און באַדינגונגען האָבן באַפעסטיקט און צעמענטירט ווי אַן אַלטן געשיכט־לעכן שלאָס פון מלכים און שרים; גרויס און רייך אין יחידים־פּערזענ־לעכקייטן, וועלכע זיינען אין לויף פון יאָרן אויסגעוואַקסן צו וואַגיקע רודערערס אויף אַלע געביטן, ווו דאָס פּויליש׳ע יידנטום איז געווען פאַר־טראָטן.

און כאָטש לייזער וואַרשאַווסקי, דער פאָטער פון דער פאַמיליע, האָט געלעבט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז ער דאָך דורך אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע, שכנים און חברים געזאַלבט געוואָרן פאַרן יעקב אבינו פון גנאַינע גאַס, פאַרן יעקב פון אונדזערע טעג. ווייל פּונקט ווי יצחק׳ס און רבקה׳ס זון פון די חמשה־חומשי־תורה, איז ר׳ לייזער געווען דורך זיינע עלטערן־מאַגנאַטן אויסגעצערטלט און אויסגעפּיעשטשעט; ווייל פּונקט ווי יענער יעקב, האָט אויך לייזער וואַרשאַווסקי געשאָנקען זיין פאָלק דרייצן קינדער.

אמת טאַקע, יעקב אבינו האָט רעגירט איבער צוועלף זין און איין טאָכטער און ער, ר׳ לייזער האָט פאַרמאָגט בלויז ניין בנים און פיר

טעכטער; יענער האָט זיך פאַרבונדן מיט פיר פרויען און דער בלויז מיט צוויי, אָבער דערפאַר איז זיין אַנזען געווען אַזוי שטאַרק און אומבאַרירט, ווייל זיין משפחה־זוים, דער פאַמיליע־שטאַם האָט זיך געצויגן נאָך פון יענע טעג, ווען יידן האָבן געלעבט משותלח׳ס יאָרן און זייערע גופים זיינען אויסגעוואַקסן ווי דעמבעס, וואָס קיין שום געוויטער קאָן זיי נישט אומלייגן.

ר׳ לייזער איז געווען אַליין און אויך געשטאַמט פון אַלטע גערער חסידים. ער פלעגט נאָך צוערשט מיט זיין פאָטער און שפעטער, שוין אַלס יונגער בעלעבאָס, פאָרן צום שפת אמת זצ״ל, ווו ער האָט אין זיך איינגע־זאַפּט די חסידישע זיטן, זייערע מנהגים, וועלכע האָבן ביי אים אָבער קיינמאָל נישט באַקומען דעם פאַנאַטישן ברען פון דער באַרימטער גערער הוי־בוי־גוואַרדיע.

אַ שיינער מענטש איז געווען ר׳ לייזער וואַרשאַווסקי. הויך געבויט, העכער פון זיין פאָטער און אָפּילו פון זיינע מעכטיקע זין. זיין פנים האָט באַפּוצט אַ מיטל־גרויסע באָרד, וועלכע איז דורך אים זאָרגפעלטיק גע־פלעגט געוואָרן און אַלע פרייטיק, פאַרבאַרגענערהייט, האָט ער זי צוגע־שוירען מיט אַ ספּעציעל שערל, וואָס קיינער פון שטוב האָט עס נישט געטאָרט אָנרירן. די אויגן זיינע האָבן תמיד געפינקלט מיט אַן אייגנאַרטיקן חן און האָבן באַוואָרפן ס׳געזיכט מיט שטראַלן פון נגידישער איינגעפונ־דעוועטקייט. זיין בויך האָט זיך בכלל נישט אַרויסגעוויזן, ווייל ר׳ לייזער האָט שטאַרק ליב געהאַט די ווייסל און יעדן באַגינען, אין די זומערדיקע און אָפּילו הערבסט־טעג, פלעגט ער צו איר אַראָפּפאָרן מיטן טראַמוויי און אַרומשווימען אין אירע וואַסערן, ווי אַן אויסגעצייכנטער שווים־ספּאָרטלער. די הענט ביי ר׳ לייזערן זיינען געווען ווייסע, ווייכע, שמאָלע און לאַנגע — ווי ביי אַן אַריסטאָקראַט אָדער פירשט. דער מאַנטל מיטן פּליושענעם קראַגן, זיין לאַנגער ראָק, די הויזן און די שוואַרצע קאַמאַשן האָבן אַלעמאָל געבלאַנקט פון ציכטיקייט, דער שוואַרצער „מעלאַניק״ האָט אים צוגעגעבן אַן ערנסטקייט פון מאַגנאַטן־שטאַם.

נאָר אין די שבתים אָדער ימים־טובים, ווען ר׳ לייזער איז געגאַנגען אין גערער־שטיבל אַריין אויף פּטאַשע פיר, האָט ער אָנגעטאָן אַ זיידענע קאַפּאָטע און במקום דעם „מעלאַניק״, האָט זיין קאָפּ באַדעקט אַ פוילישע היטעלע פון אונטער וועלכן ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ סאַמעטן קאַפּל.

הויך, זויבער, שלאַנק, מיט אַ ליכטיק פנים, אונטערן אָרעם אַ טלית־זעקל מיט אַ״י־מאָטיוון, אויסגענייטע פון גאָלדענע פעדים, האָט ר׳ לייזער

פּאַטריאַרכאַליש געשטעלט זיינע געוויגענע און געמאָסטענע טריט, וואָס האָבן אים אין אַ שבת'דיקער הייליקייט אַוועקגעפירט צו זיין שטיבל, ווו ער האָט זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע חסידים, וועלכע האָבן אים נישט געשפּאָרט קיין כבוד. בעת ר' לייזער איז געגאַנגען איבער דער גנאַינע גאַס, אין די שבתים, אין בגדים פון אַ נגיד און אַ חסיד גלייכצייטיק, האָבן די מויערן זיך פאַר אים געבוקט; יידענעס האָבן מורא געהאַט אויף אים גלייך צו קוקן, נאָר מיט גאַטספאַרכטיקע בליקן, האלב איינגעבויגענע, האָבן זיי אים אָפּגעגעבן אַ האַרציקן „גוט שבת אייך ר' לייזער"; יידן פרומע און רייכע, גאַנץ געווייגלעכע בשר־ודמ'ס האָבן אויך נישט אַדורכגעלאָזט די געלעגנהייט אָפּצוגעבן אים דעם געהעריק־בריטן „גוט שבת"; און די פּורמאַנעס און זייערע באַרופס־חברים פון דער אונטערוועלט האָבן פּשוט נישט געוואַגט צו דערנענטערן זיך צו ר' לייזערן, נאָר פון דער זייט אים באַגריסט, ווי אַ חסיד, וואָס דערלויבט זיך נישט אויף דער העזה צו זיין צו היימיש מיט זיין רבי'ן.

ר' לייזערס געשטאַלט, זיין דערשיינען אויף דער גאַס און זיינע ווערטער האָבן געמאַכט ציטערן אונדזער געסל, זיינע איינוווינער; אַ ציטערניש, וואָס איז געקומען אַלס פּועל־יוצא פון גרויס רעספּעקט און ערע, מיט וועלכע מ'האָט אים באַגעגנט פון אַלע זייטן.

און געווען איז ער אַן עושר נישט קיין אויפגעקומענער, נישט קיין געמאַכטער, נישט אזא, וואָס איז רייך געוואָרן אויף־יענעמס חשבון. לייזער וואַרשאַווסקי האָט נישט געפירט קיין געשעפטן, ער האָט נישט פאַרמאַגט קיין פאַבריקן, ער האָט אויך נישט געהאַט ליגן קיין געלד אין אויסלענדישע בענק. נאָך זיין פאָטער האָט ר' לייזער געירשנט אַכט קאַמיעניצעס, גרויסע, גיגאַנטישע הייזער, מיט נישט ווייניקער ווי צו הונדערט לאָקאַטאָרן אין יעדן, וועלכע האָבן גאָר בריוח מפרנס געווען זיין גרויסע משפחה. ווען מ'וואָלט וואַרשאַווסקיס הייזער צוזאַמענגענומען, וואָלטן זיך האַנדוראַס אָדער לוקסענבורג געמעגט אַוועקרוקן פון זייער געאָגראַפישן געלעגער — אזוי גרויס און מעכטיק, אַזוי באַוווינט און אינדוסטריעל־אָנגעשטאָפּט זיינען זיי געווען. גנאַינע דריי, דזשיעלנע דריי, עלעקטאָראַלנע זיבעצן, קראָ־לעווסקע פינף־און־פערציק — אַט די פאַר בלויז, ווער ס'האָט נאָר געקאַנט די הייזער, האָבן געגעבן אַ בילד פון ר' לייזערס רייכטום.

געווינט האָבן ביי אים רייכע און אָרעמע, מיטלשטאַנד־מענטשן און אָזעלכע, וואָס זיינען דריי מאָל טעגלעך אויסגעגאַנגען פון הונגער. אָבער קיינער האָט נישט געדענקט, אַז ר' לייזער זאָל האָבן עמיצן אַרויסגעוואָרפן

פון דער דירה פאַר נישט באַצאָלן ס׳דירה־געלד, ווי דאָס האָבן געטאָן אַנדערע הייזער־באַזיצערס. ר׳ לייזערס לאָקאַטאָרן זיינען רויק געשלאָפן, ס׳האָט זיי נישט געמאַטערט ס׳געשפּענסט פון געפינען זיך אין אַ שיינעם, העלן טאָג אויפן ברוק מיט זייער מעבל, געשיר און קינדער. פּאַסירט האָבן ביי ר׳ לייזערן אַנדערע געשעענישן, וועלכע האָבן אים באַליבט געמאַכט ביי זיינע קוואַרטיראַנטן.

נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז עס איז צו אים מיט געוויין אריינגע־קומען אַ יידענע אָפּבעטן ס׳דירה־געלד:

— ר׳ לייזערשי קרוין, איר זענט דאָך פאַר אונדז אַן אב הרחמים, איר זאָלט דערפאַר טאַקע מאריך ימים ושנים זיין, וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיין פאַרדינער האָט נישט קיין מזל. יאָך זאָל אַזוי לעבן צוזאַמען מיט מיינע קינדער ווי זייט צוויי וואָכן האָט ער מיר שוין גאָרנישט געברענגט אין שטוב אַריין. מיינע כפרות, געזונט און שטאַרק זאָלן זיי מיר זיין, מאַכן מיר לעכער אין קאָפּ פון הונגער; נו, זאָל איך מיך מיט אים דערפאַר גט׳ן? — אַז מיין טאַטע ע׳ה האָט צו מיר געטענה׳ט; גיטל דאָס איז דיין מאַן ביזן טויט אריין. איר וועט דאָך וואַרטן מיטן חוב נאָך אַ וואָך און כ׳שווער איך ביי מיין לעבן, ווי נאָך שבת באַקומט איר די גאַנצע סומע.

כאָטש ר׳ לייזער האָט גוט געקאָנט זיינע לאָקאַטאָרן, כאָטש ער איז געווען פעסט אין דער מיינונג, אַז עס וועט אַדורך איין וואָך, אַ צווייטע און אַפילו אַ דריטע און גיטל וועט אים נאָך אַלץ נישט רעגולירן דעם באַטרעף, האָט ער זיך דאָך גוטמוטיק צעלאַכט, איינגעשטילט ביי איר ס׳געוויין און אַריינגעשטופּט איר אין קעשענע פונעם פאַרשמוציקטן פאַרטוך אַ פּאָר זלאָטעס אויף עסן פאַר אירע „כפרות״, וואָס צעלעכערן איר קאָפּ.

אויף אַזאַ אויפן האָט ר׳ לייזער רעגירט מיט זיין מדינה, מיט די אכט הייזער. צו אָרעמע איז ער געווען ווייך און גוטהאַרציק, צו פאַרמעגלעכע — שטרענג און קאַטעגאָריש.

אַ האַלבן פּליגל פון ערשטן שטאָק אין פראָנט אויף גנאַזינע דריי האָט ר׳ לייזער פאַרנומען פאַר זיין וווינונג. געווען זיינען עס פיר גרויסע צימערן מיט אַ קיך און אַ לאַנגן קאָרידאָר. די צימערן זיינען געווען פאַרפּולט מיט אַלט מעבל, וועלכעס האָט געשטאַמט נאָך פון זיינע עלטערן. ס׳איז אויף זיי געלעגן דער חותם פון יידישער טראַדיציאָנעלקייט, וואָס האָט שימע־רירט און געוואָרפן אַ ספּעציפיש־יידישן שיין אויף דער וווינונג פון ר׳

וואַרשאַווסקי. די ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט כלערליי געמעלדן ווי: „דער ייד דער אייביקער וואַנדערער״, „מכירת יוסף״, „שמשון און דלילה״ און מיט פאַמיליע־פּאָרטרעטן פון ייִדעס, מומעס, פעטערס, קינדער און אייניקלעך. אינעם ווינקל פון ר׳ לייזערס צימער איז שטאַלץ געשטאַנען אַ מאַהאַגאָניעווע ספרים־שאַנק, אַ באַגלעזערטע פון אַלע זייטן, וועלכע האָט געטראָגן אין זיך די גאַנצע יידישע תורה מיט אַלע אויף איר מפרשים. ר׳ לייזער האָט נישט געהערט צו די גרויסע יודעי־ספר. ער האָט ליב געהאַט תלמידי־חכמים, אָבער אַליין האָט ער זיך קנאַפּ וואָס פונאַנדער־געקליבן אין די דראַבנע אותיות פון זיינע ספרים. זיין ספרים־שאַנק האָט ער אָבער געליבט בתכלית האהבה און אָפּגעהיטן זי ווי אַ געטרייער שומר.

די וועש ביי ר׳ לייזערן אין שטוב און ס׳געשיר האָט געשטאַמט פון קאַרלסבאַד אָדער פון מאַרינבאַד. דאָס פסח׳דיקע געפעס, וואָס ר׳ לייזער האָט ספּעציעל באַשטעלט ביי אַ באַקאַנטן יידישן קאַרלסבאַדער פּאָרצעלאַן־סוחר, האָט ווי אַ בלומען בוקעט באַפּוצט די נגידישע היים פונעם גרויסן גנאַינער גביר. יעדן זומער פלעגט ר׳ לייזער אַוועקפאָרן מיט זיין פרוי אויף צוויי חדשים אין די קאַרלסבאַדער אָדער מאַרינבאַדער הייל־קוואַלן, פונוואַנען ער איז צוריקגעקומען אַ מונטערער, אַן אָפּגעפרישטער, אַ פאַר־רייִנגערטער. טראָץ דעם, וואָס ר׳ וואַרשאַווסקי האָט באַזיצט אַ שיינע, גרויסע, אין אַלע באַקוועמלעכקייטן איינגעאָרדנטע וויללע אין אָטוואָצק, האָט ער דאָך קיינמאָל נישט אויסגענוצט זיין וואַלדיקן־גוט פאַר זומער וווינונג. אים האָט געצויגן די ברייטע וועלט, דער גרויס־שטאָטישער פאַר־נעם, וועלכן ער האָט תמיד באַגעגנט אין די צוויי באַרימטע טשעכישע קור־אָרטשאַפן, און דעם גאַנצן אויסשטייער, די גאַנצע „וויפּראַווע״, פאַר זיינע צוועלף קינדער, האָט ער טאַקע איינגעקויפט אין קאַרלסבאַד. זיין וווינונג, די וווינונג פונעם גערער חסיד פון דער פאַרצערטער גנאַינע גאַס, האָט געשמעקט און געבלאַנקט מיט וועלטלעכקייט, מיט קאַרלסבאַד, וואָס איז אין יענע צייטן געווען ברייט און ווייט באַקאַנט אינעם מאָדערנעם אייראָפּע.

ביי ר׳ לייזער וואַרשאַווסקי אין דער וווינונג האָבן זיך צוזאַמענגע־טראָפן צוויי וועלטן, צוויי באַגריפן, צוויי מענטאַליטעטן: אייראָפּע מיט אַלע אירע לאַקנדיקע דערשיינונגען, און דער אַלטער יידיש־טראַדיציאָ־נעלער שטייגער, וועלכער האָט זיך מוטיק געוועדט קעגן אַנגרייפנדיקן אייראָפּעיזם, וואָס האָט זיך אומרחמנות׳דיק געוואָרפן אויף דעמלטדיקע יידישע הייזער.

דא זיינען געשטאנען אין א פארביסענעם קאמף ר׳ ליזערס „מעלאניק״, וואס האט אלץ עפטער פארטראטן דאס יידישע היטעלע מיטן קאפל, קעגן דער ספרים־שאנק, וועלכע איז רויק און פארשטומט געשטאנען אין ווינקל.

*

די דרייצן קינדער פון ר׳ לייזער ווארשאווסקי זיינען דערצויגן געווארן אין שטרענג־רעליגיעזן גייסט. אפילו די פיר טעכטער האבן געמוזט לערנען עברי ביי א רבי׳ן, בכדי זיי זאלן „קאנען ארייןקוקן אין א סידור׳ל״.

אכט זין, אכט מעכטיקע טיגערן, פאר וועלכע די גאנצע גנאינע גאס האט מורא געהאט.

דער עלטסטער, עלע, איז געווען דער רוקסטער פון אלע זיינע ברידער. דעם טאטנס בקשה איז פאר אים אלעמאל געווען א באפעל. ער האט נישט געהערט צו די גרויסע חכמים, אבער אלע פון דער סביבה האבן אים געאכטעט און געשעצט. נאך זיין חתונה האט ער פון ר׳ לייזערן באקומען דאס הויז דזשיעלנע דריי אלס חתונה־געשאנק. עלעס פרוי איז געווען פון דער נאטור אויס א שלעכטע, וואס האט בשום אופן זיך נישט געקאנט איינלעבן מיט די ווארשאווסקי׳ס. די נייע פאמיליע־נעסט, וואס עלע האט אויפגעבויט, האט זי, זיין פרוי, אוועקגעטראגן אויף אן אנדערן ארט און אזוי ארום האט זיך דער טייערער זון, דער בכור פון ר׳ לייזערן דערווייטערט פון זיין פאטער, פון זיינע שוועסטער־ברידער, פון זיין היים. ר׳ לייזער האט זייער פיל דערפון געליטן, זיין הארץ האט געשמערצט איבער זיין זונס פאראט.

משה ווארשאווסקי, ר׳ לייזערס צווייטער זון, איז געווען דער הפוך פון זיין עלטסטן ברודער. אנגעשטאפט מיט וויסן און חכמה, מיט ברענענדיקער ליבע צום פאטער, האט משה, אפילו נאך זיין חתונה מיט שרה׳לע אבערמאן, א טאכטער פון א מיוחס׳דיקער ווארשעווער משפחה, געהאנגען ממש אן זיינע עלטערן. זיין פרוי שרה, א קינדערלאזע פערזאן, האט פארפולט איר אומגעבונג מיט הומאר און געלעכטער און איז אלעמאל אראפגעקומען צו איר שווער, וועלכער האט זי אויפגענומען ווי א גוטן רוח, געזעסן ביי זיין טיש, געפילט זיך ווי ביי זיך אינדערהיים. ווען משה איז אוועק אויפן עולם־האמת, אויסגעמאטערט פון א קרעבס, איז שרה׳לע פארבליבן אין דער פאמיליע ווי אן אייגן קינד פון די ווארשאווסקיס.

ר׳ לייזערס דריטער זון, שאיע, האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן ביי זיין פאָטער. מיט אים האָבן אַלע פון דער משפחה שטאָלצירט. זיינע פינף קינדער האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע ערטער אינעם יידיש־פוילישן לעבן. איינער אַ דאָקטער אין לאָדזש, דער צווייטער — אַן אָנגעזעענער סוחר אויף די נאַלעווקעס און דער דריטער — אַן אַדוואָקאַט, וואָס איז געווען אַן אָנפירנדיקע פערזענלעכקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. יאָרן לאַנג האָט ער געלייטעט מיטן צענטראַלן שקל־קאָמיטעט, געווען דעלעגאַט צו ציוניסטישע קאָנגרעסן און היינט געפינט ער זיך אין א״י, ווו ער באַשעפטיקט זיך מיט זיין אדוואָקאַטישן באַרוף.

די פינף אַנדערע זין — ברוך, יאָסל, איטשע, יאַנקל און יידל, האָבן געפירט אַ לעבן פון רייכע קינדער, קיינמאָל זיך מיט גאָרנישט באַשעפטיקט, געפאָרן אויף דאַטשעס, באַקוועם געוווינט, געווען אָנזעעענע מתפללים אין זייערע שולן. ס׳איז אַרויסגעקומען פון זיי אַ דור יידישע יוגנט, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן אין גוטס און וואָס איז זיך צעוואָקסן ווי א בוים ביי אַ וואַסער־קוואַל. און דער וואַסער־קוואַל פון אָט דער גיגאַנטישער משפחה זיינען געווען די אַכט הייזער פון ר׳ לייזער וואַרשאַווסקי.

ר׳ לייזערס טעכטער האָבן געשמ׳ט פון זייער שיינקייט. אַלע האָבן זיי יונג התונה געהאַט. איינע איז אַוועק נאָך לאָדזש צו אַ דיוואַנען־פאַבריקאַנט. אַ צווייטע און אַ דריטע זיינען פאַרבליבן אין וואַרשע ביי רייכע מענער. די פערטע, די שענסטע אָבער נישט די קליגסטע פון די שוועסטערס, איז אויסגעגעבן געוואָרן צו אַ מאַרקינערי־פאַבריקאַנט אין בריסל, און איר רייכטום איז דערגאַנגען ביזן בעלגישן קעניג אַלבערט. מ׳האָט נאָכגעזאָגט, אַז דער בעלגישער הערשער האָט נישט איינמאָל געליען ביי רבקה׳לעס מאַן גרויסע סומעס געלד. שמעון אַלבערט, רבקה׳לעס מאַן, האָט געטרייסלט מיטן יידישן בעלגיע. אין בעלגיע האָט קורסירט אַ שפרוך: מיט בעלגיע רעגירן צוויי אַלבערטן — מיטן יידישן בעלגיע — שמעון אַלבערט און... מיטן אַנדערן בעלגיע דער צווייטער קעניג אַלבערט.

*

דער ערשטער וועלט־קריג האָט ברוטאַל צעשליידערט די פעסטע, שטאַלענע זיילן אויף וועלכע ס׳האָט זיך יאָרן־לאַנג אָנגעלענט די משפחה פון ר׳ לייזער וואַרשאַווסקי. ווי אַ געשענדעטער פון אַ פאַגראָם ארון־קודש, אַזוי זיינען די שבעים איש פון ר׳ לייזערן ארויסגעקומען פון דער מלחמה־זאַוויערוכע, אויסגעבלאַסט, געלעמט, אויסגעמאַגערט ביזן ביין, אָפּגעריסן

און אָפּגעשליסן האָט זיך דער וואַרשאַווסקי־גוף געוואָרפן אין קאָנווולסיעס, וועלנדיק דערהאַלטן כאָטש ביים בעל־הבית׳שן־שטאַנד אָט די סביבה, וועלכע האָט באַשיינערט און באַרייכערט דעם שבת־אחים־טיש פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אינעם אַמאָליקן וואַרשע.

אָן עפּידעמישע קראַנקהייט האָט מורא׳דיק אָוועקגעריסן פון צווישן די לעבעדיקע די מוטער פון די וואַרשאַווסקי׳ס. ר׳ לייזער איז פאַרבליבן אַן אלמן, אַליין אַן אַ ראַטגעבערין, וועלכע האָט אים זייט דעם אָנהויב פון זייער צוזאַמענלעבן אונטערגעהאַלפן בעת די שווערסטע אָדורכלעבענישן און מאָמענטן. זי, די געטרייע פרוי און מוטער, איז דאָס געוועזן די נישט־געקרוינטע הערשערין אין דער פאַמיליע. זי, מיט איר גראָדן און זאַכלעכן שכל, מיט איר איינגעצוימטקייט און כאַראַקטער־פעסטקייט, האָט אויסגע־שפּרייט איר אויטאָריטעט און השפּעה אויף די קינדער מיט זייער בני־בית און אויפן מאַן, וועלכער האָט נאָר אָפיציעל דיריגירט מיטן גאַנג פון זייער אַנטוויקלונג און עקזיסטענץ. פון איר וויבערישן צימער זיינען געפלאָסן באַפעלן און עצות, מיט וועלכע ר׳ לייזער האָט אָן וויכוח איינגעשטימט און זיך קיינמאָל זיי נישט אַנטקעגנגעשטעלט. איצט — נאָך דער ווייטיק־לעכער אבידה, איז ר׳ לייזער פאַרבליבן ווי א יתום, אזוי ראַטלאָז און אומבאַהאָלפן.

היפּשע פינאַנסיעלע שוועריקייטן, א פּראָדוקט פון קאָמפּליצירטע באַ־דינגונגען אין פייער־טעג, האָבן אים געצוווּנגען צו פאַרקויפן זיינע הייזער, בלייבנדיק נאָר ביים הויז אויף גנאַינע דרייי. די דעוואַלואַציע און געלד־אומטויש האָבן פאַרוואַנדלט זיין פאַרמעגן אין א הויפן פאַפּירענע באַנקנאָטן. ר׳ לייזערס אַלקער האָבן אויסגעפּילט גרויסע קאַפּערס אין וועלכע ס׳זיינען רויק געלעגן אָרויסגעצויגענע פון אומליוף רובלס און מאַרקן. אַ טיפע מרה־שחורה, א נאַגנדיקע אנטוישונג, פאַרצווייפלטע טעג האָבן אָרומגע־נומען, ווי קלעשטשעס, דעם נגיד לייזער וואַרשאַווסקי, דעם נעכטיקן עושר, דעם ברייטהאַרציקן מאַגנאַט, וואָס איז עלנדיק אַליין פאַרבליבן מיט זיינע זאָרגן און צרות. די קינדער זיינען זיך צעפאָרן, יעדעס צו זיין באַשטימונג; די אייניקלעך זיינע און אור־אייניקלעך פון וואַרשע פלעגן שוין מער נישט לויפן יעדן טאָג צום רייכן זיידן נאָך צוקערלעך אָדער אַ פּאָר גראָשן אויף נאַשוואַרג.

ר׳ וואַרשאַווסקי האָט זיך דערנעענטערט צו די ששים. ער האָט זיך אָבער נאָך געריסן צום לעבן ווי א יונגער, ווי אין יענע צייטן, ווען זיין לעבנס־דראַנג האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרמירן. ער האָט איצט געוואָלט באַווייזן זיינע נאָכגייערס, אַז מען קאָן אים נאָך צו עפּעס געברויכן.

גאָר פּלוצעם און אומגעריכט האָט ער צו־װיסן געגעבן זײַנע קינדער, אַז ער האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן, אַז ער װיל נישט ליגן אויפן קאַרק פון זײַנע קינדער, אַז ער שטרעבט זײַנע לעצטע יאָרן צו פאַרברענגען אין רו און אַן עגמת־נפש.

טשאַרנע מאיעראָװיטש, אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטן תּלמיד־חכם פון סקוזשאַנע זעקס, אַ שײנהײט װעגן װעלכער די גאַנצע טװאַרדע־געגנט האָט גערעדט און װעלכע איז געװעזן דער ציל פון אַ רײע ליבעס־דערקלערונגען מצד די זין פון פירשט זאַמאָיסקי פונעם זאַקסישן גאָרטן און פון רײַכע יידישע מענער, אָט די פרוי איז געגאַנגען מיט ר׳ לײזערן צו דער חופּה און איבערגעגעבן איר יונג לעבן און גורל אין זײַנע הענט. ר׳ יאָסל מאַיע־ראָװיטש, טשאַרנעס פאָטער, האָט נישט געװאָלט צולאָזן צו זיך דעם גע־דאַנק װעגן אַן אַנדער שדוך פאַר זײַן טאָכטער:

— ר׳ לײזער, אַן אָנגעזעענער װאַרשאַװער תּושב, אַ ייד אַ נגיד, דאָס איז פאַר דיר װי אויסגעחלומט, מײַן טײַער טשאַרנעלע. ס׳שאַדט גאָרנישט װאָס ער איז עלטער פון דיר מיט 37 יאָר, אָבער דערפאַר קומסטו אַרײַן אין אַ רײַך הויז, אין אַ יידישער שטוב, װאָס שמ׳ט אומעטום.

די צװײטע פרוי פון ר׳ לײזער װאַרשאַװסקי װאָלט געקאָנט אַנגײן אַלס זײַן ייִנגסטע טאָכטער.

און טשאַרנע האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט איר טײַערן טאַטן, װעמען זי האָט מער ליב געהאַט פון איר מאַן. טשאַרנע האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ לײזערן, װײַל איר פאָטער האָט אַזױ פאַרלאַנגט, װײַל זי האָט גע־שטרעבט צו פאַרמינערן צער איר הײס־געליבטן פאָטער. נאָכדעם װי ר׳ יאָסל איז פעסט געבליבן בײַ זײַן באַשלוס, איז דער יוגנט־גלאַנץ בײַ טשאַרנע, איר הומאָר און לעבנס־פרײד גלײַך פאַרשװוּנדן. קײנמאָל האָט זי נישט געקאָנט מסכּים זײַן מיטן פאַקט, אַז איר מאַן איז אַן אַלטער ייד, אַן אָפּגעלעבטער, אַ געזעגנדיקער זיך מיט דער װעלט, װעלכער איז נישט בכּוח צו פאַרשאַפן פרײד און נחת אַזאַ יונגער פרוי װי זי, טשאַרנע. זי איז אַװעק פון איר שטוב צו ר׳ לײזערן מיט אַ האַרץ פול מיט גאַל, מיט אַ צעבראָכן געמיט, װאָס האָט זיך נישט אויסגעהײלט ביזן לעצטן מאָמענט פון איר לעבן.

ר׳ לײזערס קינדער האָבן אויפגענומען זײער צװײטע מוטער מיט רעזערװ. נאָך עטלעכע חדשים האָבן זײ זיך אָבער איבערצײַגט, אַז טשאַרנע געהערט צו יענע מענטשן, װעלכע זײַנען גרײט פאַר אַ צװײטן אַלץ צו

לייסטן און אָוועקצוגעבן פון זיך אפילו דאָס לעצטע העמד. מיט איר אויפ־פירונג, מיט איר באַלעבאַטעווען האָט זי זיי באַוויזן, אַז זי איז נישט געקומען צו זייער טאָטן, בכדי צו ירשענען נאָך אים דאָס לעצטע הויז. אַלע קליידער־, שמוק־, און צירונג־שטיק, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָך ר׳ לייזערס ערשטע פרוי, האָט זי יושר׳דיק פאַרטיילט צווישן אַלע קינדער אַזוי, אַז ס׳האָט דערנאָך זיך געשאַפן צווישן זיי און איר אַ באַציונג, וואָס איז געווען פריי פון פאַרדאַכט און אומצוטרוי. די קינדער פון ר׳ לייזערס ערשטע פרוי זיינען צו איר צוגעשטאַנען ווי צו אַן אייגענער מאַמע און עטלעכע פון זיי האָבן זיך אַפילו נישט געשעמט צו זאָגן, אַז מיט איר גוטסקייט און געטריי־שאַפט שטייגט זי איבער זייער פאַרשטאָרבענע מוטער.

נישט בלויז ביי די קינדער האָט זיך טשאַרנע דערוואָרבן אזא נאָמען. אויך די לאָקאַטאָרן פון גנאָינע דריי הייזער האָבן זי אזוי שטאַרק ליב באַקומען, אַז זיי זיינען גרייט געווען אויסצודראַפּען די אויגן דעם, וואָס וואָלט גע־פּרוווט מיט אַ שלעכט וואָרט צו באַרירן איר פּערזאָן.

ס׳איז זיך אַמאָל פאַרלאָפן א משונה׳דיק־טראַגישע פּאַסירונג ביי אַ באַקאַנטן חסיד: זיין אַכצן־יאָריקע טאָכטער האָט געבוירן אַן אומגעזעצלעך קינד. האָט עס טשאַרנע גענומען צו זיך, אויסבאַהאַלטן דאָס עופה׳לע, געהאָדעוועט עס אַ האַלב יאָר באַהאַלט׳ענערהייט, בכדי די עלטערן זאָלן „נישט פאַרברענט ווערן פון חרפה״. נאָך נדבות איז מען געגאַנגען נאָר צו איר, ווייל איר האַנט איז געווען אָפן פאַר אַלע הילף־באַדערפטיקע. ווו אַ קראַנקער, ווו א הונגעריקער, ווו א לוויה אָדער שמחה — אומעטום האָט מען זי געטראָפן, אומעטום האָט זי מיט איר אָנקומען אַריינגעבראַכט ליכטי־קייט אין די אומעטיקע הערצער, טרייסט צו די קלאַגנדיקע און דאָפּלטע פרייד צו די בעלי־שמחות. פרוי טשאַרנע וואַרשאַווסקי האָט מיט שטאָלץ קאָנטינוירט די רומרייכע טראַדיציע פון איר מאַנ׳ס משפחה, מיט שטאָלץ, כאָטש איר לעבן איז געווען צעבראָכן אויף טויזנטער שטיקער.

טשארנע האָט געהאַט איין־און־איינציק קינד, א יינגל, וואָס איז איבער־געשטיגן מיט זיין שיינקייט זיין מוטער. דאָס מוזיניקל, דער בן־זקונים, ר׳ לייזערס דרייצנטע קינד, איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין מילך און אין האָניק. די טאַטע־מאַמע האָבן מיט פריידיקע טרערן באַגלייט זיין וווקס. די משפחה וואַרשאַווסקי און אַנדערע משפחות פון דער גנאָינע גאַס האָבן אים צעקושט ס׳פּנים, די מאַמע איז גרייט געווען אראָפּצוגנבענען פאַר אים „ס׳טעלערל פון הימל״. אָבער פּנחס וואַרשאַווסקי איז געקומען אויף דער וועלט, ווען שוואַרצע כמאַרעס האָבן באַדעקט דעם האָריזאָנט פון זיין משפחה.

צום סוף פון דער ערשטער מלחמה האָט ר׳ לײזער פּאַרקױפט אויך דאָס לעצטע הויז, צוליב חובות האָט ער געמוזט זיך ארויסציען פון זיין רחבות׳דיקער װוינונג אין פּראַנט און האָט פאַרנומען איין צימער אין זיין זון יאַנקל׳ס דירה. נישט איין שבת איז אדורך אן װיין אָדער אָן פיש אויפן טיש; דער „מעלאַניק״ האָט שוין מער נישט באַשיינט זיין גרייז־גרויען קאָפּ; די רייכע טאָכטער פון בריסל, רבקה׳לע אַלבערט, האָט אָנגעהויבן צו שיקן אַ מאָנאטלעכן געהאַלט פאר איר אַלטיטשקן טאַטער. פונעם מיליאָנער לײזער װאַרשאַװסקי איז פאַרבליבן אן אַלטער ייד, װעמען קינדער האָבן אויסגעהאַלטן די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. א געװעזענער מיליאָנער, װאָס איז פאַרבליבן א זכר פון אן אונטערגייענדיקן דור װאַרשעװער נגידים.

ר׳ לײזער װאַרשאַװסקי האָט שטאַרק געשמערצט איבערן אראָפּפאל פון זיין מלכות. די איבער צען יאָרן פון ירידה, האָבן איבערגעלאָזט קרענק־לעכע שפּורן אין זיין אָרגאַניזם און געזונט־צושטאַנד. אַ מאַטערנדיקע סקלע־ראָזע האָט זיך באַזעצט אין זיין מוח. און דער מלך פון דער גנאַינע גאַס איז דערגאַנגען צו די יאָרן, װען קיין שום קלײזער, װען קיין שום נאַטיר־לעכע װאַרעמקייט האָבן שוין נישט באַװיזן אים צוריקצושטעלן אויף די פיס. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט זיינע זין און טעכטער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, איידעמס און שנורן, קוזינען און קוזינקעס, זוכנדיק אן עצה פאַרן הויפּט פון זייער משפּחה. און נישט געהאָלפן האָבן זייערע טראַכטע־נישן. צו זיבן־און־זיבעציק יאָרן האָט זיך ר׳ לײזער אויף אייביק געשיידט מיטן עולם־הזה. נאָך דער שבעה זיינען זיך די קינדער צעפאָרן אין זייערע היימען און אינעם צימערל פון זיין גסיסה איז פאַרבליבן טשאַרנע מיט איר זון פּנחס. זיי זיינען פאַרבליבן אין אַ זייט פונעם לעבן. רבקה׳לע אַלבערט האָט אויפגעהערט צו שיקן חודש־געלד. טשאַרנע איז געװאָרן פאַרשװאַרצט פון האָרעװאַניע. איר איינציקער ציל, איר הייליקסטער באַגער, איר גאַנצער לעבנס־זין איז געװעזן פּנחס, אין װעמען זי האָט אריינגעלייגט איר נשמה און האַרץ. טשאַרנעס נישט דערעסענע טעג, אירע נישט דערשלאָפענע נעכט, אָפּגייענדיקע מיט ארבעט און שוייס, האָבן דערצויגן איר זון, געגעבן אים בילדונג אין װאַרשעװער ראַבינער־סעמינאַר „תחכמוני״ און שליסלעך אַרויפגעבערענגט אים אויפן װעג פון זעלבסטשטענדיקייט. די איינציקע נחמה אירע איז געװעזן פּנחס, צוליב װעמען זי האָט צונישט געמאַכט פיל שדוכים, װאָס מ׳האָט איר פאַרגעלייגט.

דער צווייטער װעלט־קריג, די היטלעריסטישע שחיטה האָט דערשלאָגן די װאַרשאַװסקיס. ר׳ לײזערס קינדער פון װאַרשע און לאָדזש זיינען אויס־

געגאַנגען פון הונגער אָדער פאַרברענט געוואָרן אין די פייערן פון טרעב־לינקע. זייער משפחה־פיליאַלע אין בריטל איז געוואָרן דעצימירט און פאַר־בליבן זיינען דאָרט נאָר איינציקע צווייגן. טשאַרנע איז דערוואָרגן געוואָרן אין צוג, וואָס האָט זי מיט אַנדערע טויזנטער יידן געפירט פון וואַרשעווער געטאָ נאָך טרעבלינקע.

און פנחס לעבט ערגעץ ווו אין דייטשלאַנד, אין אַ לאַגער, און פאַר־שרייבט די געשיכטע פון זיין פאַרשניטענער משפחה.

---

# יוקל גנב

יוקל גנב איז נישט געווען קיין ריכטיקער מאַרוויכער פון באַרוף. אָט דעם צווייטן נאָמען זיינעם, דעם פּסעוודאָנים, האָבן אים בגראַנדע צוגעטשעפּעט זיינע שונאים, זיינע קעגנער, וועלכע האָבן אים געוואָלט שאַפן אַ שלעכטן שם, בכדי די גנאַיִנע סוחרים זאָלן נישט דינגען זיינע וועגענער אויף ,,יאַזדעס". זיינע נאָענטע פלעגן דערציילן, אַז נאָך אין דעם מאַמעס בויך האָט ער אַזוי אַראָמגעוואָיוועט, ווי ער וואָלט דאָרטן שוין געפורמאַנעוועט, ווי ער וואָלט אָנגעטריבן מיט די הויכע, לייבישע קאַשטאַנעס פון זיין פאָטער, וועלכע האָבן געשמט איבערן גאַנצן ,,אייזערנעם" פּערטל. זיין זיידע, כאָטש אַ ייד מיט באָרד און פאות, איז געווען אַ פורמאַן, וועמענס שטאַלענע דלאָניעס האָבן נישט איין ,,קאָנקורענט" באַלייגט מיט שמערצלעכע קלעפּ. און יוקלס פאָטער איז שוין אַריין אין פורמאַנישן שטאַם מיט אַלע זיינע אברים און קודם כל מיט דער באָרד און פאות, וועלכע ער האָט גלייך אָפּגעשוירן ווי נאָר ער האָט זיך צום ערשטן מאָל, גאַנץ אָפיציעל און מיט גאווה, אַרויפגעזעצט אויף דער פלאַטפאָרמע, ווען זייענדיק נאָך אַ יינגל האָט ער געמוזט פאַרטרעטן זיין קראַנקן פאָטער.

מיט דער צייט און צוליב פאַרשיידענע אומשטענדן האָט זיך יוקלס אויסערלעכער אויסזען גאָר שטאַרק פאַרענדערט. געוואָרן איז ער אַ ,,גאָלעבראָדניק", וועלכער האָט ראַדיקאַל פאַרענדיקט מיט די ,,קאַפּאָטענע" צייטן פון זיין משפחה. אַזוי יוקל, ווי אויך זיין ברודער נחמן, וועלכער האָט זיך אַוועקגעצויגן אויף דער סמאָטשע גאַס און דאָרט אויפגעמאַכט אַ פרייערל הייזל. האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס, די פוילישע היטעלעך און אָנגעטאָן זיך ווי מענטשן — אין מאַטשעיעווקעס, אין קורצע מאַרינאַרקעס, שטוטשקאָווע הויזן און ברוינע, גלאַנציקע קאַ־

מאַשן. יוקל און נחמן האָבן אַוועקגעפירט זייער משפּחה אויף נייע, גויישע, פרעמדע שליאַכן. די אַנדערע מיטגלידער פון זייער פאַמיליע האָבן זיך אָנטקעגנגעשטעלט מיט טרערן און וואָרט די רעפאַרמאַטארישע טענדענצן פון די צוויי „תכשיטים", אָבער העלפן זיך און קעגנווירקן דעם דאָזיקן גאַנג האָבן זיי געהאַט צו ווייניק „פּאַרע", ווייל ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן צו מוסרן יוקלען און נחמנ'ען, האָט זיך גלייך אויף זיי א שאָט געטאָן אַ בינטל מיט געריישערטע קללות:

— בליאַדסקע נשמות, א רוח זאָל אין אייער טאַטנס־טאַטן אַריין, איר ווילט ס'זאָל פון אונדז אזוי שטינקען ווי פון אייך. קיין קברנים אָדער שמשים ווילן מיר דאָך נישט ווערן און די פערד ווערן זיך זיכער נישט באַליידיקן אויף אונדזער „קורצקייט". און שליסלעך, פאַרמאַכט אייערע פּיסקעס, אויב נישט וועט באַלד אַ דונער אריין אין אייערע ציין.

און ווייל די פאַמיליע האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר א דונער, מחמת זייערס א פעטער איז טאַקע געהרגעט געוואָרן פון אַ דונער, ווען ער האָט זיך געבאָדן בעת אַן ערב־רעגן אין דער ווייסל, האָבן זיי אויפגעהערט איינ־צוטענה'ן מיט יוקלען און נחמנ'ען און אזוי איז עס שוין פאַרבליבן אויך אויף ווייטער, אויך יוקלס קינדער האָבן מער נישט געטראָגן קיין לאַנגע בגדים און ס'איז אויסגעוואַקסן ביי זיי א דור, וואָס האָט לגמרי פאַרלוירן דעם פּרצוף פונעם אור־זיידן.

יוקל גנב איז נישט געווען קיין גרויסער גבור. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ דינס, צוויי גרויסע, קעלבערנע אויגן, א שפּיציקע נאָז, קורץ־געשוירענע האָר — און מיט דעם אַלעם האָט זיך גאָר וואַזשנע געפּרייט דער שטיפערישער גאָרגל זיינער, וואָס איז ווויל־יונגערייש ארומגעלאָפן איבערן האַלדז, שרעקנדיק און גלייכצייטיק שפּאַסנדיק פון די קינדער פון אונדזער הויף. זיין גאַנג איז געווען א לאַנגזאַמער, אן אויסגעמאַסטענער מיט מילימעט־רישער פּינקטלעכקייט. ער האָט ממש געציילט יעדן טראָט זיינעם און געגוי אויסגעמיטן די שאַרפע קיזל־שטיינער, וואָס האָבן טיילווייז באַדעקט דעם קרום־געפלאַסטערטן הויף גנאַינע נומער דריי.

די קינדער פון גנאַינע דריי האָבן אויסגעמיטן יוקלען, ווייל ער האָט פיינט געהאַט זייערע שפּילערייען, זייערע הילכיקע געלעכטערס און דאָס ארומיאָגן זיך פון דער קינדערשער אַרעמקייט. „דערשטיקט האָט איר גע־דאַרפט ווערן צו זיבן חדשים" — איז געווען די ברכה וואָס יוקל גנב האָט אַלעמאָל געשיקט צו די וואַיוועדיקע קינדער. אויך די עלטערע האָבן זיך פאַר אים פאַניש געשראָקן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין חשק אריינצו־

פאַלן אין זיין מויל אריין און דעריבער זיינען זיי נאָך שנעלער ווי פון זיין „פיסק״ אַוועקגעלאָפן פון זיינע הענט, די אויסגעדאַרטע, ביינערנע הענט, וועלכע האָבן אָבער ביז בלוט געשלאָגן די, אויף וועמען זיי האָבן זיך פאַר־מאַסטן. יוקל גנב איז געווען דאָס געשפּענסט, די קללה פון דער גאַנצער גאַס, פונעם הויף נומער דריי. פון זיין אייגענעם שטוב אויפן ערשטן שטאָק איבער די קעלערן פון הערינג. וויפל מאָל איז זיינס אַ זון אַראָפּגעלאָפן פון שטוב מיט אַן אויפגעהאַקטן קאָפּ און ס׳בלוט האָט פון אים געראָנען ווי פון אַ פאַרוואונדעטער חיה; וויפל מאָל זיינען יוקלס זין אַדורכגעשלאָפן די נעכט אויפן הויף, אין אַ קעלער אָדער אויף אַ פלאַטפאָרמע אונטערן פרייעם הימל, ווייל דער טאַטע האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט אין שטוב אַריין; וויפל מאָל זיינען זיינע טעכטער געזעסן אין הויז אויף די שטיגן אין בלויזע העמדער, ווייל יוקל האָט זיי נישט דערלויבט גיין דאָרט, וווהין ס׳האָט געצויגן זייערע הערצער; וויפל מאָל האָט זיין ווייב פאַרשאָלטן די מינוט, וואָס זי איז מיט אים געגאַנגען צו דער חופה? —

יוקל איז ווי געבוירן געוואָרן אַנצוטאָן צרות פרעמדע און אייגענע, שונאים און פריינט. און ביי דעם אַלעם איז ער פון דער נאַטור אויס נישט געווען קיין שלעכטער. אין זיין אינגעווייד האָט אַרומגעבלאָנקעט אַ מלאך־טוב, וועלכער איז אָבער דויערנדיק געשטיקט געוואָרן דורך דער קראַנק־הייט, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געמאַטערט יוקלס גוף.

יוקל גנב איז געווען אַ שווינדזוכטיקער, אַ סוכאַטניק. די קראַנקהייט זיינע האָט זיך מעכטיק אויסגעשפּרייט אויף זיין געזיכט, וועלכעס האָט אין לויף פון יאָרן באַקומען שטריכן פון אַ שמערצלעך־ליידנדיקן מענטש. תמיד האָט ער געהוסט מיט אַ טרוקענעם, טעמפּן און סווישטשענדיקן קול, וועמענס עכאָ האָט געלעכערט די אויערן פון די דורכגייערס אָדער שכנים. זיין שטימע איז געווען אַ פאַרזשאַווערטע, אַ הייזעריקע, זיינע אויגן — פאַרלאָפענע מיט בלוט און די הויט אויפן קערפּער האָט שימערירט מיט בלעטער־געלקייט, וואָס זאָגט אָן דעם סוף קיום פון לעבן. אפילו אין די זומערדיקע טעג האָט ער געטראָגן אַ מאַנטל, אַ לייכטן מאַנטל, מורא־האָבנ־דיק פאַרן גרינגסטן ווינטל. ווינטער־צייט האָט מען אים כמעט ווי נישט געזען אויף דער גאַס. פון זיין פענצטער אויפן ערשטן שטאָק האָט ער באַטראַכט דעם הויף, אָבסערווירט די האַנדלס־טראַנזאַקציעס פון די הע־רינג־ אָדער געשיר־סוחרים און קאָנטראָלירט זיין אונטערנעמונג, די פורן און די פערד, וואָס האָבן געשפּייזט זיין הויז־געזינד.

✱

יוקל גנב האָט גרויסמוטיק געקיניגט אין דער גנאַינער פּורמאַנעס־משפּחה. קודם כל האָבן זיינע עלטערן און זיידעס, די האַרן פון אַלע „סטאַציע״־פּלאַטפאַרמעס, אים איבערגעגעבן בירושה די קרוין פון זייער ממשלה. די אַנדערע פּורמאַנעס האָבן דערפון זייער גוט געוווּסט. זיי האָבן זיך טאַקע באַמיט טריי אָפּצוהיטן די הייליקע פּאַר ״יי צוואה פון די, וועמען זיי האָבן אַזוי שטאַרק געשעצט און געאַכטעט, אפילו ליב געהאַט. און הגם יוקל האָט זיי אָנגעטאָן ביטערע צרות, האָבן זיי אויסגעמיטן יעדן סכסוך מיט אים, ווײַלנדיק איינהאַלטן די רומרייכע פּורמאַנישע טראַדיציע פון די אַמאָליקע צייטן. צווייטנס, זיינען ביי יוקלס זייט טריי־דינעריש געשטאַנען זיינע דריי זין, זיין לייב־גוואַרדיע, וועלכע האָבן זיך הפקר׳דיק באַצויגן צו אַלע, וואָס האָבן נישט אָנגעהערט צו זייער פאַמיליע. אַ חוץ די דריי בנים, האָט יוקל אויסגעכאַוועט פאַר זיך, און טאַקע נאָר פאַר זיך, פיר משרתים, וועלכע זיינען צו יעדער מינוט געווען גרייט צו שפּרינגען אין פייער אַריין אויפן באַפעל פון זייער באַלעבאָס. איינער פון זיי, אַ שגץ, אַן אמתער פּאַליאַק, וואָס האָט גערעדט יידיש ווי אַ ייד, אַריינמישנדיק בלערליי העברעישע אויסדרוקן ווי „פּטור ווערן״, „שמירה״, „רבונו של עולם״, „אַ לקח״, ער, יאַשיו משומד, ווי מ׳האָט אים גערופן, איז דאָס געווען דער ראש פון יוקלס גוואַרדיע. אים האָט דער באַלעבאָס אָנפאַרטרויט אַלע וויכטיקע „יאַזדעס״, אים האָט יוקל געגלויבט ווי זיך אַליין. פאַר דער אַ טאַקע חבורותה האָבן די פּורמאַנעס פון דער גנאַינער „סטאַציע״ געציטערט, געשוויגן ווען זיי האָבן געשריען, ווערנדיק אויפגעצווונגען „צו האַלטן די צונג אין קלאַזעט״ — אין מויל הייסט עס.

אויפן צווייטן הויף פון גנאַינע דריי האָט אַלעמאָל געשטונקען מיט פערדיש אָפּפאַלעכץ, מיט היי און האָבער, מיט סמאָלע און אַנדערע שמירעכצער צו וועגענער. דאָס האָט יוקלס אונטערנעמונג געלייגט איר חותם אויפן לעבן פון די פאַרפינצטערטע לאַקאַטאַרן פון יענעם אומגליקלעכן ווינקל. די שטאַלן, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף דער גאַנצער לענג פונעם אייך־שטאַקיקן מויער, האָבן אין זיך אַריינגענומען די פינף פערד פון יוקלס פּורמאַנישן געשעפט. די פיר וועגענער און די איינציקע בת־יחידה, די דראָזשקע, זיינען געשטאַנען אויפן הויף, שטערנדיק דעם אַלגעמיינעם פאַרקער. נישט איינמאָל האָבן די לאַקאַטאַרן, ווײַלנדיק אַרויפגיין צו זיך אין שטוב אַריין, געמוזט צוערשט שפּרינגען איבער יוקלס וועגענער, וואָס האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן הויף, און עו׳שט דאָן, נאָך דעם ווי זיי האָבן צעריסן אַ פּאָר הויזן אָדער אַ קליידל, האָבן זיי געהאַט אַ פרייעם וועג צו די אייגענע ד׳ אמות. און הגם זיי האָבן שוין כמה וכמה מאָל אינטערווענירט

ביי ר׳ לייזער וואַרשאַווסקי, דעם באַלעבאָס פון הויז. ער זאָל אויסבעטן ביי יוקלען אביסל רחמים, זיינע זין זאָלן אַוועקשטעלן די וועגענער ביי דער וואַנט, האַרט ביי דער מויער, האָבן דאָך זייערע און ר׳ לייזערס בקשות ווייניק וואָס געהאָלפן, ווייל יוקלס חברה־לייט האָבן „געפּיפן אויף דער גאַנצער וועלט״, זיי האָבן געטאָן דאָס וואָס זיי איז געפעלן געוואָרן „און טוט מיר עפּעס״. האָבן זיי געליטן, די לאָקאַטאָרן, און באַשלאָסן אויף להבא בעסער צו שווייגן. צו וואָס איינרייסן מיט יוקלען און מיט זיינע שמאַ־דאַלניקעס ? —

דער גאַנצער צווייטער הויף פון גנאַינע דריי האָט פּאַקטיש געהערט צו יוקלען, טראָץ דעם, וואָס דירה־געלד האָט ער שוין נישט באַצאָלט ווי לאַנג ער געדענקט נאָר. וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט האָט ער דאָרט גע־טאָן, אויף וועלכן לאָקאַטאָר ער האָט געוואָרפן אַן אומחן — דעם האָט ער שיקאַנירט, פאַרפּינצטערט זיין שוין איבערגענוג פאַרשוואַרצט לעבן. אַ גאַנצן טאָג האָבן יוקלס משרתים געריייניקט די שטאַלן, אַרויסגעוואָרפן פון אינעווייניק גאַנצע קופּעס פערדיש מיסט, וואָס האָט פאַרפּלייצט דעם הויף מיט אַ בייסיקן אַמאָניאַק־גערוך, זיי האָבן פאַראַכטן די טירן און דערביי געטראַסקעט מיט שווערע האַמערס, זיי האָבן געוואַשן די אַרטשיקעס און ס׳געשפּאַן, וואָס האָט יעדן דריטן טאָג זיך אויסגערוט פון דער שווערער אַרבעט. פאַרנאַכט, ווען די פּלאַטפאַרמעס זיינען צוריקגעקומען פון זייער טעגלעכער האָרעוואַניע, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די לאָקאַטאָרן די צווייטע סדרה שיקאַנעס. די זין און די משרתים האָבן צוגעגרייט פאַשע פאַר די פערד, קאָוואַלעס האָבן רעפערירט רעדער, צוגעקלאַפּט נייע האַצעלעס צו די פאַדקעוועס; צעבריקעוועטע פערד, צעווילדעוועטע פון דער פריי־הייטס־פרייד, האָבן שעלמיש געיאָגט קינדער און עלטערע, אָנגעטאָן שאָדנס, אויסגעקלאַפּט שויבן, אַריינגעריסן זיך אין די קו־שטאַלן פון ר׳ יחיאל מלעטשאזש, וואָס זיינען געלעגן אויף דער לינקער זייט הויף.

מחוץ די פערד האָט יוקל אין זיינע שטאַלן געהאָדעוועט אויך אַ דריי צענדליק טויבן. די דאָזיקע באַשעפטיקונג האָט אויסשליסלעך געהערט צו אים. זי איז געווען דאָס איינציקע פאַרגעניגן, דער איינציקער פריידיקער אָפּשניט אין זיין צעשטערט לעבן. קיין שום מענטשלעך ווען, אפילו נישט דער יינגסטער זון זיינער, ווען ער האָט פון צייט־צו־צייט אַוועקגעלייגט אַ קוש אויף דער באַק און דערביי באַטרערט זיינע אויגן פון פאַטערלעכער דערקוויקונג, אפילו „זיין אויג אין קאָפּ״, האָט נישט געטאָרט זיך דערוואַגן אויף דער חוצפה און אָנרירן כאָטש מיט אַ קליין פינגערל יוקל גנב׳ס

שטאלץ, די טויבן. ער אליין האט זיי געקארמעט, אריינגעשאטן אין דער שיסל ארבעס און היאש, אנגעפילט דעם טאפ מיט וואסער, אויסגערייניקט די שטייג און שעה'ן־לאנג זיך צוגעקוקט וויאזוי די „פאטשטאווע", די „שיוועקעס" האבן זיך „געפארט" — וויאזוי זיינע טויבן־מענער האבן זיך מיט גרילעריי געווארפן אויף די שלאנקע „ווייבער". דעמלט, אין יענע דערהויבענע פאר אים מאמענטן, איז יוקל גנב צוריקגעלאפן מיט די געדאנקען צו זיינע קינדער־יארן, ווען ער איז נאך געזונט געווען, ווען ער האט „איבערגעקערט א וועלט", ווען זיינע פיס האבן געקלעטערט איבער פרעמדע דעכער אין געיעג און גנבה נאך פרעמדע טויבן. יוקל איז געווען אן אלטער טויבן־גנב און דערפון טאקע האט זיך געגומען זיין צו־נאמען. ער האט אבער פיינט געהאט, אז א „שונא'ס" ארמיי האט אים באראבעוועט פון א „שטיק". צוויי מאל אין טאג פלעגט ער ארויסלאזן זיינע טויבן אויף א שפאציר און דערמוטיקן זיי צום פליען מיט א לאנגן שטעקן, וואס איז געווען פארענדיקט מיט א שמאלער, שווארצער שמאטע. ווען די טויבן האבן זיך אומגעקערט פונעם שפאציר, איז יוקל צו זיי אריין אין דער שטייג, יעדע איינע פון זיי גוט באטראכט צי ס'האט איר חלילה גארנישט פאסירט און דערנאך געציילט, עטלעכע מאל זיי נאכגעציילט צי קיינער פון זיינע „ברילאנטן" איז נישט אוועקגעקומען. האט אמאל פאסירט, אז א פרעמדע סטאדע האט פארכאפט יוקלס א טויב, איז ער ארומגעלאפן ווי אן אומגליקלעכער, ווי א פאריטומטער, ביז ער האט אויסגעפונען דעם אדרעס פון דער רויבער־ישער סטאדע. גרויסע צרות האט זיך יוקל אנגעליטן פונעם טויבן־האר אויף גזשיבאווסקע אכט, וועלכער האט כמעט יעדן טאג געפאנגען זיינס א „פאטשטאווע". טיילמאל האבן קלעפ און פעטש דעצידירט וועגן דער גערעכטיקייט פון דיביידע טויבן־קאנקורענטן.

אין איינעם א זומער־טאג, האט א יונגער טויבן־יאגער פון דער קראכמאלנע גאס פארכאפט יוקלס א טויב. יוקל איז גלייך צו אים אוועק. מ'האט זיך דארט לאנג געדונגען, געקריגט, געזידלט מיט די ערגסטע און שמוציקסטע אויסדרוקן, אבער דער יונגער טויבן־אייגנטימער איז פארבליבן טריי די אנגענומענע געזעצן און בשום אופן נישט געוואלט אפגעבן יוקלען זיין פארלוירענע און לויטן „קאדעקס" פארשפילטע טויב. אין יוקלען האט אויפגעקאכט די לעצטע דאזע בלוט, וואס איז נאך פארבליבן אין זיין שווינדזוכטיקן קערפער. ער האט נישט אויסגעהאלטן דעם שווערן פארלוסט. דער טרויער האט איבו ארויסגעברענגט פון דער גלייכגעוויכט. יוקל האט זיין יונגן קאנקורענט דערווארגן צום טויט. ער איז אהיים־געקומען א דערשראקענער, א טויט־בלאסער און זיך אויסבאהאלטן

אויף גנאַינע דריי פֿאַר דער פּאָליציי, וואָס האָט אים גלייך אָנגעהויבן צו זוכן. נאָך צוויי טעג פֿון אויסבאַהאַלטן זיך, האָבן זיינע זין אַרויפֿגעטראָגן אין שטוב אַריין דעם טויטן גוף פֿון זייער פֿאָטער. יוקל האָט נישט אויס־געהאַלטן דעם חטא און אין באַהעלטעניש פֿאַרשטאַרבן פֿון א האַרץ־שלאַג. זיין לויה האָט זיך אַדורכגעשאַרט דורך דער גנאַינע גאַס אומגעזעענער־הייט. קיין שום מענטש, אויסער די אייגענע, האָט יוקלען נישט באַגלייט צו זיין אייביקער רו, צום פּראַגער בית־עולם, ווו מ'האָט אים קובר געווען אין דער אַליי פֿון זיינע שטאָם־ברידער. יוקלס נאָמען איז פֿאַרבליבן אויף דער גנאַינע גאַס ווי אַ קללה, ווי אַ וואָרענונג, מיט וועלכער עלטערן האָבן געשראָקן זייערע קינדער.

*

יוקל גנב האָט פֿאַריתומט אַ פֿרוי און פֿינף קינדער — צוויי מיידלעך — ברײנע און טויבע; און דריי זין — לייבוניו, איטשע און בעבעק.

נאָכן טויט פֿון איר מאַן, האָט רבקה, יוקלס פֿרוי, געדונגען אַ שטענדער אין יאַנאַשעס הויף, ווו זי האָט פֿאַרקויפֿט חלות, זעמל, קיכלעך און צוקער־לעקעך. זי האָט זיך לגמרי אָפּגעטיילט פֿון אירע קינדער, וועלכע זי האָט טאַקע זייער ליב געהאַט, אָבער אין וועמענס געשעפֿטן זי האָט זיך נישט געטאָרט אַריינמישן. זי איז פֿאַרבליבן עלנט ווי א פֿאַרוואָרפֿענער שטיין, אַליין מיט איר פֿאַרביטערט לעבן הגם זי האָט אויך ווייטער צוזאַמען גע־וווינט מיט אירע קינדער אויפֿן ערשטן שטאָק פֿונעם הויף גנאַינע דריי. רבקה האָט נישט געוואָלט אָנקומען צו אירע קינדער, צו אירע שלעכטע און אויסגעלאַסענע קינדער, דעריבער איז זי אויף די אַלטע יאָרן אַוועק איבער אַ נייעם, שווערן וועג. זיי, די קינדער, האָבן זי געמאַטערט, גע־שלאָגן, געצויגן פֿון איר געלד און געצאַפּט איר בלוט; און זי, די מאַמע זייערע, האָט זיי געקאָרמעט מיט קיכלעך, געצאָלט זייערע חובות אין שענקן און באַגאַסן זיך מיט טרערן פֿון פֿרייד, ווען זיי פֿלעגן קומען צו איר אויף באַזוך אין יאַנאַשעס הויף. מיט צעהאָרעוועטע דלאָניעס פֿלעגט זי אַרומנעמען זייערע צעאַקערטע פֿון מעסער־שטעך פּנים'ער, באַלייגן זייערע באַקן מיט אירע הייסע, מאַמעשע ליפּן און וויינען, קלאָגן ווי אויף קבר־אבות פֿון איר אומפֿאַרגעסלעכן מאַן. און זיי, אירע זין, פֿלעגן אין אַזעלכע מאָמענטן שטיין ווי פֿיר־קאַנטיקע קלעצער, בייסן און אַראָפּ־שלינגען שטיקער קוכנס און אַרויסוואַרפֿן דורך די ליפּן אָפּגעהאַקטע זאַצן:

— מאמע, הייבסט שוין ווידער אָן. כ׳גיי באַלד אַוועק. האָסט זיך שוין צעפּישט מיט די אויגן ? —

*

די עלטערע טאָכטער ברײנע, איז געווען ביז גאָר באַליבט דורך אַלע שכנים און באַקאַנטע פון זייער שטוב. זי איז דאָס געווען די, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער הויז־ווירטשאַפט פון אָט דער אומנאָרמאַל־עקזיס־טירנדיקער משפחה; זי האָט פאַר זיי אַלעמען געקאָכט עסן, געוואַשן זייער שמוציקע וועש, געצערעוועט זייערע זאָקן און שקאַרפּעטן, אָפּגעהיטן די צימערן און געפּוצט ס׳מעבל. ווען מען איז אַרײַנגעקומען אין דער וווינונג פון יוקל גנב, האָט פונעם דאָרטיקן גאַנצן אַרום אַראָפּגעקוקט באַלעבאַ־טישקייט, ס׳האָט געבלאַנקט פון זויבערקייט אין יעדן ווינקעלע און אויף אַלע מעבל־שטיק זײַנען געלעגן שפּורן פון יסודות׳דיקער פאַמיליאַרישקייט, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געווען דער הויפּט־מחותן אין דעם דאָזיקן קרייז מענטשן.

פאַר ברײנען האָבן אפילו אירע הפקר׳דיקע ברידער געהאַט דרך־ארץ און זי פיל מער געאַכטעט ווי דער מאַמען און ווי מיט יאָרן צוריק דעם טאַטן. ברײנע האָט זיך פאַרשריבן אין דער ביבליאָטעק „פאַנטעאָן״, אויף טוואַרדע גאַס און געלייענט זייער א סך ביכער. אין די אָוונטן, ווען איר ייִנגערע שוועסטער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט יונגען, אָדער ווען אירע ברידער האָבן געשיכורט אין די קנאַיפּעס, איז ברײנע געזעסן אין דער אויפגערוימטער קיך אײַנגעבויגן איבער א בוך און געשלונגען פּוילישע און ייִדישע ביכער. זי איז געווען פרײַנטלעך צו יעדן איינעם, געגריסט העפלעך צו אַלע שכנים, פאַרהאַלטן זיך תמיד רויק און אײַנגע־צוימט און מיט איבערנאַטירלעכער עקשנות אונטערגעהאַלטן די פיר ווענט פון זייער וווינונג פון צעפאַלונג. און ברײנע האָט געקאָנט האָבן פיל דער־פאָלג ביי מענער, ווייל איר שיינקייט איז געווען א שם־דבר אין דער גאַנצער געגנט. ברײנע האָט אָבער באַשלאָסן צו רעהאַביליטירן איר פאָטער, איר שוועסטער און ברידער, דעריבער האָט זי זיך אַרומגעפּאַנצערט מיט זיטלעכקייט און ערלעכקייט. ווען זי איז געגאַנגען צו דער חופה מיט אַ שפּייז־סוחר פון דער קאַרמעליצקע גאַס, האָט די גנאַינע גערעדט וועגן נאָענטן סוף פון זייער נעסט, וועגן חורבן פון יוקל גנב׳ס היים.

יוקל׳ס ייִנגערע טאָכטער, טויבע, טויבע די ליאַלקע — ווי מ׳האָט זי אומעטום גערופן, האָט טיף אַראָפּגעשלונגען אַלע ווייבערישע זינד. שיין איז זי געווען ווי „אסתר המלכה אליין״, און געזינדיקט האָט זי ווי „די

מאַמע חוה״ — האָבן וועגן איר געשמועסט ווייבערישע מיילער פון דער
גנאַינע גאַס. איר מויל, איר געטאַקטע, פולבלוטיקע ליפן האָבן באַוואָרפן
די גנאַינע גאַס מיט געטאַקטע, פולבלוטיקע קללות און מיאוסע רייד, פאַר
וועלכע די ערגסטע ווילדע יונגעץ האָבן זיך טאַקע שטאַרק געשראָקן.
שלאַנק איז זי געווען ווי אַ יונגע סאָסנע, וואָס ווערט פרי רייף אריינצו־
נעמען אין זיך די שיינקייטן פון דער נאַטור. אָבער אירע ווערטער האָבן
געשטאָכן ווי די נאָדלען פון אן אלטער, אור־אלטער סאָסנע, טויבע האָט
פאַרקויפט ברויט און ״קאַיזערקעס״ פארן טויער פון גנאַינע דריי. איר
״געשעפט״ האָט זי אַוועקגעשטעלט אויפן צווייטן ברעג טויער, אַנטקעגן
חנה דזשיאַבאַק. נישט איין פוילישער פאָליציאַנט איז געשלאָגן געוואָרן
דורך טויבעס פויקע, שניי־ווייסע הענטלעך, וועלכע האָבן, טראָץ זייער
צאַרטן אויסזען געטראָסקעט דעם שונא און דערלאַנגט אים מורא׳דיקע קלעפ
און וואונדן. טויבע האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין מאן זי זאָל פריער פאַר
אים נישט אויפבלעטערן איר ״סעקסועלן לעקסיקאָן״. און גערעדט האָט
זי וועגן אָט די ״זאַכן״ מיט אזא חריפות, מיט אזא בקיאות און באַגייס־
טערונג ווי גרויסע געלערנטע ריידן וועגן נייע אנטדעקונגען אָדער אלטע
וויסנשאַפטלעכע שיטות. איר קאָפּ מיט גאָלד־בלאָנדע, נישט־געפאַרבטע
האָר, אירע ליידנשאַפטלעכע, בלויע אויגן, בכלל דער גאַנצער לאַקנדיקער
קערפּער אירער, אָט די אַלע העכסט ווייבערישע אייגנשאַפטן אירע, האָבן
צוגענאגלט צו זיך יעדן פאַרשטייער פון מענערישן מין, וועלכער איז
דורך איר, נאָך עטלעכע ארויסגעזאָגטע ווערטער, אָן שום וויכוחים גע־
וואָרפן געוואָרן אין דער אומענדלעכער פמליה פון נישט־באַגרענעצטער
באַפרידיקונג. ווען ס׳איז אָנגעקומען דער שבת, האָט זי זיך אויסגעפוצט
אין די בעסטע קליידער, מיטגענומען א בייטל מיט באַניע־קערן און איז
אַוועק אין זאַקסישן גאָרטן ״כאַפּן פּאָוואָדזעניע״. ווער ס׳האָט זי נישט
געקאַנט, ווער ס׳האָט נישט געוווסט ווער זי איז און פונוואַנעט זי קומט,
ווער עס האָט נאָך מיט איר נישט גערעדט אויסגערעדט קיין וואָרט, האָט
געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס שטייט פאַר אים אַ טאָכטער פון דער אַריס־
טאָקראַטיע, א פרוי פון די ״העכסטע פענצטער״. האָט זי אָבער אויפגע־
מאַכט איר מויל, וועלנדיק אומשולדיק בלויז אָפּענטפערן אויפן אַ מע־
נערישער באַמערקונג, האָט זי מיט איר שטימע, מיט איר דיאַלעקט
פאַריאָגט פון זיך דעם, צו וועמען איר האַרץ האָט אזוי שטאַרק געגאַרט.
דאַן ערשט, בעת אַזעלכע מפּלות, האָט זי באַנומען די טראַגיק פון איר
וועזן, דאַן איז זי צוריקגעגאַנגען ווי אַן אָפּגעגנאַרטע דורכן גורל צו דער

גנאַינע גאַס און צוגעקלעמט איר קערפּער צו די לייבער פון די העלדן פון דער דאַרטיקער אונטערוועלט.

לייבוניו, יוקל גנב׳ס בכור, האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין תפיסות. דער פיזישער כוח זיינער האָט ווילד אין אים ארומגעשטראַמט, זוכנדיק אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דער נישט־געהעמטער ענערגיע. האָט ער ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדן סכסוך פאַרברויכט זיינע שטאַלענע הענט מיט זיין שטאַלענעם שפּרינג־מעסער, וועלכעס האָט אדורכגעלעכערט נישט איין פלייצע, נישט איין בויך און פאַרשניטן אַ סך, זייער פיל יונגע לעבנס. נישט געווען אויף דער גנאַינע גאַס אַזאַ טרעגער אָדער גנב, וואָס זאָל נישט מורא האָבן פאַר לייבוניו נאַזשאַווניק. און לייבוניו איז אויך טאַקע געווען אַן אמתער מאַרוויכער, אַ פולקאָמענער גנב, וואָס האָט געצויגן פון די טאַשן און פון קעשענעס, אַראָפּגעשאַברעוועט פעקלעך פון פרעמדע פלאַטפאַרמעס און אויסגעליידיקט אייגענע פּאַסאַזשירן. לייבוניו האָט געטריבן דעם פיאַקער, די אויסגעפוצטע בת־יחידה פון זייער אונטערנעמונג. אַלס עלטסטער זון האָט ער פאַר זיך אויסגעקליבן די לייכטסטע מלאכה. זיינע פאַרדינסטן זיינען אויך געווען גרעסערע און פעטערע ווי ביי זיינע ברידער. נאָך האַלבער נאַכט האָט ער זיך תמיד אָוועקגעשטעלט מיט זיין דראָזשקע ביי די קנאַיפּעס פון מיראַווסקע אָדער כלאָדנע, וואַרטנדיק אויף פאַרשיכורטע פּאַסאַזשירן. אַזאַ איינעם, ווען לייבוניו האָט אים אַריינבאַקומען אין זיינע ידים, האָט ער אריינגעפירט אויפן פיאַקער אין די פינצטערקייטן פון דער קראָכמאַלנע, אָדער וואָראָניע און דאָרט אים אַזוי בודק־חמץ־געווען, אַז יענער איז פאַרבליבן ליגן אויף דער גאַס אַ נאַקעטער און אויסגעליידיקטער פון יעדן גראָשן אָדער ווערט־קעגנשטאַנדן. אויף אַזאַ אופן האָט ער געפירט זיינע געשעפטן. לייבוניוס סוף אָבער איז געווען אַ טראַגישער. ער איז געווען אַ פילפאַכיקער פאַר־ברעכער, אַ גנב רעצידיוויסט, און אין יאָר 1938 איז ער פאַרשיקט געוואָרן אויף פופצן יאָר תפיסה, לאָזנדיק אינדערהיים אַ פרוי מיט צוויי פיצלעך קינדער.

דער צווייטער זון, איציק, איז נישט געווען מערער געראָטן פונעם ערשטן. אויך ער האָט אַנגעוואָרפן אַ פחד אויף דער גנאַינע גאַס און אויף די ארומיקע, שכנות׳דיקע געסלעך. זיין מזל איז אָבער געווען גליקלעכער ווי לייבוניוס. אין איינעם אַ טאָג, האָט זיך אָבער איטשע באַקלערט, אַז נישט דאָס איז דער ריכטיקער לעבנס־וועג זיינער. ער האָט אָנגעהויבן צו שלעפּן אַ „חסדל״ מיט אויבסט און גאָר נישקשה פאַרדינט. שפּעטער האָט

ער התונה געהאַט און אויפגעעפנט זיך א פּרוכטן־געוועלב אויף גזשי־באַווסקע גאַס, וועלכעס ער האָט געפירט ביזן צווייטן וועלט־קריג. אין געטאָ איז ער געוואָרן אַ שמוקלער, איינער פון די, וואָס האָבן באַזאָרגט די איינגעמויערטע יידן מיט ברויט און צום ברויט. זיי, די הונדערטער אומבאַקאַנטע ריזיקאַנטן, די נאַכט־געשטאַלטן פון וואַרשעווער געטאָ האָבן פאַרשריבן א רומרייך קאַפּיטל פון יידישן ווידערשטאַנד קעגן דעם נאַ־ציסטישן שונא. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איטשע האָט אין גרויסן געטאָ אַקטיוו זיך באַטייליקט אינעם יידישן אונטערגרונד און גע־פאַלן אויף די באַריקאַדעס פונעם געטאָ־אויפשטאַנד.

בעבעק, יוקל׳ס יינגסטער זון, האָט בייטאָג געטריבן אַ פּלאַטפאַרמע און אין די אָוונטן באַזוכט די האַנדלס־קורסן אויף פּראָסטע גאַס. אין אַ פּאָר יאָרן ארום האָט ער פאַרלאָזט די גנאַינע גאַס, געגאַנגען ווינען צו זיין שוועסטער ברײנע און ביי איר פאַרבליבן ביזן טאָג, ווען ער האָט גראַדוירט דעם האַנדלס־קורס. ער האָט דערנאָך געאַרבעט אַלס געהילפס־בוכאַלטער אין אַ פּרוכטן־הורטאָווניע אויף פּזשעכאַדניע גאַס און זיך אַנגעשלאָסן אין אַ נאַציאָנאַלע יונגט־אָרגאַניזאַציע. בעבעק „איז געוואָרן אַ מענטש״ — אַזאַ שמועה איז זיך צעגאַנגען איבער דער גנאַינע גאַס. און בעבעק איז דורך זיין אויפפירונג און האַנדלונגען ווירקלעך אויפגענומען געוואָרן אין דער בעסערער טייל פון דער וואַרשעווער יידישער געזעל־שאַפט. צו זיין מאַמען פלעגט ער קומען יעדע וואָך, ספּעציעל אין די פאַר־נאַכטן, צוהעלפן איר „אין לייזן געלד״ און דערנאָך אַוועקגיין מיט א פּעקעלע אונטערן אָרעם. דאָס האָט אים רבקה מיטגעגעבן צדה לדרך, שפּייז אויף זיין נייעם וועג. בעבעק האָט ליב געהאַט זיין מאַמע, ער האָט זיך נישט געשעמט מיט איר, ווייל געוווּסט האָט ער, אַז נישט זי איז שולדיק אינעם אומווישבאַרן פלעק וואָס האָט פאַרטונקלט זיין משפּחה־בוך.

*

און צוזאַמען מיט די צענע־טויזנטער וואַרשעווער יידן, צוזאַמען מיט זייערע נעמען איז אויך אָפּגעמעקט געוואָרן דער נאָמען פון יוקל גנב׳ס משפּחה; צוזאַמען מיט די גבירים און אינטעליגענטן האָט אויך זיי דער ברוטאַלער נאַציזם ווילד־חיה׳ש פאַרניכטעט; אויך זיי זיינען פאַרברענט געוואָרן, ווייל אויך זיי, פּונקט ווי די אַנדערע, זיינען געווען יידן, איבער־געגעבענע און וואַרעמע יידן טראָץ זייערע פעלערן און שאָטן־זייטנס, טראָץ

זייער געמיינהייט און הפקר׳דיקייט, וואָס איז געווען א פּראָדוקט פון די אומשטענדן אין וועלכע א טייל וואַרשעווער יידן האָט יאָרן־לאַנג געזונקען.

זאָלן יידן געדענקען, אַז אינעם תורה׳דיק־נגידיש־אַסימילאַטאָרישן וואַרשע האָבן אויך געלעבט יוקלס און לייבוניוס, טויבעס און ברײנעס, וועלכע געהערן פונקט ווי אַלע פאַרגאַזטע צו דעם הייליקן שאַץ פון אומגע־בראַכטע דורכן נאַציזם יידן, וועלכע וואָלטן זיכער באַקומען א תקון אין אַן אַנדערער וועלט, אין אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט לגבי דעם געפּלאָגטן פאָלק ישראל.

# דער דערנער־וועג פון אמאַליקן חדר

ויצא — איז ארויסגעגאַנגען, יעקב — יעקב, מבאר־שבע — פון באר־שבע, וילך — און ער איז געגאַנגען, חרנה — קיין חרן ——— ווי אַ כאַראַלע דעקלאַמאַציע, אדורכגעזאַפּט מיט זיסע, נאַגנדיקע, האַרץ־צערייסנדיקע, סקאַרבאָווע נגונים, האָט זיך געטראָגן פון גנאַינע איינס דאָס חומש לערנען אינעם חדר פון קאַפּלאַן־קאַרנפעלד. צום שבועות׳דיקן אקדמות — אַ נגון פון מאַלערישן דערציילן און לויב־געזאַנגען פון הוילע תהלות ותשבחות, צום פורים׳דיקן מגילה־עפּאָס — אַן אַנדערער נגון, אַ מעלאָדיע פון שטאָלצן פּאַרמעסט און זיג, צום שיר־השירים — ווידער אַ נגון, אָבער אַ צערטלעכער, אַן אָנגעפּילטער מיט טרערן־זויבערער אומשולד, אַ ליד וועגן גרויסן באַגער פון ישראל צו זיין האר — אָט דאָס דאַזיקע געזאַנג, די כמעט אייביקע תורה־ראַפּסאָדיע אין דער אויספירונג פון חדר־יינגלעך און חדר־רביים, האָט צוגעגעבן אַ לעבנס־אינהאַלט די עלטערן פון גנאַינע גאַס, ווו אין הויף נומער איינס, ביי קאַפּלאַן־קאַרנפעלד האָבן זייערע „אוצרות״ זיך געבויגן איבער סידורים און חומשים, טרינקנדיק פונם אייביקן ידישן קוואל.

קאַפּלאַן־קאַרנפעלד — אַ שם־דבר אין דער וואַרשעווער חדר־וועלט; צוויי נעמען, וועלכע האָבן געצויגן צו זיך עלטערן און קינדער אפילו פון שילעץ און אַכאַטע; אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אויסגעלערנט די תלמידים תורה און געגעבן זיי אַלגעמיין וויסן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פולקאָמע און גוט־צוגעגרייטע בר־מצוה־יינגלעך; אַ חדר נישט צו פאַרגלייכן מיט אַנדערע, פיל אַנדערע וואַרשעווער חדרים.

געוועזן צייטן, ווען דאָס חדר האָט פאַרמאָגט בלויז איין האר, איין אייגנטימער — ר׳ קאַפּלאַן. געהויזט האָט זיין חדר־משכן אויף גזשיבאָווסקע

אכצן, אַ פּאָר טריט פון דער יידישער גמינע, אויפן צווייטן שטאָק צו דער גאַס ארויס. קאַפּלאַנס חדר איז געווען אַזוי פּאָפּולער, אַזוי באַקאַנט און באַליבט, אַז יינגלעך פלעגן מיט אים שטאָלצירן, די עלטערן פלעגן שיקן מתנות פארן רבי׳ן קאַפּלאַן, די אייגנטימערס פון די צוקערלעך־געוועלבער פון דער גזשיבאָווסקע האָבן אים, קאַפּלאַנען, געבענטשט בעת יעדן צוזאַמענטרעף מיטן באַקאַנטן און איבעראַל געאכטעטן קינדער־מלמד. וואָס אין זיין זכות האָבן זיי געלייזט געלד.

שפּעטער זיינען געקומען אַנדערע, ביטערע צייטן. דער קריזיס בעת גראַבסקי׳ס הערשאַפט און די אסימילירנדיקע שטאַטישע פאָלקס־שולן האָבן אוועקגערויבט גאַנצע שטיקער פלייש פונעם חדר־ריז. עלטערן האָבן אָנגעהויבן שיקן די קינדער אויף גזשיבאָווסקע זעקס־און־זעכציק, אויף פּטאַשע דריי, אין די „פּאָוושעכניאקעס״, ווו דער לימוד, דער גוישער לימוד האָט נישט געקאָסט קיין געלד און ווו מ׳האָט די קינדער נאָך צוגעגעבן אַ פּריש־טיק אומזיסט אָדער זיי געשיקט אויף זומער־קאָלאָניעס אָן אַ פּרוטה. גערעדט האָט מען דאָרט נאָר פּויליש, געלערנט מיט זיי אויסשליסלעך וועלטלעכע קענגנשטאַנדן הגם די לערערס און די „קיעראָווניקעס״ זיינען געווען גוטע, איבערגעגעבענע יידן. זיי האָבן אָבער געהערט צו דער מלוכה, זיי — די שולן, די קינדער, די דערציערס. און ווייל דער לימוד איז דאָרט געווען פריי פון אָפּצאָל, האָט זיך אין זיי געראַיעט ווי אין אַ בינשטאָק, ווען אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך די חדרים אויסגעליידיקט פון אַ העלפט תלמידים.

דאָס חדר אויף גזשיבאָווסקע אַכצן האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם קריזיס, טראָץ זיין פּיליאַריקער טראַדיציע. קאַפּלאַן האָט זיך געמוזט פאַרבינדן מיט זעליגפעלד׳ן פון דער טשעפּלע פיר, דעם פאָטער פון דער באַקאַנטער פאָלקס־זינגערין זמרה זעליגפעלד־קיפּניס, די פרוי פונעם באַוווסטן מוזיק־קענער, זינגער און זשורנאַליסט מנחם קיפּניס — דעם „חבר״ פון „פאַן מעצענאַס״. זעליגפעלד האָט באהבה רבה אריינגענומען אין זיינע צוויי חדר־צימערן קאַפּלאַנען און פאַרלייגט אַ מלמדישן שותפות. די איידיליע פון די צוויי וואַרשעווער מלמדים האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. במקום זיך צו פאַרגרעסערן, האָט די צאָל תלמידים געהאַלטן אין איין פאַלן און מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט קאַפּלאַן ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן און אָנגעהויבן צו זוכן אַ פרישן פאַך־פאַרבינדעטן. דעמלט, אין דער טראַגישער און פאַרצווייפלטער לאַגע, איז ער געקומען צום מלמד יעלין אויף טשעפּלע צען און דאָרט ביי אים ווידער פונאַנדערגעוויקלט זיינע געצעלטן. יעלין איז נישט געווען אַליין. אויך ער האָט פון פריער

נאָך געהאַט אַ שותף. זאקראַנסקי, וועלכער איז אָבער פלוצעם פאַרשטאָרבן פון א האַרץ־שלאַג און אזוי ארום זיינען זיי פאַרבליבן אליין — יעלין און קאַפּלאַן.

הגם קאַפּלאַן האָט מיט זיך מיטגעפירט א היפשע צאָל תלמידים, וועלכע זיינען אים טריי געבליבן אין יעדער פאַרלעגנהייט און וועמענס עלטערן האָבן זיך מיט די נעגל ממש געהאַלטן אינעם מחנך פון גושי־באָווסקע אכצן, האָט די צווייטע שותפות אויך זיך נישט געפרייט מיט דערפאָלג. דער באַקוועמער און גרויסער לאָקאַל פון יעלינס חדר איז גע־שטאַנען א האַלב־לערער, די צאָל מלמדים האָט מען געמוזט פאַרקלענערן און שליסלעך האָט עס געהאַלטן, אַז דער חדר זאָל גענצלעך פאַרמאַכט ווערן.

אין אזא שווערער תקופה, אין טעג, ווען קאַפּלאַנס מלמדישער שם האָט זיך געראַנגלט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, האָט זיך באַוויזן קאַרנפעלד. מיט זיין סוחרישן טעמפּעראַמענט האָט ער דערוויזן קאַפּלאַנען, אַז ס׳איז גאָרנישט אזוי שלעכט, אז ס׳זיינען פאַראַן גוטע מעגלעכקייטן, אַז מ׳קאָן זייער אַ סך אויפטאָן. די פּרוכט פון דעם דאָזיקן באַגעגעניש איז געווען דאָס מאָדערנע חדר אויף גנאַינע איינס מיטן רוישיקן נאָמען „דאָס באַ־רימטע און אויסגעצייכנטע חדר פון קאַפּלאַן און קאַרנפעלד״.

*

ביידע שותפים האָבן אריינגעלייגט אין נייעם חדר זייער גאַנצן אָפּ־געשפּאָרטן רכוש. דער געדונגענער זעקס צימערדיקער לאָקאַל איז דורך זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חדר פון צען צימערן, מיט אַ קאַנצעליי און א גאַרדעראָבע פאַר די שילערס, מיט א קיך, ווו דאָס בעלפער־פּאָרל האָט געקאָכט פאַר די קינדער טיי צו פינף גראָשן אַ גלאָז. די גרויסע צימערן האָט מען האַלבירט, דאָ האָט מען פאַרמויערט אַ טיר און אביסל ווייטער, ביים צווייטן חדר־עק האָבן מויערערישע הענט אויפגעמאַכט אין דער וואַנט אַ נייע, אַ ברייטערע טיר. שלאָסערס האָבן פאַראַכטן אַלע שלעסער פונעם לאָקאַל, עלעקטריקער האָבן מאָנטירט גלעקלעך און פאַרלייגט נייע לאָמפּן, סטאָליאַרעס האָבן צונויפגעקלאַפּט טאָוולען און אויפגעשטעלט נייע קלאַסן־בענק, מאַלערס האָבן באַלייגט די ווענט מיט העל־בלויע אייל־פאַרבן, וועלכע האָבן צוגעגעבן דעם גאַנצן חדר־בנין אַן אויסזען פון אַ זוניקן, צעלויכטענעם הימל. נאָך זעקס וואָכן אינטענסיווע רענאָוואַציע־אַרבעטן, איז דער לאָקאַל אויף גנאַינע איינס געווען מוכן ומזומן אויפצונעמען זיינע

נייע חדר־באַווינער. דער חדר־לאָקאַל האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט איצט פּריש אויפגעבויט געוואָרן. געטראָגן האָבן זיך פון אים ריחות פון אייל־פאַרבן, פון טערפּענטין און פּאַקאַסט, פון „יאַשניעי סלאָנצאַ״, אַ שמירעכץ, וואָס האָט פאַרביטן דעם דיל אין אַ רויט־גלאַנציקן שטח.

צוויי וואָכן פאַרן סוף פון די זומער־פעריען, האָבן קאַפּלאַן־קאָרנפעלד אַרויסגעשיקט געדרוקטע מודעות „צו די געערטע עלטערן פונעם גזשיבאָווער ראַיאָן״, צו די, וואָס האָבן אין די פריערדיקע יאָרן געשיקט זייערע קינדער צו קאַפּלאַנען, ווי אויך צו די, וועלכע האָבן בכלל געהאַלטן קינדער אין חדרים, אין אַנדערע חדרים, אַז „ס׳איז נאָך פאַרבליבן אַ קורצע צייט צום אָפּשליסן די איינשרייבונגען אינעם ניי־געעפנטן, מאָדערנעם חדר אויף גנאָינע איינס — מיט דרך־ארץ: קאַפּלאַן־קאָרנפעלד״. אויסער די געדרוקטע בריוו האָט דער נייער בעל־פּער אויסגעקלעפּט פּלאַקאַטן אויף די מויערן פון די אַרומיקע גאַסן מיטן זעלביקן אינהאַלט. אין חדר האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג, אַ רודערניש. געקומען זיינען מכל המינים עלטערן איבערצוגעבן דעם חינוך פון זייערע קינדער אין די הענט פון די געניטע מלמדים. גוטע, אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן געהאַט צוטרוי און געגלויבט קאַפּלאַנען; נייע קונדן, וואָס האָבן ביים איינשרייבן זייער קליינוואַרג געבעטן קאַפּלאַנען אָדער קאָרנפעלדן, אַז זיי זאָלן אכטונג געבן אויף זייערע בנים מחמת דער עסט צו ווייניק, דער איז צו בלאַס, אַ פּערטער האָט אַ טבע זיך צו פאַרקילן און אַ זעקסטער צי צוואַנציקסטער איז סתם אַ רוח, וואָס קערט איבער די גאַנצע שטוב און טוט אָן צרות די שכנים. אָט דער עלטערן־פּלעיאַדע האָבן די צוויי אייגנטימערס פונעם נייעם חדר פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן נישט שפּאָרן קיין מי צו באַפרידיקן די געשעצטע טאַטע־מאַמע. ביזן סוף פון די פעריען האָבן זיי דערליידיקט איבער אכציק מוטערס צי פאָטערס און צוגענומען אין זייער חדר ביז אכציק שילערס.

רעקרוטירט האָבן זיך די תלמידים פון פאַרשיידענע שיכטן. געלערנט האָבן ביי קאַפּלאַן־קאָרנפעלד נגידישע קינדער, די טשאַבאַנס און אַדאַמסקיס — קינדער פון די אָנגעזעענע פּרוכטן־סוחרים פון דער פּטאַשע; די זין פון די פלאַקסבוימס — יוועלירן פון דער גראַניטשנע גאַס; פון די מילכבערגס און לעוו׳ס — געשיר־הורטאָווניקעס פון דער זשימנע; די קינדער פון גראָבן יאָסל, פונעם רעסטאָראַטאָר וויינבערג, פון עלטערן „חסד׳לעך״, פון גנבים, פון בעלי־בתּישע פאַמיליעס און פון גרויסע אָרעמעלייט. אַלע זיינען זיי דאָרט געזעסן אויף די זעלביקע הילצערנע בענק; צו אַלעמען האָבן די לערערס גערעדט מיט דער זעלביקער שפּראַך; קיינער פון זיי איז נישט געווען קיין מיוחס אָדער אויסדערוויילטער; אַלע,

די אָרעמסטע און רייכסטע, האָבן זיי זיך געפֿילט פֿריי און מונטער, הגם נישט אַלע עלטערן האָבן געצאָלט אַ גליכן שכר־למוד. קאַפּלאַן און קאָרנ־פעלד האָבן זייער גוט געװוּסט ביי װעמען מ׳קאָן און מ׳דאַרף פֿאָדערן אַ הויכן פּרייז, ביי װעמען מ׳טאָר נישט מער נעמען װי אַ פּאָר גילדן און װעלכן שילער מ׳איז פֿאַרפּליכטעט, לגבי דעם אייגענעם מלמדישן געװיסן, לערנען אומזיסט, בחינם. און די „בחינמ׳דיקע״ האָבן אין חדר נישט געמערקט זייער אָרעמקייט, זייער דלות, װייל צו זיי האָבן די לערערס תמיד מער געשמייכלט װי צו די אַנדערע, צו די רייכע, און װייל זיי, די הונגערנדיקע, האָבן זיך אויך בעסער געלערנט און שנעלער באַנומען דעם רבי׳נס רייד. זייערע העפטן, אַ בחינמ׳דיקע מתנה פֿון אַ לערער צי מנהל, זיינען געװען די זויבערסטע, זייער האַנט־שריפֿט — אויסגעטאַקטע צייכנס, זייער אויפֿפֿירונג — אַ מוסטערהאַפֿטיקע.

דער נייער דערציערישער מוסד, דאָס מאָדערנע און מיט פֿיל קולטור און געשמאַק איינגעאָרדנטע חדר, זיינע תלמידים מיט די עלטערן, די מלמדים און לערערס פֿון דער ערשטער ביז דער פֿינפֿטער קלאַס, אַלע, אַלע האָבן זיי זיך געפֿונען אונטער דער װירקנדיקער השפּעה פֿון די צװיי בעלי־בתים, פֿון די בויערס און װעג־װייזערס פֿונעם חדר אויף גנאַינע איינס, פֿון קאַפּלאַן־קאָרנפֿעלד.

קאַפּלאַן איז געװען אַ ייד איבער די זעכציקער. זיין ענערגיע אָבער, זיין טעטיקייטס־טעמפּעראַמענט איז דורך אַלע זיינע באַקאַנטע פֿאַרגליכן געװאָרן מיט דער קראַפֿט פֿון אַ יונגנמאַן, װאָס טרעט ערשט איצט אריין אין לעבן. געשטאַמט האָט ער פֿון ליטע, ער װי אויך זיין קלוגע, אַריסטאָ־קראַטיש־אויסזעענדיקע פֿרוי. אַ שװאַרץ־גרויע, פֿיר־עקיק געשוירענע באָרד, שװאַרצע װי קויל און װי גראַטענע תבואה אויסגעװאַקסענע ברעמען, האָבן ארומגענומען זיין גוטמוטיק װעזן מיט אַ מאַסקע פֿון בייזקייט און שלעכטקייט. הגם פֿון דער נאַטור אויס איז ער געװען אַ בעל־הרחמים, אַ װייך־הארציקער, אַ גרויסער בעל־טובה, אָבער אַ שרעקלעך נערװעזער. זיין קליינע, פֿעסלדיקע געשטאַלט האָט ער תמיד אונטערגעהאַלטן מיט אַ שװאַרצן שטעקן, װעלכער האָט אויף זיך געטראָגן אַ זילבערנעם שלאַנגן־קאָפּ, אַן אנדענקונגס־ירושה פֿון זיין פֿאָטער. קאַפּלאַן איז געװען אַ כהן, דאָס מיינט אָבער נישט, אַז אַלעמאָל האָט ער זיך געכעסט אָדער געשלאָגן. ער האָט זיין בארוף גענומען ערלעך און ערנסט. זיין איינציקער באַגער אַלס מלמד איז געװען — איינצופֿלאַנצן װאָס מער תורה צװישן זיינע תלמידים, געבן זיי אַ טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַל־יידישע דערציונג און בכלל

מאכן פון זיי „לייט". א טעמפן שילער האָט ער געלערנט נאָך די אָפיציעלע שעה'ן, א גוטן תלמיד האָט ער „האָלד" געהאט ווי זיינע אייגענע דריי קינדער און א שטיפער, טאַקע אַ געוויינלעכן צו־להכעיסניק האָט ער גע־שטראָפט ווי אַ שטרענגער, קאָמפּראָמיסלאָזער ריכטער. זיינע תלמידים האָבן גוט געוווּסט, אַז ווען זיי וועלן נישט אויסלערנען פּרק אָדער חומש, וועט קאַפּלאַן זיך נישט באַהערשן, נעמען די „ליניע" און אריינציילן עטלעכע „לאַפּעס". די גוטע שילערס האָבן פאַר אים נישט מורא געהאַט, ווייל זיי האָבן אין אים געהאַט א פריינט, אַ מענטש וואָס זאָרגט פאַר זייער וויל. ווען קאַפּלאַן האָט זיך באַוויזן אין דער מחלקה האָט מען געקאָנט הערן דאָס זשומען פון די אַרומפליענדיקע פליגן.

דער צווייטער שותף פונעם חדר, קאַרנפעלד, איז געווען א „דייטשיש" געקליידעטער. זיין הויכער, דיקער, מעכטיקער גוף האָט פאַרמאָגט אין זיך פיל פרימיטיווקייט. זיין רונד געזיכט, די אויסגעפּילטע באַקן, די תמיד פינקלדיקע, פוקסישע אויגן האָבן געשפּריצט מיט ראַפינירטער איבערגע־שפּיצטקייט, וועלכע האָט געלייגט א חותם אויף זיין נייעם, צוגעקומענעם באַרוף... געווען איז ער אַ ראַדעמער. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט פאַר־נעמען און אויספאָרשן די סיבה צוליב וועלכער ער האָט פאַרלאָזט זיין געבוירן־שטאָט און איז אראָפּגעקומען נאָך ווארשע דאָ צו געפינען מער גליק ווי אינדערהיים. א שמועה איז ארומגעגאַנגען, אַז קאַרנפעלד איז אין ראַדעם געווען אַ בעקער און לסוף האָבן אים פינאַנציעלע שוועריקייטן געצוווּנגען ליקווידירן זיין געשעפט. ער האָט „אַנגעזעצט" זיינע בעלי־חובות און איז אַוועק אין דער פוילישער הויפּטשטאָט. דאָ האָט ער זיך גענומען צו מלמדות. זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, דער אופן פון באַרויקן „שקצישע" תלמידים אין די פאַרשיידענע חדרים, ווו ער האָט געלערנט, האָבן אים דערוואָרבן אַ נאָמען פון א גוטן פעדאַגאָג און פון אַ נאָך בעסערן טעכנישן לייטער אין דער חדרים־ממשלה. ער האָט געפירט זיינע תלמידים נאָכן טראָפּ, מער זיי נישט דערציילט ווי אין סידור אָדער חומש איז געווען אָנגעשריבן, נישט געשטויסן זיי אויף וועגן פון דער־טראַכטן זיך, פון שלייפן דעם מוח און דעם זכרון. ער איז געווען טרוקן ווי אַן אָפּגעגריזשעטער ביין, ווי אַן אויסגעבאַקן ברויט פון זיין ראַדעמער בעקער־אויוון. און דאָך האָט מען וועגן אים זייער גוט גערעדט, ספּעציעל די עלטערן. ער, קאַרנפעלד, איז דאָס געווען דער, וואָס האָט געזאָרגט פאַר דער פינאַנציעלער זייט פונעם חדר, ער האָט דאָס צוגענומען נייע לערערס אָדער מלמדים און מיט זיי זיך זייער לאַנג געדונגען וועגן גע־האַלט. ער האָט ווערבירט נייע שילערס, צוגערעדט עלטערן, זיי זאָלן צו־

נעמען אַלס קאָרעפעטיטאָר צו זייערע, שוואַך־לערנענדיקע זיך קינדער, זיין זון, דעם אינטעליגענטן שלאַמעק קאָרנפעלד, וואָס איז ארויס פון „תחכמוני" צוליבן שלעכטן באַנעמען די גמרא און אריינגעטראָטן אין דער פויליש־העברעישער גימנאַזיע „חנוך". קאָרנפעלד, אין קעגנזאַץ צו קאַפלאַנען, האָט פאַרשטאַנען וויאזוי צו פאַרוואַנדלען זיין פאָזיציע אין חדר אין אַ שפרודלדיקן פרנסה־קוואַל. אויף די זומער־פעריען פלעגט ער אויסדונגען א קליין הויז אין מיעדזעשין אויף דער אָטוואָצקער ליניע, אין א ווילע, וואָס האָט געגרענעצט מיטן בארימטן מעדעם־סאַנאַטאָריום, און איינגעאָרדנט דאָרט אַ מין פענסיאָנאַט, וועמענס פאַציענטן זיינען באַשטאַנען אויסשליסלעך פון זיינע חדר־תלמידים. האָבנדיק אַ צען, פופצן יונגע „לעטניקעס" מיט אַ דיקערע מטבע פאַר זייער זומער־וווינונג, האָט קאָרנפעלד אין איין וועג דערהאַלטן זיינע אייגענע פיר קינדער מיט דער פרוי אומזיסט און ביים סוף פון זומער־סעזאָן איז אים נאָך אין דער קעשענע פאַרבליבן אַ פאָר גילדן. ער האָט קיינעם חלילה נישט אויסגענוצט, קיינעם נישט אָפגענאַרט, פון קיינעם נישט געצויגן קיין איבעריק געלד, נאָר פאַרשטאַנען האָט ער וויאזוי זיך אַן עצה צו געבן אין לעבן. ער איז געוועזן דער אויסגעזוכטער טיפ פון אַ סוחרישן מלמד, וואָס אַזעלכע האָבן גראָד געפעלט אינעם אַמאָליקן וואַרשע, לטובת דער לאַגע פון די חדרים.

קאַפלאַן־קאָרנפעלד, די צוויי פאַרשיידנאַרטיקע טיפן און כאַראַקטערן, דער מענטש פון גייסט מיט זיין שותף דעם סוחר, דעם אָרגאַניזאַטאָר, האָבן געלייטעט מיט זייער תורה־אונטערנעמונג ווי זיי וואָלטן געוועזן איין מענטש, ווי איין באַפעלסהאָבער. וואָס איינעם איז ארויס פון זכרון האָט דער צווייטער דערגענצט, וואָס קאָרנפעלד האָט נישט באַוויזן צו לייסטן אויפן דערציערישן געביט, האָט עס קאַפלאַן גלייך אונטערגעכאַפט און פאַרווישט דעם פעלער, וועלכער האָט געקאָנט שאַדענען דעם גאַנצן חדר. יאָרן־לאַנג האָבן די דאָזיקע צוויי מלמדים, קאַפלאַן־קאָרנפעלד, געפירט זייער חדר־אַנשטאַלט אין האַרמאָנישער רויקייט, אויסגעמיטן און באַזייטיקט גרייזן איינער ביים צווייטן, מיט פיל זאָרג נאָכגעגאַנגען טראָט־ביי־טראָט דעם קינדער־וועג פון זייערע תלמידים.

דאָס חדר אויף גנאַינע איינס האָט אויסגעאַרבעט אַ ברייט־גרייכנדיקן לערן־פראָגראַם. לויטן באַשלוס פונעם בילדונגס־מיניסטעריום און לויטן תוכן פון חדר'ס אידעאָלאָגישן רוקן־ביין, זיינען דאָרט אריינגענומען געוואָרן אַלע וועלטלעכע קעגנשטאַנדן, וואָס זיינען געוועזן אריינגערעכנט און האָבן פאַרפליכטעט דעם לערן־פראָגראַם פון די רעגירונגס־פאָלקס־שולן. אלזא, די פוילישע שפראַך, אַריטמעטיק, געאָגראַפיע, נאַטורוויסנ־

שאַפט, געזאַנג, אַלגעמיינע געשיכטע האָבן דעם שילער פון קאַפּלאַן־קאָרנ־פעלד׳ס חדר באַקאַנט מיט דער אויסערלעכער, ווייטערדיקער וועלט. אָבער מער אויפמערקזאַמקייט האָט מען דאָרט געשאָנקען העברעיש, תנ״ך, יידישער געשיכטע און געאָגראַפיע פון ארץ־ישראל. דער סקעלעט אָבער פונעם חדר, דער פונדאַמענט אויף וועלכן ס׳האָט זיך אָנגעשפּאַרט דער גאַנצער בנין איז געווען קודם כל עברי, שפּעטער חומש, משנה, גמרא און פרק. ווייטער איז מען דאָרט נישט געגאַנגען. קאַפּלאַן האָט געלערנט מיט די קינדער נאָר חומש. זיין עלטער האָט אים נישט דערלויבט צופיל צו אַרבעטן. קאָרנפעלד, אַ הייסער ציוניסט און אויפגעקלערטער, מאָדערנער מענטש, האָט די קינדער באַקאַנט מיט לייכטערע שאַפונגען פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור, מיט כלערליי פּאַסירונגען אינעם יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן, מיט דערגרייכונגען אין איצטיקן ארץ־ישראל־אויפבוי. אויסער די פּאָר שעה׳ן מיט די קינדער, האָט קאָרנפעלד אויך געלייטעט מיט דער ,,קאַנצעלאַריע״, וואָס איז געווען דער ״ווּו פונעם חדר. מחוץ די צוויי מנהלים האָבן אין חדר זיך באַשעפטיקט מיט די קינדער זיבן לערערס און מלמדים, וועלכע האָבן אויסגעפילט דעם איבעריקן לערן־פּראָגראַם.

דער רבי ר׳ שמעון איז געווען אַן אַלטער, אויסגעפּרוווטער מלמד. געקאַנט האָבן אים, דוכט זיך, אַלע וואַרשעווער חדרים, ווייל אין יעדן איינעם פון זיי האָט ער געאַרבעט עטלעכע חדשים און גלייך אַריבער אין אַ צווייטן. געווען איז ער אַ פּאַרעקשנטער ליטוואַק, מיט וועלכן ס׳איז שווער געווען אויסצוקומען. געשלאָגן האָט ער די קינדער מכות־רצח. זיין באַליבט אָרט אין דער מחלקה, סאַי אין די ווינטער־טעג און סאַי בשעת די גליענדיקע זומער־נאָכמיטיקס, איז געווען דער ווינקל ביים אויוון, ווו ער האָט ווינטער־צייט אָנגעוואַרעמט זיינע אַלטע ביינער, אָדער אַן די קאַפּלעס אָפּגעקילט זיין צעשוויצט פּנים. ווען זיין פליישיקער קערפּער האָט נישט אויסגעהאַלטן די ברענענדיקע זומער־היץ. ווען ער איז אָנגעקומען אין אונדזער חדר, צו קאַפּלאַן־קאָרנפעלדן, האָט די תלמידים באַהערשט א בהלה׳דיקע אימה. גלייך אויף דער ערשטער שעה, האָט זיין סווישטשענדיקער קול פּאַרהילכט אונדזער קלאַס, איבערלאָזנדיק א טויטע בלייכקייט אויף די צעשראָקענע געזיכטער פון די תלמידים. זיין שפּראַך צו די תלמידים האָט ער ארויסגעברענגט אינעם קנייפּן זיי אין די אָרעמס אָדער אין רייסן אויערן. ווען ער האָט געהאַלטן דאָס חומש אין דער האַנט, האָט אַ סלינע זיך געצויגן פון זיין מויל ביז אויף די זייטלעך און פייכט געמאַכט, אָדורכגענעצט ס׳גאַנצע ספר. די יאַרמולקע, דאָס ליטווישע קאַפּל אויף זיין קאָפּ איז פון שוויס אָדורכגעזאַפּט געוואָרן מיט האָר־פּעטס ווי

אַ חנוכה־לאַטקע מיט אייל, דער ווייסער, שטייפער קראַגן איז געווען תמיד שוואַרץ, פונקט ווי דער אייביקער אויסבינדער, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ דין שנירל ארום זיין האַלדז. ר׳ שמעון איז געווען אַ ייד אַ כעסן, אַ גרויסער קינדער־פיינט, הגם זיינע אייגענע קינדער האָט ער געליבט מיט אַלע פיבערן פון אַ געטרייעם פאָטער. זיין קלאָגעדיקער מצב, הונגעריקע טעג און וואָכן האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַיין גרויסע קנויל נערוון, וועלכע האָט אויסגעפורעמט זיין באַציונג צו די תלמידים. מיר האָבן פון גאָר־נישט געוואָלט וויסן, מיר האָבן אים פיינט געהאַט פאַר זיינע קלעפּ, פאַר אונדזערע אויסגעקניפּענע שטיקער אויף די׳ קערפּערס, פאַר די אויס־געריסענע אויערן און פאַר דער קאַפּענדיקער סלינע פון זיין מויל, וואָס האָט געווען אין אונדז עקל.

עד היום קאָן איך נישט פאַרשטיין הלמאי מיר האָבן אַזויפיל געבערענטע צרות אָנגעטאָן דעם מורה שיף, דעם לערער פון תנ״ך. געווען איז ער אַ ייד אַ גרויסער יודע־ספר, אָנגעשטאָפּט מיט תורה און וויסן, אָבער אָן אָרעמאַן אין צען פאַלעס. מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז אין שטוב ליגט זיין פרוי קראַנק אויף שווינדזוכט, אַז ער וווינט ערגעץ אויף אַ בוידעם, אַז זיין לעבן איז צעשניטן און צעבלוטיקט. און דאָך האָט ער ביי אונדז גע־האַט ס׳גיהנום. ער האָט זיך געבעטן ביי אונדז ווי ביי גזלנים, מיר זאָלן זיך מרחם זיין אויף אים, מיר זאָלן נישט צורויבן זיין פּרנסה, מיר זאָלן זיך לערנען און רויק זיך פאַרהאַלטן און קאַפּלאַן וועט אים נישט אָפּזאָגן פון דער לערן־שטעלע. ער האָט לאַנג גערעדט, ער האָט אונדז געבעטן און געגעבן צו פאַרשטיין און מיר, מיר האָבן פון אים געחוזקט, מיר האָבן געריסן זיין רעקל, מיר האָבן אים, אומבאַמערקטערהייט פון אַ זייט, באַוואָרפן מיט אַלטע זעמל, מיט שטיקער צונויפגעקנוילטן פּאַפּיר. ער איז געווען דער בעסטער מלמד אין קאַפּלאַן־קאַרנפעלד׳ס חדר, אָבער מזל צו די תלמידים האָט ער נישט געהאַט. אין חדר אויף גנאַינע איינס האָט תנ״ך געהערט צו די בעסט־אויסגעלערנטע קעגנשטאַנדן, ווייל דער מלמד שיף, האָט אים איבערגעגעבן צו אונדז מיט האַרץ און נשמה, מיט פיל קענטעניש און גרויסן ווילן. און הגם מיר האָבן אים טאָג־טעגלעך פאַרמאַטערט, טראָץ דעם, וואָס ער האָט לייכטער אָפּגעעטעמט ווען די שעה האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן מיר אים דאָך ליב געהאַט און געאַכטעט, פונקט אַזוי ווי ער האָט אונדז ליב געהאַט און באַוואָרפן אפילו דעם ערגסטן שילער מיט קושן, ווען אַ מינוט פון שלום האָט באַהערשט אונדזער קלאַס. בעת די איבערייסן צווישן די שעורים, פלעגט דער לערער שיף ארומגיין צווישן די שול־בענק און צונויפקלייבן זעמל אָנגעשמירטע מיט פּוטער אָדער ברויט,

וואָס די קינדער האָבן איבערגעלאָזט נאָכן פרישטיק, ער פלעגט דעם צו־נויפגעזאַמלטן פּראָוויאַנט איינפּאַקן אין א פּאַפּיר־בײַטל און אַוועקטראָגן עס צו זיך אהיים, צו דער קראַנקער פרוי און קינדער. אַ געפּיל פון רחמנות און חרטה האָט אין אַזעלכע מאָמענטן ארומגענומען זיינע תלמידים. קינדער פלעגן נישט אָנרירן זייער פרישטיק, וואָס די מאַמעס האָבן מיט־געגעבן אין חדר אריין, איבערלאָזנדיק עס אין דער באַנק פאַרן לערער שיף. מוטערס האָבן געשטראַלט פון שמחה: וואָס זייערע קינדער „ברענגען נישט צוריק ס׳פרישטיק״ און דאָרט, אין חדר אויף גנאַינע איינס, האָבן תלמידים געשפייזט מיט זייער עסן אן א־מגליקלעכן רבי׳ן, וועלכער האָט דערמיט דערהאַלטן ס׳לעבן פון זיין קרענקלדיקער פרוי. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז גלייך צומאָרגנס, און אזוי יעדן טאָג, זאָל זיך ווייטער טאָן חושך אויף זיינע לעקציעס.

אַ גרויסער בעל־השפעה אין וועלטלעכן טייל פון קאַפּלאַן־קאַרנפעלד׳ס חדר, איז געווען דער פּאָלאָניסט און נאַטור־וויסנשאַפטלער גלייכצייטיק, דער לערער העניק מירלאַס. די פאַמיליע מירלאַס האָט זיך געגרויסט מיט אַ רומרייכער לערער־טראַדיציע. אַ שוועסטער פון אונדזער מירלאַס האָט גע־לייטעט אין וואַרשע מיט דער באַקאַנטער מיידל־גימנאַזיע „מירלאַסאָוואַ״, וואָס האָט זיך פאַררעכנט צו די בעסטע לערן־אַנשטאַלטן צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה. אַ צווייטע שוועסטער און אַ ברודער זיינען גוט באַקאַנט געווען דער וואַרשעווער גימנאַזיע־יוגנט. העניק מירלאַס, אַ מאַן איבער די זעכציקער, וועמענס עלטער האָט אים נישט דערלויבט מער צו לערנען אין די מיטל־שולן, האָט גענומען אַרבעט אין צוויי חדרים, ביי קאַפּלאַן־קאַרנפעלדן און ביי באַרנשטיינען אויף טוואַרדע פינף. אַ גרויסער וויצלער, תמיד מיט אַ געלעכטער און מיט אַ גוט וואָרט, האָט מירלאַס גלייך ביים ערשטן צוזאמענטרעף דעראָבערט זיינע נייע חדר־שילערס. זיין פוילישע שפּראַך איז געווען אַ געשליפענע, זיינע כלערליי דערציילונגען האָבן אונדז אַוועקגעפירט אין פאַנטאַסטישע וועלטן, די אויספלוגן מיט אים אין זאַאָלאָגישן גאָרטן אָדער צו דער ווייסל האָבן אונדז אזוי שטאַרק צו אים צוגעבונדן, אַז ווען ער איז אַוועק פון אונדז, ווען ער האָט צוליב אַ קראַנקהייט איבערגעריסן אויף אַ חודש זיין לערנען, האָבן מיר דערפילט אַ פוסטקייט אינעם חדר, וואָס האָט זיך אויסגעליידיקט פון אַ גוטן חבר און פריינט. שפּעטער איז ער ווידער צו אונדז געקומען און באַגלייט אונדזער קינדער־וועג ביזן לעצטן טאָג פון אונדזער חדר תקופה, ביזן מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די בלויע ווענט, מיט די „לאַפּעס״ און מיטן בעלפער־פּאַרל.

דער ליבלינג ביי די תלמידים איז געווען די יונגע לערערין בלומענ־טאַל, א סטודענטין פון פילאָלאָגיע אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. גע־שטאַמט האָט זי פון אַ קליין שטעטל נעבן וואַרשע, פונוואַנען זי איז אַראָפּ־געקומען דער עיקר לשם תורה און אויך צוליב קמח. די לערערין בלומענטאַל האָט געוווינט אויף שמאָלע מילע גאַס צוואַנציק, אין א קליין צימערל אַלס סובלאָקאַטאָרין, צוזאַמען מיט איר ברודער, אויך אַ סטודענט, וואָס האָט פאַרדינט מיט דערטיילן „לעקציעס" צו נגידישע אָבער טעמפּע קינדער. די לערערין בלומענטאַל האָט קיינמאָל נישט געשריען אויף די תלמידים, קיינמאָל זיך נישט געבייזערט אויף זיי, קיינעם נישט אָנגערירט אַפילו מיטן קלענסטן פינגער. זעלטן ווען זי האָט אַ לאַך געטאָן. איר טונקל־הויטיק, נישט שיין געזיכט, האָט געקוקט אויף אונדז מיט חברישער אָפנהאַרציקייט, מיט אַן ערנסטקייט, וואָס האָט די גרעסטע שטיפערס געצווונגען זיך צו באַרויקן און לערנען. די תלמידים פון די עלטערע קלאַסן, פון דער פערטער צי פינפטער מחלקה, פלעגן איר דערציילן זייערע דאגות, זייער עגמת־נפש און זי, די יונגע, ערנסטע שילער־חברטע, האָט געהאַט צוגעגרייט אַלעמאָל פאַר זיי אַן עצה, אַן אָנווייזונג, א מוסר־וואָרט. אָנגעטאָן איז זי געווען זייער אָרעם, איר שטובן־שטאַנד איז געווען ביז גאָר אַן איינפאַכער און איר גאַנצע באַנעמונג איז געווען צוריקגעהאַלטן, געצוימט. מיר תלמידים האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויף דער לערערין בלומענטאַל לאַסטן שווערע זאָרגן. וועגן דעם האָבן דערציילט די קנייטשן אויף איר ברייטן, יונגן שטערן. קיינער אָבער פון אונדז האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט אריינצודרינגען אין איר סודותפול לעבן. פאַרמאַכט איז זי געווען ווי די אַקטן־טאַש אירע, וואָס האָט זיך קיינמאָל פאַר אונדז נישט געעפנט. א האַרציקע לערערקע, אַ געטרייער חבר צו די תלמידים, אַן אומגליקלעכע פערזאָן — די פאַרהאַ־מערטע אין זיך לערערין פון דער שמאָלע מילע גאַס.

און די אַנדערע לערערס און מלמדים, וועמענס נעמען ס'זיינען שוין פון לאַנג ארויס פון זכרון; די איבערגעגעבענע דערציערס, וואָס האָבן אינ־דערהיים געהונגערט און אין חדר אויסגעטרוקנט זיך דעם האַלדז ביים קנעלן מיט די שילערס; די אומגליקלעכע מחנכים, וואָס האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיסיע פון אויפשטעלן א דור יידישע יוגנט, פון אויסקנעטן כאַראַקטערן און גייסטער אין זין פון יידישער טראַדיציאָנעלקייט; די מוטיקע פאַרטיידיקערס פון יידישן וויסן, וואָס האָבן געוואָרפן בעסערע פאַרדינסטן, וואָס זיינען אויסגעלאַכט געוואָרן פון די שילערס און טראָץ דעם געלערנט מיט זיי, געקאָוועט זייער מענטאַליטעט, געצוימט דאָס שלעכטס אין זיי, געפלאַסטערט זייער לעבנס־וועג — צי איז זייער אַרבעט, זייער טרחה גע־גאַנגען לאיבוד? —

יאָרן זײַנען געגאַנגען, געלאָפן, געפלױגן ממש. די אַלטקײט האָט קאַפּ־לאָנגען אײַנגעשפּאַנט אין בעט אַרײַן און נאָך אַ האַלבן יאָר איז ער אַװעק אױפן עולם האמת. זײַן פּלאַץ האָט פאַרנומען דער ייִנגערער זון, װאָס האָט צוזאַמען מיט קאָרנפעלדן װײַטער געפירט דאָס חדר אױף גנאַנצע אײנס. שפּעטער האָט מען זיך צעטײלט — קאָרנפעלד האָט אױסגעצאָלט דעם יונגן קאַפּלאָנען אַ געהעריקן סכום און אַלײן פאַרבליבן בעל־הבית פונעם מאָ־דערנעם חדר. און נאָך שפּעטער האָט קאָרנפעלד געמוזט פאַרקלענערן זײַן אַנשטאַלט. ער איז אַװעק אױף מאַריאַנסקע גאַס אין אַ דרײַ־צימערדיקן לאָקאַל און דאָרט קאָנטינוירט זײַן צװײטע פּראָפעסיע. פון מאַריאַנסקע האָט ער זיך איבערגעטראָגן אױף נאָװאָליפּקי און ביז דער צװײטער װעלט־מלחמה געלערנט מיט קינדער תורה און אַלגעמײן װיסן.

*

אײן בלעטל פון דער רומרײַכער געשיכטע — װאַרשעװער חדרים; אײן בלעטל פון אַ פאַרהײליקט ספר, װאָס איז פאַרברענט געװאָרן אױפן היטלע־ריסטישן שײַטער־הױפן.

ייִדישע חדרים אינעם אַמאָליקן װאַרשע, אינעם אַמאָליקן פּױלן — אַן ענד־סטאַציע פון אַ פּובלוטיקער ייִדישער תקופה, אַ שוץ־מױער קעגן אַסימילאַציע, קעגן עם־הארצות; אַ ברײט פעלד אױף װעלכן ס'זײַנען אױס־געװאַקסן מכל־המינים געװיקסן, װאָס האָבן באַלעבט און מחיה געװעזן דעם גלות'דיקן שטײגער לעבן פון אַן אױסגעװאַרצלט פאָלק.

דערמאָנענדיק אָט יענע קינדער־יאָרן, דערמאָנענדיק די חדר־צײַט, װילסטו לױפן, לױפן זײער לאַנג און װײַט, לױפן און געפינען דײַנע אַמאָליקע מלמדים און קושן די האַנט, װאָס האָט דיך געשלאָגן, קושן די „ליניע", װאָס האָט דיר אָראָפּגעלאָזט „לאַפּעס", אַרומנעמען זײערע געשטאַלטן און לאַנג, לאַנג זײ צו זיך טוליען; װילסט אַהין צום חדר, אַנידערפאַלן אױפן דיל, אױף װעלכן ס'זײַנען געשטאַנען די בענק, אױף װעלכן ס'זײַנען אַרומ־געגאַנגען דײַנע חברים און די דערציִערס, דער בײזער ר' שמעון און די גוטע, הימלישע בלומענטאַל, און באַגיסן דעם דיל מיט טרערן, מיט שטראָ־מען טרערן פון אײנעם אַן איבערגעבליבענעם, װײַל מוזט װײנען פאַר אַלע, װײַל מער װי אײנער איז פונעם טומלדיקן, רױשיקן מיט תורה אָפּהילכנדיקן חדר אױף גנאַנצע אײנס קײנער נישט פאַרבליבן.

---

## הערשעלע הײמלאָזער מיט זײַן קאָמפּאַניע

ווי אַ קינד אַ שטיפער, ווי אַ קונדס אין אַן אומעטיקער, פאַרצערטער משפּחה, אַזוי האָט דער טרעגער הערשעלע, וועמען מען האָט נאָכן "פינפטן יאָר" אַ נאָמען געגעבן "היימלאָזער", ארומגערודערט אויף דער גנאַינע גאַס מיט זיינע שפּיצלעך און קאַטאַוועסלעך, גלייכווערטלעך און קרומווערטלעך, וואָס האָבן שוין גאַרנישט געהאַט צו טאָן מיט גראַדקייט און אנשטענדיקייט און זיינען ווייט געווען אפילו פון יעדער מין אָרנטלעכקייט.

פאַרוואָס אַלע אַן אויסנאָם האָבן אים גערופן "היימלאָזער" האָט קיינער נישט געוווּסט. און ס'איז אויסגעקומען זייער מאָדנע און פאַר קיינעם נישט פאַרשטענדלעך וואָס דער דאָזיקער יונגאַטש מיט ביינער, וועלכער האָט פאַרלייגט פאַר זיך אַ בעטאָן־אייזערנע היים אויפן גנאַינעם ברוק, אַז גראַד דער גביר אין אונטערוועלטישע היילן און פּאַלאַצן, האָט זיך באַצירט און נישט קעגנגעשטעלט זיך אָט דעם וואַנדערנדיקן צונאָמען. ווייל ווהין הערשעלע איז נאָר אריינגעקומען, איז ער געווען ביי זיך אין שטוב. ביים קאָזשעניצער רבי'ן האָט ער זיך געשטופּט צום אויבן־אָן און איז געווען כמעט ווי אַ טיש־פירער. מיט די גבירים פונעם געסל איז ער געווען אַ גאַנצער "לאָקשן מיט פערפעלעך" און געמאַכט מיט זיי נישקשה'דיקע כוסות אויף "ברודער־שאַפט" און זיי, די עשירים, האָבן עס געמוזט אָננעמען אַלס די טייערסטע מטבע און כבוד, ווייל אין קעגנפאַל, ווען זיי האָבן חלילה באַוויזן הערשלען אַ גלייכגילטיקייט־שטריך אויפן געזיכט ,איז געווען צו זיי אָך־און־ווי. די סוחרים, און ספּעציעל די פּראָווינצער, וואָס פלעגן קומען נאָך וואַרשע איינקויפן סחורות, זיינען געלעגן אונטער זיין פּיאַטע און ער גאָר האָט זיי דיקטירט דעם פלאַן פון זייער פאַריאָכמעטן טאָג. די פּרויען, די טעכטער פון דער גנאַינער אונטערוועלט, זיינען ממש אויסגעגאַנגען נאָך זיינס אַ

קוק אָדער אַ שמייכל, ווען ער האָט ברייט צעעפנט ס׳מויל, באַווייזנדיק מיט גאווה פאַר זיינע פאַרהערערינס די גאָלדענע ציין, דעם שטאָלץ פונעם הימלאַזן מאַגנאַט. די גאַנצע גאַס איז געווען זיין נעסט, זיין היים, ווו ער האָט זיך געפירט ווי אַ ברייטער און באַפעלערישער באַלעבאָס. צו אים האָבן געהערט די מענטשן, די מויערן, די שטיינער אויפן ברוק — אַלץ איז געווען זיינס, אַלץ איז ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר אים. האָט קיינער טאָקע נישט פאַרשטאַנען פונוואַנען ס׳נעמט זיך צו הערשלען אַזאַ שילד.

נישט פאַרשטאַנען, אָבער דאָך אים אַזוי גערופן.

דעם נאָמען פון זיין ווייב און זיינע פיר זין האָט קיינער נישט געקאַנט.

— דעם הימלאַזערס יידענע, דעם הימלאַזערס ממזרים — האָט מען גערופן זיין לעבנס־באַגלייטערין און זיינע פיר יונגעביימער, וואָס זיינען שנעל אויסגעוואַקסן צולהכעיס אַלעמען.

הערשעלע הימלאַזער איז געווען דער קעניג פון די פלייצע־טרעגערס אויף גנאַינע דריי. אַנדערע האָבן געשלעפּט די קאַסטנס אָדער זעק אויף האַנט־וועגעלעך צי אויף פּלאַטפאָרמעס און ער, הערשעלע, האָט זיי אַרויפגעוואָרפן אויף די אייגענע פּלייצעס און צוגעשטעלט זיי צום באַשטימונגס־אָרט. געווען איז ער אַ ריז ממש. הויך, ברייט־פּלייציק, מיט אַ רעגולער צוזאַמענגעשטעלט פּנים, וואָס האָט תמיד געשטראַלט מיט געלעכטער און רייץ. זיינע צוויי שוואַרצע אויגן, די שוואַרץ־זילבערנע האָר, די גריכישע נאָז האָבן צעבראַכן נישט איין פרויען האַרץ. ווען מ׳טוט אויס הערשלען פון זיינע טרעגער־בגדים און מען באַצירט זיין קערפּער מיט אַן אַלטער־טימלעכער טאָגע, וואָלט זיך באַקומען אַ בילד פון די אור־אַלטע רוימישע צי גריכישע שיינהייטס־געטער, וועלכע האָבן אַזוי מיסטעריעז צעשפּילט די ליבעס־פאַנטאַזיע ביים שיינעם מין פון אַלע צייטן און קאָנטינענטן. הערשעלע האָט זייער גוט געקאַנט זיינע מעלות. ער האָט דערפון געוווסט און דעריבער האָט ער געשפּרייזט מיט שטאָלץ און אַנגעבלאָזנקייט, וואָרפנדיק צום טאַקט פון זיין טראַט די אויסגעפּראַצעוועטע הענט און שטעלנדיק קעניגלעכע טריט וואָס ווילן נישט אָנרירן די וואַכעדיקייט פון דער ערד. הערשעלע איז קיינמאָל נישט געלאָפן, קיינמאָל נישט געיאָגט זיך, אַלעמאָל געהאַט צייט, אַלעמאָל געווען געדולדיק און רויק. די דאָזיקע רויקייט זיינע האָט אים צוגעגעבן מער ערנסטקייט און באַלעבאַטישקייט, כאָטש מיט די דערמאָנטע צוויי אייגנשאַפטן האָט ער בכלל נישט געהאַט קיין שום שייכות.

— קראַנק זיינען זיי צו וואַרטן די פּראַמייערס, די פּראָווינצער קרופּניקעס און כאַלופּניקעס. פאַר ווען, אמשר פאַר זיי גאָר זאָל איך מיר

רירן מיין האַרץ? — אַ קרענק זיי אין בויך. איך האָב צייט, כ׳האָב אויף זיי לענגער געוואַרט, אויף די פאַרשטינקענע פיש פונעם פאַרסאַרכעטן וואַסער. טפו זאָלן זיי ווערן, זאָלן זיי זיין א כפרה פאַר מיר, פאַר מיין יידענע און פאַר מיין קליינוואַרג!

און ווען הערשעלע האָט ארויסגעבראַכט דעם דאַזיקן גאָלדענעם זאַץ פון צווישן זיינע גאָלדענע ציין, האָבן די סוחרים געשוויגן. קיינער פון זיי האָט נישט געוואגט אַרויסצוזאָגן אין יענער הייסער מינוט כאָטש אַ וואָרט, ווייל באַלד וואָלט זיי אַרומגעכאַפּט אַ שרפה פון ווערטער, וואָס וואָלט זיי נאָכגעיאָגט ביז אין דער צווייטער גאַס אריין. אָבער קיין כעס האָבן זיי אויף אים אויך נישט געטראָגן. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז הערשעלע וויל גאָרנישט זיי זאָלן באַקומען „אַ קרענק אין בויך״, ווייל פונוואַנען און פון וואָס וואָלט ער דערנערט זיינע בני־בית. ס׳איז געווען ביי אים אַזאַ מין פזמון, א סאָרט „יעמוד״, אָדער אַ שלום־עליכם פון רבי׳ן, מיט דעם חלוק נאָר, וואָס אין דעם פאַל איז דער רבי געווען ער אליין — הערשעלע היימ־לאַזער — הייסט עס, דער קעניג פון די פלייצע־טרעגערס אויף גנאַינע דריי. און דער זכרון דערמאָנט עפּעס נישט, אַז ווער נישט איז זאָל זיך האָבן ארומגעטראָגן אויף אים מיט אַ שווער האַרץ. מנשה׳ן דעם פּיוויאַרניק האָט ער געציפּט ס׳בערד׳ל, איז יענער אָנגעפּילט געוואָרן מיט אויפּריכ־טיקער פרייד. צו סטודניבאָרעק׳ן אין קראָם אַריין האָט הערשל ארייגגע־שליידערט בגנבה א טויטן שטשור, איז דער פעדערן־סוחר ארויס אויפן הויף מיט טענות און יללות, דערוויסנדיק זיך אָבער, אַז דער שליח פון דער „מתנה״ איז דער היימלאַזער, האָט ער זיך גלייך אויפן אָרט צעלאַכט, פאַרגעסן דעם חטא און באַשאָטן הערשלען מיט מוסר־רייד: „אוי הערשל, הערשל, אַ יונג אין די יאָרן און שכל האָט עס ווי אַ ראַצער״. נישט געווען קיין איין פראַווינצער סוחר, ווען־כער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף גנאַינע דריי, וואָס איז נישט דעקאָרירט געוואָרן דורך הערשלען מיט אַ פאַראיילצטן הערינג, מיט זויער קרויט, מיט עפּעס א שמאַטע אויף די פלייצעס. דער עולם האָט זיך ממש צעשאָטן פון געלעכטער, אַפילו די „סטאַטעטשנע״ יידן האָבן געכיכקעט, זעענדיקט אויף די פלייצעס פון אַ „פראָווינציאַל״ אַ הענגנדיקן הערינג. דער קרבן ווידער האָט בשום אופן נישט פאַרשטאַנען הלמאַי יידן נעמט עס צום לאַכן אין אַזעלכע גאַליקע, אַנטיסעמיטישע צייטן. דער גע־ליטענער האָט זיך געבייזערט, אלעמען געמוסר׳ט און דאָרט, אַנטקעגן אים, איז הערשעלע היימלאַזער געשטאַנען בראש פון אַן עדה יידן און דיריגירט מיט זיין לאַכנדיקן כאָר. און הערשעלע האָט נישט געהערט צו יענעם מין דיריגענטן, וואָס באַוועגן בלויז מיט די הענט און דערמיט ענדיקט זיך

זייער פונקציע. אַ ניין! ער איז אויך געווען די ערשטע פידל, דער קינסט־לער בן קינסטלער פון זיין חברותא. ער האָט דאָס אָנגעהויבן די לאַך־סימפּאָניע מיט אַ קרעפּטיקער תקיעה־גדולה און זיין קלינגנדיק־לאַכנדיקע שטימע האָט ווי אַ כשוף־שטעקעלע געפירט די עדה, וואָס אלע צוזאַמען פון איר האָבן זי נישט באַוויזן צו באַזיגן, איבערשרייען זייער ראש. מ׳פלעגט זאָגן אויף דער גנאָינע גאַס: ווען הערשעלע לאַכט, לאַכן מיט אים מיט די הימלען, אַפילו דער שטן בייט זיין פאַרכמורעט פּנים. אין זיין געלעכ־טער האָט געשטעקט אַ צוציונגס־קראַפט, וואָס האָט געלאָקט און באַאיינ־פלוסט.

הערשעלע היימלאָזער האָט מיט זיינע פּלייצעס באַדינט די סוחרים פון גנאָינע דריי און אויך די אַלע, וואָס זיינען דאָרט אריינגעקומען איינקויפן סחורה אָדער אָפּשטעלן זייערע וועגענער. די גאַס איז שוין געלעגן אויסער די גרענעצן פון זיינע קאָמפּעטענצן. און פון דער גאַס, דאָס טרעגערישע חיל פון יענער זייט טויער, וואָס האָט געאַרבעט אויסערן הויף, האָט נישט געטאָרט אריינקומען „טראָגן״ אויף גנאָינע דריי. קיין שום האַנט האָט אַזאַ געזעץ נישט אָנגעשריבן, אָבער אין לויף פון יאָרן האָבן די באַדינגונגען, טרעגערישע אַנטוויקלונג און צעשטאָכענע לייבער געשאַפן דעם דאָזיקן צושטאַנד. אָפּגעהיטן האָבן די טרעגערס דעם קדש־קדשים זייערן פון ארבעטס־פאַרטיילונג ווי דער כהן־גדול זיין הייליקע עבודה אין בית־המקדש בימים ההם. הגם אויף דער גנאָינע גאַס האָט אַלמעכטיק רעגירט די טרעגער־„ספּולקע״ פון יאַנקעלע ערליך, דעם גנאָינעם עוג מלך־הבשן, וואָס איז געשטאַנען בראש פונעם „חסד של אמת״ און וועמענס זון איז אויסגעוואַקסן אַ פידלער־ווירטואָז. און הגם יאַנקעלען האָבן זיינע מעשים־טובים פאַרשאַפן פיל אָנערקענונג און סימפּאַטיע ביי אונדזער באַפעלקערונג, איז די גנאָינע דריי פאַרט פאַרבליבן הערשעלעס ציטאַדעל, וווהין די ערליכאָווצעס אפילו האָבן נישט געהאַט קיין דריסת־הרגל. די אלע סחורות, וואָס האָבן איבערגעטראָטן בלויז די שוועל פון נומער דריי האָבן שוין גע־הערט צום היימלאָזער און ארונטערגעפאַלן אונטער זיין קאָנטראָל.

גאַנצענע טעג, בעת די זומערדיקע היצן, איז הערשעלע אָפּגעזעסן אויף אַ קאַסטן ביים שוסטער־ביידל, וואָס האָט זיך געמאַטערט אונטער אַ פאַר־פוילטן דאַך הארט ביים טויער. דאָס איז געווען זיין אָבסערוואַציע־פּונקט, פונוואַנען ער האָט פּינקטלעך באַטראַכט די סחורות־באַוועגונג אויף זיין הויף. ער אַליין האָט כמעט ווי נישט געאַרבעט זייט דעמלט, ווען דער „פעל־טשער״ מיכאַלסקי פון דער טוואַרדע גאַס האָט מיט זיך פאַרטויבטער שמועה אויסגעפונען אַ צו האַסטיקן הארץ־קלאַפּ ביי אַט דעם דאָזיקן טרע־

גערישן פֿאַרזאָרגער. געהאַט האָט ער נאָך צו זיך דריי שותּפים און אומצאָ־ליקע משרתים, וואָס האָבן פֿאַרדינט ביי אים א צוואַנציק ביז דרייסיק גראָשן טעגלעך, אַרבעטנדיק אויף „שטיק". זייער גורל איז געווען אַ ביטערער, ווייל נישט יעדן טאָג האָט זיך געמאַכט א סך אַרבעט ס׳זאָל אויך פֿאַר זיי עפּעס בלייבן און פֿאַר נישט־טראָגן האָט הערשעלע נישט געצאָלט. האָבן זיי טאַקע אין די פֿרייע מינוטן פֿאַרנומען זיך מיט גנבֿה, מיט „דע־טאַליטשנעם" אָפּפּאַלעכץ נאָך די גנבֿים־הורטאָווניקעס.

הערשל אַליין האָט אויפגעמאַנט ביי די סוחרים דעם באַטרעף פֿאַרן טראָגן, געשלאָסן נייע טראַנזאַקציעס און געזידלט און טעראָריזירט ווידער־שפּעניקע, וואָס האָבן געהאַט די חוצפּה מיט אים זיך צו דינגען. אויסער דער דערמאָנטער ריין פּראָפֿעסיאָנעלער באַשעפֿטיקונג, האָט הערשעלע פֿאַרנומען אַן ערן־אַמט אַלס בורר אין כלערליי געשלעגן, גנבֿות אָדער אין אַנדערע מיני סכסוכים. און דין־תּורות ווי אויך געשלעגן זיינען אויף דער גנאַינע גאַס פֿאָרגעקומען יעדן טאָג, עטלעכע מאָל טעגלעך. בעת די שטרייטן איז הערשעלע געשטאַנען אָדער געזעסן אינדערמיט פֿונעם ראָד פֿאַראינטערעסירטע, אויסהערנדיק די טענות פֿון ביידע צדדים, דערווייל, בינו לבינו, האָט ער אריינגעכאַפּט א זופּ ביר, א גלעזעלע ביינציקער, אַלץ אויפֿן רעכענונג פֿון די „זייטן". ווען די שטרייטנדיקע האָבן זיך באַרויקט, האָט הערשעלע אַנגעפאַנגען זיין ריכטערישע דרשה, וואָס האָט זיך געווייקט אין געבלימלטע אויסדרוקן פֿון אונטערוועלטישן לעקסיקאָן. פּאַסירט האָט אויך נישט זעלטן, אַז איינער פֿון די שטרייטערס איז דורך הערשלען גלייך ביים אָנהויב געשטעמפּלט געוואָרן אַלס „בליאַד". דעמלט האָט הערשעלעס מויל געשוויגן און גערעדט האָבן זיינע הענט אָדער אַן אַרטשיק פֿון אַ פֿלאַטפֿאָרמע. נאָך דער דין־תּורה האָט דער שולדיקער געמוזט אָוועקפֿירן דעם גנאַינעם דיין צו מנשה׳ן אין שענק אריין און „שטעלן" אַ ביטערן טראָפּן און אַ פֿאַרבייסעכץ צום טראָפּן. אין יענע געהויבענע מאָמענטן האָט ער קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן אַן זיינע שותּפים און אויך זיי גערופֿן צו דער לוקולוסישער סעודה פֿון די טרעגערישע געטער אויף גנאַינע גאַס. ווי פֿון אַ פֿאַרסאַפּעטן לאָקאָמאָטיוו האָבן זיך געטראָגן וואָלקנס פּאַרע פֿון מנשה׳ס שענק. צום סוף פֿון דער סעודה האָט זיך דער עולם אַזוי שטאַרק אויפֿן גאַנצן קול צעזונגען, אַז די ציווילע קונים האָבן געמוזט שנעל פֿאַרלאָזן דאָס מקום פֿון דין און צדק.

עס איז געווען בימי ווען די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ", דער אָרגאַן פֿון דער ענדעקיש־אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי, האָט געגאָסן גאַנצע עמערס פֿאַ־מיעס און שמוץ אויף די קעפּ פֿון די פּוילישע יידן. אַדאָלף נאָוואַטשינסקי,

א גלענצנדיקער זשורנאַליסט און א נאָך מער גלענצנדיקער און פּרומער יידן־האסער, האָט טאָג־טעגלעך געפּאַשעט זיינע הייליקע שעפעלעך מיט פּארסמטע מאַכלים, וואָס זייער הויפּט־סובסטאַנץ איז באַשטאַנען פון שנאה צום ייד, פון ארויסשטויסן דעם יידישן בירגער פון אַלע זיינע ווירטשאַפט־לעכע און אוודאי פון די קולטור־פּאָזיציעס. און הגם דער פּוילישער אַדאָלף האָט געצויגן זיין שורש פון יידישן שטאַם, איז דער „פּגם" לחלוטין פאַר אים נישט געווען קיין שטער אָנצופירן עפנטלעך דעם קאַמף קעגן זיינע אַמאָליקע ברידער. שליסלעך איז ארויסגעקומען אַ דור פאַר וועמען נאָוואַ־טשינסקי'ס רעצעפּטן זיינען געווען ווייניק ווירקנדיקע און די, זיינע אַמאָליקע תלמידים, האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער מוטער־שויס, פון דער ענדעקישער פּאַרטיי, און געשאַפן א נייע אָרגאַניזאַציע מיטן איינציקן ציל צו באַקעמפן פיזיש יידן אומעטום, ווו מ'האָט זיי נאָר אָנגעטראָפן. ס'איז געבוירן געוואָרן דער ענדעקישער ממזר, די „נאָרא", וועמענס הייליקסטער אַלף־בית איז געווען — שלאָגן יידן, פּיקעטירן יידישע געשעפטן און צווינגען זיי זיך צו שליסן. איבער די וואַרשעווער גאַסן האָט זיך א לאָז געטאָן אַ כוואַליע פון פּוילישע פּאָגראָמטשיקעס און ווו נאָר מ'האָט אָנגע־טראָפן א ייד, האָט מען אים מערדערלעך און אומרחמנותדיק געקאַטעוועט. אויף די הויך־שולן זיינען די „נאָרא"־לייט געווען די איניציאַטאָרן פון אַ געטאָ. די יידישע געשעפטן אויף מאַרשאַלקאָווסקע, שווענטאָקזשיסקע און נייע־וועלט האָבן באַקומען אומזיסטיקע שומרים, וואָס האָבן נישט אַריינגעלאָזט קיין קריסטלעכע קונים. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פּוילישע אַנטיסעמיטן האָבן ספּעציעל געדונגען אונטערוועלטניקעס פון וואָליע און אָכאָטע, געשאַפן פון זיי פּאָגראָם־בריגאַדעס און אין אַ סאַ־דיסטישן מאַרש געגאַנגען אויף די יידישע קוואַרטאַלן. ס'זיינען מיט אַ געקלאַנג געפלויגן שויבן פון יידישע געשעפטן; יידן זיינען מורא'דיק צע־שלאָגן געוואָרן; מ'האָט געריסן בערד, געשפּאָלטן קעפּ — און קיין פּאָ־ליציאַנט, דעם היטער פון אָרדענונג און רו, האָט מען ארום נישט געזען. „אָושעם", אדרבה, איז געווען דער ענטפער פון דער עפנטלעכער מיי־נונג און אפילו פון די מלוכה־ארגאַנען אויף די אינטערווענצן פון יידישע מנהיגים. דאָס פּוילישע פאָלק האָט שטאָלצירט מיט דער רויבער־טוגענד פון זייערע מערדעריש־שלאַכציצקע „כלאָפּצעס".

אין איינעם א טאָג האָבן זיך יידן פון גנאַינע גאַס דערוווּסט, אַז אין דער ריכטונג פונעם „פּאַרן אייזערנעם טויער" רוקט זיך א „נאָרא"־באַנדע. מ'האָט אויף שנעל פאַרמאַכט די געוועלבער, פאַרקלאַפּט די טויערן פון די הייזער און מיט ציטערניש געוואַרט אויפן אָנקום פון די סטודענטישע

פּאָגראָם־העצערס. הערשעלע היימלאָזער האָט בשום אופן נישט געקאָנט מסכים זיין מיטן געדאַנק, אַז די „שקצים" וועלן האָבן די העזה איבער־צוטרעטן די גרענעץ פון זיין הערשאַפטס־געביט. ער האָט צונויפגענומען אַלע זיינע משרתים און נאָך אַנדערע סתם שטאַרקע יונגען, באַוואָפנט זיי מיט מעסערס, „שפּאַדרינקעס", אָרטשיקעס און אייזערנע דרענגער און אַרויס צו דער גזשיבאָווסקע באַגעגענען די „טייערע" געסט. ווען די פּוילישע באַנדע איז אָנגעקומען, האָט זיך הערשעלעס חבורה אַ וואָרף געטאָן אויף איר און אָנגעהויבן מערדערלעך ממיתן די העלדן פון סטאַניסלאַוו פּיאַסעצקי'ס חדר, דעם רעדאַקטאָר פון „ליטעראַרישן" און העצערישן וואָכנשריפט „פּראָסטאָ ז' מאָסטו". הערשעלע איז אַריין אין די ערשטע פּאָזיציעס פון געשלעג און איז פאַרבליבן די גאַנצע צייט אין עו־שטן פייער ווי אַ העלדישער קאָמענדאַנט, וואָס שטויסט זיינע אונטערטעניקע צו גבורה־טאַטן, אַרויס־שטעלנדיק אַלס ביישפּיל זיין אייגענעם מוט און גבורה. קיין איין ייד איז אין יענעם געשלעג נישט פאַרלעצט געוואָרן. די „פּאַגאַטאָוויע", וואָס איז גערופן געוואָרן נאָכן אַנטיסעמיטישן איבערפאַל, ווען די יידן זיינען צוריק אַוועק צו זייער אַרבעט, האָט צוגענומען איבער א צענדליק פּוילישע העלדן...

צומאָרגנס האָט הערשעלע היימלאָזער און זיינע משרתים געטראָגן אויף די קעפּ די סטודענטישע היטלעך, וואָס זיינען איבערגעבליבן אויפן שלאַכט־פעלד. דאָס איז געווען דער שכר פאַר זיין ווידערשטאַנדס־אַקציע, וועלכע האָט צעטראָגן זיין נאָמען איבער די יידישע הייזער אין וואַרשע. זייט דעמלט האָבן די פּוילישע אוואַנטוריסטן געציטערט ממש אדורכצוגיין בלויז ס'גנאַינע געסל. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מער נישט פּאַסירט, אַז די גאַס, ס'גנאַינע געסל, און אַלע אַרומיקע גאַסן זאָלן ווערן א ציל־ברעט פון כוליגאַנישע איבערפאַלן.

זייט דעמלט איז דער נאָמען הערשעלע היימלאָזער איינגעוויקלט גע־וואָרן אין א שלייער פון גבורה און לעגענדאַרן מוט. וואַרשע האָט געוווּסט, אַז אויף דער גנאַינע גאַס לעבט אַ ייד, טאַקע אַ פּראָסטער בשר ודם, וועלכער האָט אָבער איינגעשריבן א רומפול קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן וואַרשע. געוועזן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אים פאַרגליכן מיט די יידישע דיפּלאָמאַטן, מיט יידישע פּאַרלאַמענטאַריער און... אַפילו העכער געשטעלט זיינע לייסטונגען פאַר דער יידישער זאַך פון זייערע. זיי — האָבן געטענה'ט הערשעלעס חסידים — אונדזערע „פּאָסלעס" און סענאַטאָרן באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער סיים־טריבונע, זיי ציי־ען איבער די פּוילישע פּי־רערס, אַז עס קאָן אַזוי ווייטער נישט גיין, און ער, הערשעלע, רעדט צום

פוילישן פאָלק מיט די אמשטאַרקסטן איבערצייגנדיקע אים ארגומענטן, מיט דער פויסט, מיט דער שפּאַדרינקע. הערשעלע היימלאָזער איז געוואָרן אַ לעגענדע פונעם „פאַרן אייזערנעם טויער".

אַזאַ לעבנס־שטייגער האָט הערשעלע געפירט זייט יאָרן. ויהי היום און הערשעלע דערשיינט אויף גנאַינע דריי מיטן ווייב און קינדער, מיטן בעטגעוואַנט און מעבל, מיטן געשיר און קליידער, מיט איין וואָרט — ער האָט פאַרלאָזט זיין הויז אויף דער טוואַרדע גאַס און זיך אַריבערגעפעקלט דאָ אַהער, אויף גנאַינע דריי. הערשעלע האָט נאָך פון פריער געוווּסט, אַז די אלמנה פון דער פּאַציאַטע אין דער פראַנט געביידע ציט זיך אַרויס, האָט ער געלויערט אויפן פּאַסיקן מאָמענט אריינצוציען זיך אין דער פאַרלאָזטער וווינונג אין דער דערלויבעניש פון ר' לייזער וואַרשאַווסקי, דעם באַלעבאָס פונעם הויז. ס'איז אַנטשטאַנען אַ וויסטער טומל, אַ צאַנקערײַ צווישן הער־שעלען און ר' לייזערן, וועלכער האָט שוין געהאַט פאַרדונגען די וווינונג. הערשל האָט דעם שטרייט פאַרענדיקט מיט איין פּסוק, מיט אַ קורצן זאָץ:

— ר' לייזער, די פּראַ זאָל מאַ אַזוי דינען ווי כ'שאַנעווע אַך, נאָר טאָמער וועט איר זיין אַ ייד אַן עקשן, שווער איך מיך ביי מיין מאַמען אין קבֿר, אַז איר וועט גלייך דאָ אויפן אָרט פאַרלירן די באָרד מיט די ציין און מיטן געזונט אלס צילונג. דבר'ט נישט קיין סך און געט אַהער די שליסלען צו דער בודע.

און ווייל ר' לייזער האָט גאָר שטאַרק אָפּגעהיטן זיין באָרד און נאָך מער זיין שוואַך געזונט, האָט ער גלייך דערלאַנגט הערשלען די שליסלען צו דער פּאַציאַטע און דערמיט געשלאָסן אַ פריינדשאַפטס־בונד מיטן „גע־פערלעכן הערשעלע".

זייט יענעם טאָג איז הערשעלע נאָך מער אריינגעדרונגען אינעם לעבן פון גנאַינע דריי. ער האָט אכטונג געגעבן, אַז אויפן הויף זאָלן נישט פאַר־קומען קיין גנבֿות; אַז די יאַטן זאָלן זיך נישט ארומשלאָגן; אַז דער אַלטער סטאַראַזש יאַן זאָל נישט שלאָגן די קינדער און בכלל זאָל אויפן הויף הערשן רו און אָרדענונג. הערשעלע איז געוואָרן דער עמוד־האש פון גנאַינע דריי. ער האָט געפירט דעם הויף מיט אַ פעסטער האַנט, זיכער און שטאָלץ, איבער דעם פאַרוויסטעטן און פאַרפּיַנצטערטן יידישן לעבן במדינת וואַרשע.

*

הערשעלעס „ספּולקע" איז באַשטאַנען פון פיר אַקציאָנערן, אָדער ווי מ'האָט זיי נאָך אַנדערש גערופן — די ארבעה בנים פון גנאַינע דריי, הגם

טפשים און רשעים האָבן זיך ביי זיי נישט געפונען. בייטאָג פלעגן זיי אַרבעטן און שפּעט ביינאַכט פלעגן זיי אַריינגיין צו מנשה'ן אין שענק אַריין און ערלעך פאַרטיילן צווישן זיך דעם טעגלעכן פאַרדינסט. די קאַסע האָט געהאַלטן הערשעלע, אַלס ערשטער און עלטסטער פון דער אונטער־נעמונג. ביים פונאַנדערטיילן ס'געלד האָט אויפן טיש געמוזט שטיין אַ „פלעשל'', אַ טעלער מיט לעבערלעך און ציבעלעס, אַ גרויס ברויט, וואָס דאָס אַלץ צוזאַמען האָט פאַרלייכטערט די ב׳כאַלטערישע אויסגלייכונג פון זייער שותפות. דער טאָן־געבער איז אַלעמאָל געווען הערשעלע. זיין וואָרט איז פאַר די שותפים געווען ווי די לוחות־הברית פאַרן יידישן פאָלק. דער צווייטער לויט דער רייע איז געשטאַנען אברהם פעלטע, דער דריטער — דוד טשצינע און דער פערטער — נאָטע הו״קער.

*

דער צווייטער שותף, אברהם פעלטע, איז טאַקע געווען נישט מער ווי אַ פעלטע, ווי אַן אומגעלומפּערטע חיה, וועלכע לעבט אויף גאָטס וועלט נאָר בכדי צו עסן, שלאָפן און שלעפּן משאות. שטאַרק איז דאָס געווען ווי אייזן. ווען ר' לייזער וואָלט אים דערלויבט, איז ער גרייט געווען אַ כאַפּ צו טאָן דאָס גאַנצע הויז אויף זיינע שטאַלענע פּלייצעס און אַוועקטראָגן עס ווער ווייסט וווהין. געגאַנגען איז ער ווי אַ בער, געאַרבעט ווי אַן אייזל, גע־שלאָפן ווי אַ שכור נאָך אַ כוסה און געגעסן ווי אַ פערד, ווי אַ קו, ווי אַ גאַנצע שטאַל מיט קי. אַ מאָגן האָט אברהם ג'האַט ווי אַ נישט־דערגרונטעט־וועטער ים, וואָס איז ביכולת איינצושלינגען ריזיקע שיפן מיט הערינג, ברויט, קאַרטאָפל מיט געריישערטע ציבעלעס. נישט עפּעס אַנדערש — ווייל נאָך די דאַזיקע מאכלים איז אברהם ממש אויסגעגאַנגען. פאַר איין גראָשן איז ער גרייט געווען צו שיקן אַ מבול אויף דער וועלט נישט מחמת זיין קמצנות, נאָר ווייל ער האָט מורא געהאַט ס'זאָל אים חלילה נישט צופעלן אַ פרוטה צו אַ ברויט אָדער צו אַ געזאַלצערנעם הערינג.

געהאַט האָט אברהם אַ ווייב מיט אַ קינד, אַ מיידעלע, וועלכעס איז אויסגעוואַקסן אַזוי איידל און צאַרט ווי אַ וואַסער־ליליע. מענטשן האָבן חושד געווען, אַז ס'קינד שטאַמט נישט פון אים, ווייל ווי קומט צו אַזאַ פיר־קאַנטיק באַשעפעניש אזא צאַצקע.

יעדן טאָג, מיטיק־צייט, איז אברהם'ס ווייב געקומען מיט אַ גרויסן טאָפּ, ממש אַן עמער, געקעכץ, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפּאַרעט קאַרטאָפל, גרויסע קליסקעס, אַ סךביינער, קאָפּערעק און פאַרשמאַלצן וואַסער. האָט

זיך אברהם אוועקגעזעצט אויף די שטיגן, אריינגענומען דעם טאָפּ צווישן די פיס, אַ כאַפּ געטאָן אין האַנט אריין דעם הילצערנעם לעפל און גענומען כליופּען די זופּ, אַז די שכנים זיינען שיעור נישט פאַרהילכט געוואָרן. פונעם טאָפּ האָט זיך געטראָגן א ריח פון ניחוח־אָרעמקייט צונויפגעמישט מיט זשאווער פונעם אייזן־געגאָסענעם טאָפּ, אָבער אברהמען האָט עס לגמרי נישט געאַרט און נישט געשטערט אין זיין אכילה. נאָכן מיטיק האָט שוין אויף אים געוואַרט א קונה, וועלכן מ׳האָט געמוזט גלייך באַדינען. זיין ווייב האָט נעבעך געשאָקלט מיטן קאָפּ איבערן גורל פון איר טייערן:

— מיין אברהמשי, זיי לאָזן דיך נישט אָפּעסן, אַז עסן זאָלן זיי די ווערים. זע נאָר ווי דו זעסט אויס? — וואָס האָסטו דען היינט געגעסן מ׳שטיינס געזאָגט, וויניקער ווי נעכטן, אַז ברענען זאָלן זייערע מאָגנס ווי ס׳רייסט מיך ביי מיין האַרץ.

— גיי שוין אהיים ליבּטשע, כ׳וועל מאָ שוין באַדינאַכט אָפּנעמען.

ליבּטשע האָט געשטראַלט פון אַלע וואָרעמע טרייסט־ווערטער מצד איר אברהמשי. זי איז נאָך געשטאַנען עטלעכע מינוטן, נאָכגעקוקט איר טייערן מאַן און מיט אויסגעבענקטע אויגן באַוואָרפן דאָס בערן־געשטאַלט מיט בליקן פון אומגעצוימטער ליבע. שפּעטער איז זי אַ גליקלעכע אַוועק אַהיים און דאָרט זיכער געוואַרט אויף דער קומענדיקער נאַכט.

אַט אַ לעבן, אָבער וויפל פאַרבאָרגענע שיינקייט דאָס דאָזיקע לעבן האָט אין זיך געטראָגן?

*

דוד טשצינע איז גערעכנט געוואָרן פאַרן דריטן שותף אין דער „ספּולקע״. געטראָגן האָט ער אויפן קאָפּ א יידיש־פּויליש היטל הגם מיט פרומקייט איז ער געוועזן יאָרן־לאַנג אין קריג־צושטאַנד. דין און דאַר איז ער געוועזן ווי אַ טשצינע מיט וועלכע מ׳פּלעגט אין וואַרשע אויסקלאַפּן די אינערלעכע טיילן פון די מויערן. געהאַט האָט דוד אַ ווייב מיט צוויי טעכטער. די ערשטע איז געוועזן א מויד אין די יאָרן און מיאוס ווי א טויט מאַלפּעס. טראָץ דעם האָט זי דאָך געפונען ענדלעך איר באַשערטן, וועלכער האָט פאַרקויפט אין גאַס גלאָזוואַרג און יעדן אָוונט געמוזט אַוועקטראָגן צו אַן אַנדערער פּרוי אַ חלק פון זיינע פאַרדינסטן ביז ער האָט אויף תמיד פאַרלאָזט זיין ווייבל און פאַרפאַלן געוואָרן ווי א שטיין אין וואַסער. דוד׳ס טאָכטער איז צוריקגעקומען צו די עלטערן, שטאַרקער ווי פריער געמאָלן אירע לעדערנע באַקן און אין די פאַרנאַכטן פלעגט זי ארויסגיין פון הויף, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ בייסנדיקן גערוך פון ביליקע פאַרפיומען.

דוד׳ס צווייטע טאָכטער, גיטל, איז באַשאַנקען געוואָרן פון די הימלען מיט אנשטענדיקייט און באַחנטקייט. זי האָט גוט געזען די בראָך פון איר הויז און געוויטיקט איבערן זון־אונטערגאַנג ארום איר קרייז. נאָכן טויט פון איר פאָטער איז זי אַוועק ארבעטן אויף דער קראָכמאַלנע גאַס אין אַ רעסטאָראַן אַלס קעלנערין. זי פלעגט אהיים קומען שפעט ביינאַכט, האלטנדיק אין די הענט שיינע מתנות. זי האָט באַוויינט איר טראַגישע דאָליע, וואָס האָט זי געשטויסן אין די אָרעמס פון זנות.

דוד איז בשום אופן נישט געווען באַליבט ביי זיינע שותפים. קיינער האָט נישט געזען די סיבה פון דעם שטרייט, ווייל דוד איז געווען אַן ערלעכער און ארבעטזאַמער טרעגער. זייער אָפט פלעגט ער זיך קריגן מיט הערשלען, מיט די אַנדערע שותפים. ער פלעגט זיי חושד זיין, אַז זיי באַשווינדלען אים, אַז זיי נאַרן אים אָפּ. נאָך אַזאַ מין צעווערטלען זיך זיינען אַנטשטאַנען שלעגערייען פון וועלכע דוד איז אַלעמאָל ארויס אַ צעבלאָ־טיקטער. בעת איינעם פון די געשלעגן האָט דוד באַקומען אַ קלאַפּ מיט אַן אייזן אין קאָפּ אריין. זינט דעמלט איז ער אַראָפּ פון די רעלסן. ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן נאַרישקייטן, ער האָט אָפט בכוונה אויסגעשאָטן זעק מיט צוקער און קאַווע, ביז מען האָט אים געמוזט אַוועקפירן אין די „טוואָר־קעס״ פונוואַנען ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. פסח־צייט, אויפן צווייטן יאָר, איז ער געשטאָרבן. נאָך זיין לויה איז נאָכגעגאַנגען די גאַנצע „ספולקע״ מיט די משרתים, אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן. ס׳ווייב האָט גע־שאָלטן און געיאָמערט — פאַרשאָלטן זיינע שותפים און געוויינט נאָך איר אבידה. זיי, זיינע נעכטיקע ארבעטס־חברים, האָבן געלאָזט פליסן אירע קללות. זיי זיינען אין אבלות׳דיקן שטאָלץ געגאַנגען פוןביידע זייטן פון דער „מטה״, באַגלייטנדיק אויפן לעצטן וועג איינעם פון זיי.

*

נאָטע הויקער האָט פאַרענדיקט די רשימה פון הערשעלעס שותפים.

כשמו כן הוא — געהייסן האָט ער נאָטע נאָך איידער ער האָט דערזען די שיין פון זיין וועלט. נאָטעס צווייטער נאָמען — הויקער — איז אים פון קינדווייז אָן געלעגן אויף די פלייצעס פונקט ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן עס האָבן אויף אים גערוט גרויסע קאַסטנס און שווערע זעק. צוליבן הויקער האָט ביי נאָטען געברויזט אַ פאַרדרוס צו דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָט אויף אים געקוקט ווער מיט רחמנות־געפילן ווער מיט ציניש, כמעט אומזעבאַרן שפּאָט. דאָס האָט אָבער בשום אופן קיינעם נישט גע־

שטערט צו רופן אים „נאַטע־הויקער״ און ער זאָל זיך בכלל נישט באַלייַדיקן. ס׳איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, פּונקט ווי כמה אַנדערע נאַטור־דערשיינונגען, וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן רבונו־של־עולם׳ס פּיעטעט פאַר פאָרם און סימעטריע.

פון צייט־צו־צייט האָט נאַטעס פּראָפעסיע ממשות׳דיק פּראָטעסטירט קעגן זיינע אומגלייכע פּלייצעס. ווען ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיי אַ פּאַק סחורה אָדער אַ קעסטל, האָט אָפט פּאַסירט, אַז די משא האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן זיין גאָרב און זיך אַראָפּגעגליטשט פון נאַטען. נישט איינמאָל האָט ער צוליב דעם צעבראָכן אַ קעסטל אָדער אויסגעשאָטן אַ זאַק מיט קאַשע צי מעל, פאַרשעלטנדיק זיך מיט דער מאַמען, וואָס האָט אים אַזעלכן געבוירן. אין אַלגעמיין אָבער האָט נאַטע׳ן ס׳מזל גאָר שטאַרק צוגעשפּילט. געהאַט האָט ער אַ געראָטן ווייבל מיט געראָטענע, שיינע און אָרנטלעכע קינדער, אַז הערשעלע איז אים אפילו מקנא געווען. ערלעכקייט איז געווען דער אויבן־אָן אין זיין קריַיז און ביַי אַלע זיינע אונטערנעמונגען. מענטשן האָבן גערן מיט אים געשמועסט, געעצה׳ט זיך, און זיין וואָרט איז פאַר זיי געווען תמיד אָנגענומען און אַפילו פאַרערט. אַפילו הערשעלע האָט זיך גערעכנט מיט זיינס אַ מיינונג אָדער ראַט. איז ער טאַקע ביי אַלע דין־תורות, וואָס הערשל האָט גרויס־ריכטעריש געפירט, געווען דער פּוסק־אחרון פאַר זיין עלטערן שותף.

ווען אין וואַרשע האָבן די נאַציס אויפגעשטעלט ס׳געטאָ, האָט נאַטע איבערגענומען אַ געפערלעכע, טויט־ברענגנדיקע אויפגאַבע, וועלכע ער האָט אויסגעפירט מיט פיל אחריות און מסירת־נפש. ער האָט געשמוגלט פון דער אַרישער זייט פּראָוויאַנט. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שמוגלערס, האָט נאַטע נישט געשטעלט קיין הויכע פּרייזן פאַר זיינע אַרטיקלען. ער האָט מיט הארץ און רחמנות פאַרקויפט לעבנסמיטל־פּראָדוקטן צו זיינע קאָנסומענטן. פאַר אַ באַקאַנטן פון די „גוטע צייטן״ האָט ער יעדע צווייטע וואָכן צונויפגעשטעלט אַ פּעקל, וואָס ער האָט אַליין אַרויפגעטראָגן, נישט נעמענדיק דערפאַר קיין גראָשן, נישט פאַר דער סחורה און אוודאי נישט פאַרן טראָגן.

ביי דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט האָט אַ נאַציסטישע קויל פאַרשניטן זיין לעבן.

*

טרעגערישע יונגען, גנאַינע נח פּאַנדרעס, וואָס האָבן וועלטן גאַנצע געבויט און צעשטערט, וועלטן אין וועלכע זיי האָבן רעגירט מיט צדק, מיט

זייער צדק, מיט זייער יושר, מיט זייער לאָגיק. ווי אַנדערש זיינען זיי גע־וועזן פון א סך, א סך יידן, אָבער ווי פעסט באַהאַפטן זיי האָבן זיך צום יידישן שטאַם דורך פאַרבאָרגענע קאַנאַלן פון יידישן אמאל, וואָס זיינען געפלאָסן אין זייערע בלוטן.

האָסט זיך געשראָקן פאַר זיי, מורא געהאַט, אויסגעמיטן מיט זיי אַ באַ־געגעניש, אָבער גלייכצייטיק ביזטו זיכער געווען אין זייער שכנות׳שאַפט, געפילט זיך ווי הינטער די פליגלען פון באַשיצער, געפרייט זיך, אַז אויך דיין פאָלק פאַרמאָגט אַזעלכע שטאַרקע יונגען, וואָס קאָנען פאַרטיידיקן דיין הפקר׳דיק לעבן.

און די זעלביקע ריזן, די דאָזיקע מענטשלעכע לייבן, האָבן שפּעטער צוזאַמען מיט די שוואַכע, מיט די שוואַכסטע, מיט די קוים־לעבעדיקע פאַר־איניקט זיך אינעם רינדער־מאַרש, וואָס האָט זיי אַלעמען אַוועקגעפירט נאָך טרעבלינקע.

פאַרוואָס זיי האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט דער ברוינער בעסטיע ? —

א טראַגישע פראַגע, אויף וועלכער אונדזער דור האָט קיין ענטפער נישט געגעבן.

# נאַכט-געשטאַלטן

ווען דער טאָג האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן, ווען די לאַזור-הימלען האָבן זיך פאַרצויגן מיט טונקל-נאַכטיקע געוועבן, דאַן האָט אויך די גנאַינע גאַס נאָכגעשפּרייזט דעם שמים'דיקן גאַנג און געגרייט זיך אויסצורוען די ביי־נער נאָכן טאָג, נאָכן שווערן טאָג האַרעוואַניע.

זיבן אזייגער אין אָוונט איז די גנאַינע גאַס באַפאַלן געוואָרן פון א לויפעניש, פון אַ שרייעניש און געקלאַפּעריי, פון א האַקעריי מיט די טירן און שלעסער פון די געוועלבער. וואָס דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זיך צונויפ־געגאָסן און צוזאמענגעטראָפן אין איין ווינקל, אויפן שמאָלן גנאַינע געסל, וועלכעס האָט אַזוי שטאַרק געטומלט פאַרן שלאָפן גיין.

פּאָליציאַנטן זיינען ארומגעגאַנגען איבער די געשעפטן און דערמאַנט די באַלעבאַטים, אַז הגיע זמן פון שליסן די קראַמען. זיי פלעגן ארײנשארן זיך אינעם געפּאַקטן פון קונים געשעפט, ערשט דעמלט, געפינענדיק זיך אינעווייניק, זיינען זיי ארויס מיט געוואַלדן אויפן אייגנטימער הלמאי ער היט נישט אָפּ די געזעצן פון פּאָנסטוואָ און האָט די העזה, די זשידאָווסקע העזה, צו פאַרקויפן סחורה נאָך דער „פּאָליציייִשער שעה". האָט זיך דער געשעפטס-אייגנטימער אנטשולדיקט פאַר אים נאָר מינדלעך, האָט דער פּאָליציאַנט אָנגעהויבן דרשענען וועגן דער מסכתה בירגער-רעכט און ביר־גער-פליכט, וועגן נאַציאָנאַלער מאָראַל און ניט פאַרגעסן דערביי צו ציטירן גאַנצע פּאַראַגראַפן פון דער קאָנסטיטוציע; האָט ער אָבער באַקומען אין דער יד אַריין אויף א פלעשל „ז' ביאַלאָ גלוווקאָו" איז אין דער זעלביקער מינוט אנטשטאַנען א פאַרשטענדעניש, איז געבוירן געוואָרן אַן אידיליע צווישן דעם פּוילישן מלוכה-שומר און דעם זינדיקן און פאַרזינדיקטן יידישן בירגער.

די גאסן־הענדלערס האָבן צונויפגעוויקלט זייערע „קראַמען״, ווער דאָס קיישל מיט די מאַנופאַקטור־רעשטלעך, ווער דעם באַלאָן מיט סאָדע־וואַסער מיט סאַק, ווער די סידורים, ציצית און מנחה־ומעריב׳לעך, ווער דעם קויש מיט באַניע־קערן און רבי־ניסלעך, ווער דאָס עמערל מיט זויערע אוגערקעס אָדער בראָקאָווגע הערינג, ווער דעם סטראַגאַן מיט כלערליי מציאות.

די פורמאַנעס האָבן פאַרפאַקט די פאַשע פאַר די פערד, די טאָרבעס מיט האָבער און היי, און מיט א געפּייפעריי און געקנאַקעריי מיט די בייטשן אונטערגעיאָגט זייערע ברויטגעבערס צום גאַלאָפּ אַהיים.

אויף די טראָטוארן האָט זיך געראַיעט פון מענטשן. די סוחרים פון יאַנאַשעס הויף, פון וויעלאָפּאָלע, פון די מיראָווער האַלעס, ברייטע, אויס־געפּאַשעטע יידענעס מיט כל־טוב־בייטלען אונטער די אָרעמס, זיינען גע־לאָפן אין דער ריכטונג פון זייערע היימען און אויפן וועג אַריינגעכאַפּט אַ פריינטלעכן שמועס מיט אַ שכנה אָדער גאָר אויסגעקריגט זיך צי אויס־געלאָפּעט די פנימער פון די קאָנקורענטקעס.

לאָוטערשטיינ׳ס וווּרשטן־געשעפט האָט זיך געבראָכן פון ענגשאַפט, אַזוי אָנגעפּאַקט מיט קונים איז דאָרט געווען. דאָס האָבן טאַטע־מאַמע איינגעקויפט „אויפשניט״ פאַר די וואַרטנדיקע אינדערהיים קינדער, וואָס האָבן זיך שוין עטלעכע שעה פריער באַלעקט אויפן בלויזן געדאַנק פון אויפשניט מיט וואַרעמע בייגל.

ווי אין שטעט פונעם מיטל־אַלטער, ווו דאָס לעבן איז דיריגירט גע־וואָרן פון אַ טרומייט, אַ טרומייט פון זיין מאַיעסטעט דעם בירגער־מייסטער, אַזוי האָט אין וויעלאָפּאָלע אַ מאַגיסטראַצקער שומר־הברית געבלאָזן אין אַ הארניקן טרומייט אריין, ארויסבעטנדיק די קונים וגם די סוחרים. און דאָס ארויסבעטן האָט פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ מין כוח, אַזאַ גוואַלדיקע קראַפט, אַז מ׳איז פון דאָרטן ממש געלאָפן, פאַרלירנדיק אויפן וועג פון איילעניש אַ ברויט, אַ פּעקל סחורה. אַנדערע גאָר האָבן אפילו פאַרגעסן צו פאַרקלאַפּן דעם שלאָס — אַזוי שטאַרק האָט געווירקט דער טרומייט. איינער האָט אונטערגעיאָגט דעם אַנדערן, געהאָלפן פאַרמאַכן דעם סטראַגאַן, ווייל ווער ס׳איז פון וויעלאָפּאָלע ארויסגעגאַנגען פופצן מינוטן נאָך זיבן, דער האָט שוין באַצאָלט אַ שטראָף — פופציק גראָשן. און פופציק גראָשן איז גע־ווען אַ האַלבער טאָג פרנסה.

פון די הייף האָבן פּראָווינצער וועגענער געריררט צו זייער לאַנגן, אַ גאַנצע נאַכט דויערנדיקן היים־וועג. אנגעטורעמטע מיט סחורות, איבער־געצויגענע מיט ברעזענטענע פּלאַנדעקעס פון דער פירמע „זעמש״ און

אַרומגעבונדענע מיט גראָבע, געדרייטע שטריק, האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער רייע, ווי מדבר־קאַראַוואַנעס, בכדי צוזאַמען זיך לאָזן אין וועג אַריין. דאָס האָבן זיי ספּעציעל אַזוי געטאָן, ווייל אויף די פּוילישע מלוכה־שאָסייען האָבן זיי זייער אָפט אַנגעטראָפן אומגעבעטענע געסט, וועלכע האָבן צוערשט מערדערלעך צעשלאָגן די שפּיליטערן און דערנאָך צעראַבירט די סחורה. שוין פון פיר אזייגער אַן פלעגן זיי זיך זאַמלען פון פאַרשיידענע וואַרשעווער הייף אויף גנאַינע דריי, ווי פייגל, וואָס גרייטן זיך צו אַ וויטן וועג. דערווייל, ביז צום אָוועקפאָרן, האָט דאָרט געהערשט אַ מורא׳דיקער טומל, אַ הירזשעריי פון די אַנגעפרעסענע פערד, אַ צאַנקעריי מיט די טרעגערס, וועלכע האָבן אויף שנעל אויפגעמאָנט זייער טעגלעכן פאַרדינסט. זיבן אַזייגער האָבן זיי געדירט פון אָרט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך קופּעס פערדן־אָפּפאַלעכץ, אַלטע זעק און צעריסענע בויגנס פּאַפּיר.

אין פּריוועסעס שול אויף גנאַינע פינף האָט אַ שטיקנדיקער געדראַנג אַרומגענומען דעם בעלעמער, די בענק און אפילו דעם עמוד מיטן ארון. יעדן אָוונט האָבן זיך איבער אַ צענדליק מנינים געשטעלט דאַווענען. קדיש־זאָגערס פון דער גאַנצער געגנט האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט צו זייער לעצטער טעגליכער עבודה פאַר די פאַרשטאָרבענע. אין בית מדרש האָבן זיך צו־נויפגענומען קליינע חברות לערנערס, וואָס האָבן אַריינגעכאַפּט אַ בלאַט גמרא צי פרשה חומש מיט רש״י. אין די ווינקלעך פון דער שול האָבן זיך קינדער געשפּילט, שנאָרערס האָבן הויך אויפן קול געשנאָרכט, בייגל־הענדלערס האָבן געליזט געלד און דער שמש האָט מיט אַ בכבודיקן בעל־הבית געמאַכט אַ „כוסה״. בעתן דאַווענען פלעגט זיך צייטנווייז באַווייזן אַ פּאַליציאַנט אין שול, וואָס האָט אַרומגעזוכט די בייגל־הענדלערס, וועלכע האָבן זיך פאַר אים אויסבאַהאַלטן האַרט ביים ארון. און ער, דער פּוילישער טשינאָווניק, האָט נישט איינמאָל נאָכגעזאָגט „ברוך הוא, ברוך שמו״ און „אמן״, אַרויסווייזנדיק זיין לאָיאַליטעט צו די זשידאָווסקע בירגער. אַזוי ווייט האָט אים דאָס יידישע געלד באַאיינפלוסט.

און דערווייל, אינמיטן פונעם דאָזיקן טומל, האָבן די „קיעשאַנקאָוצעס״, די דעטאַליטשנע גנבים, איינקאַסירט דעם שכר פון זייער פרנסה׳לאָזן טאָג. די צייט פון פאַרנאַכט איז פאַר זיי געווען דער בעסטער סעזאָן. אינעם יאַגעניש, בעתן לויפעניש פון דער גנאַינער באַפעלקערונג, האָבן זיך ברייט געגעבן אַ צעעפן די קוואַלן פון די גנבישע מעגלעכקייטן און נישט אין פּעקל אָדער טייסטער מיט געלד האָבן געוואָנדערט אין זייערע פאַרבאָרגענע מלינות אויף קראָכמאַלנע צי גנאַינע. זיי האָבן געאַרבעט מיט קאָפּ, זייער

טעטיקייט איז געווי פאַרטיילט געוואָרן אין פאַרשיידענע פונקציעס. איינער האָט באַשפיגן און אדורכגייער, דער צווייטער האָט דעם באַשפּיגענעם גאָר העפלעך אָנגעוויזן אויפן שפּייעכץ אויפן מאַנטל, אַ דריטער האָט שוין אָפּ־געוואַרט, ווען דער „קרבן" וועט אָוועקשטעלן די פּעקלעך סחורה און נעמען זיך רייניקן דעם מאַנטל און דאַן ערשט וועט ער אַ כאַפּ טאָן די מציאה, איבערגעבנדיק עס דערנאָך צו אַ פּערטן, וועלכער האָט ווייטער זי געשיקט צום פאַרבאָרגענעם אָרט פון חלוקה. די געווינען און ספּאָזמען פון די באַגנבעטע האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער אַלגעמיינער גאַסן־באַוועגונג, מיט די טריט פון די לויפנדיקע, מיטן טראַסק פון די ראָלענדיקע פלאַט־פאָרמעס און זיינען לוסף פאַרשוונדן מיטן אַוועקגייענדיקן טאָג.

דערנאָך איז געוואָרן פינצטער. די גאַז־לאָמטערנעס האָבן זיך אָנגעצונדן. אין די פענצטער פון די וווינונגען האָבן זיך באַוויזן ליכט־ שטראַלן פון נאַפט־לעמפּלעך, פון גאַזאָווע זשיראַנדאָלן אָדער פון מאָדערנע עלעקטרישע לאָמפּן. די נאַכט־וועכטערס זיינען אַרויס צו זייער אַרבעט. די סטרוזשעס האָבן מיט לאַנגע בעזעמער אָנגעהויבן צונויפצוקערן דעם שמוץ פון טעגלעכן פאַרקער.

די גנאַינע גאַס איז ווי אויסגעשטאָרבן. די נאַכט־פינצטערקייט האָט מיט אייזערנע דלאָניעס אריינגענומען אין זיך דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אונדזער געסל. אָבער נישט אינגאַנצן איז פאַרלאָשן געוואָרן די טאָג־ליכ־טיקייט. פון די קעלערן און פאַציאַטעס האָט גענומען שפּרייזן אַן אַנדערער טראַט, אַ טראַט, וואָס בייטאָג איז ער געלעגן אַ צעקאַליעטשעטער און אַ צעראַנירטער און ביינאַכט איז ער אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

*

לענג־אויס דעם טראָטואַר האָט זיך געשלענגלט אַן אומעטיקע, פאַרהיי־זעריקטע מעלאָדיע:

— בייגעלעך, אוי הייסע בייגעלעך, קאָכעדיקע בובליטשקי, אַך קויפט באַ מיאַ!

פון אַנטקעגנאיבער האָט אַ קראַנקע טענאָר־שטימע אונטערגעהאַלטן דעם נאַכט־געזאַנג מיט האַרטע, ווי פון האָלץ אַרויסגעשניצטע אויסרופן:

— דראַ פאַראַ פינעוואַ, זעקס פאַראַ צעינאַ, כאַפּט אַראַ, קנאַקט די קנאַקעדיקע בייגל!

ווען די בייגל־הענדלערס האָבן פאַרנומען זייערע „שטענדערס" אויף די טראָטואָרן, האָט גאָט און מענטש באַנומען, אַז די ערשטע נאַכט־אשמורה האָט אַראָפּגענידערט אויך אויפן גנאַינעם ברוק.

געשטאַנען זיינען זיי מערסטנטייל הינטער די גאַזאָווע לאַמטערנעס, אָדער ביי דער זייט פון אַ געוועלב־פענצטער, פונוואַנען זיי האָבן געשעפּט ליכט, ווי זיי וואָלטן וועלן באַגיסן זייערע רויטע, פאַרפינצטערטע אויגן מיט ליכטיקייט, זאָל כאָטש זיין מיט קינסטלעכן טאָג. ווייל בייטאָג פלעגן זיי שלאָפן ערגעץ־ווו אין אַ קעלער אָדער אויף אַ צעלאָמעטער פאַציאַטע און נאָר אין נאַכט־דערנענטערונג האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט פון די געלע־גערס, פון די משונה׳דיקע חלומות ווי פון א שווער אַפּקומעניש. די בייגל, די „וויעטשאַראָווע״ זיינען געווען זייער גאַנצע וועלט אין וועלכער זיי האָבן פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן, די יוגנט און שפּעטער דעם באַרג־אַראָפּ פון זייער לעבן.

צווישן די בייגל־הענדלערס האָט מען געטראָפן מענער, פרויען און קינדער.

די קינדער, אין צעריסענע בגדים, מיט באָרוועסע פיס, האָבן אין ווינ־טער פון קעלט אונטערגעטאַנצט פון איין פוס אויפן צווייטן, זומער ווידער אויסגעטאָן כמעט אינגאַנצן נאַקעט, און אַזוי אַרום אריין טיף אין דער נאַכט מיט זייער נישט־פאַרקויפטער סחורה. האָט זיך געמאַכט אַ מזלדיקער טאָג, זיינען זיי אַוועק אהיים אַרום צוועלף ביינאַכט מיט א ברייטל אונטערן אָרעם, מיט א פּאָר ציבעלעס און א צוויי הערינג — א מתנה פאַר טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן זיך אינדערהיים געמוטשעט אין פּאַראַליזש אָדער אין שווינדזוכט. אָבער מזלדיקע טעג זיינען זעלטן ווען געקומען. האָבן זיי טאָקע געמוזט וואַרטן מיט דער סחורה ביז באַגינען, ווען פון יאַסל די בעטשקעס קנייפּע זיינען אַרויס פאַרשיכורטע הערן אָדער ווען אַן ארבעטער איז גאַנץ פרי געלאָפן צו דער אַרבעט און אויפן וועג אריינגעכאַפּט אַ בייגל.

אויסגעמוטשעטע פונעם ביינאַכטיקן האַנדל פלעגן די אומגליקלעכע קינדער אַוועקפאַלן הינטער א מויער און איינשלאָפן, פאַרוויגט פון זיסע, הימל־גרייכנדיקע חלומות. ווען די גנאַינע גאַס האָט זיך געוועקט פון שלאָף, האָט זי זיי געטראָפן, די פון עלנט איינגעוויגטע קינדער, וועמען דער שלאָף האָט אַוועקגעלייגט אויף די האַרטע שטיינער.

די פרויען, בייגל־הענדלערינס, האָבן זייערע אויגן אויסגעוויינט איבער די קוישן. אינדערהיים איז געלעגן א געלעמטער מאַן, קינדער קרעכצינען, ביי אַנדערע איז דער מאַן אַוועקגעשטאַרבן אָדער אַוועק מיט אַ צווייטע און זי, די „בייגלאַרקע״, האָט געטאַסקעט אויף זיך דעם שווערן יאָך פון א ברויט־געבערין. און וויפל מאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ פּאָליציאַנט האָט דער־ווישט די דאָזיקע „פאַרברעכערין״, אויסגעשאָטן די בייגל, צעטראָטן זיי

מיט די פיס און לסוף פאַרשריבן נאָך אַ „קאַרע״? — נישט זעלטן האָט די ביטערעווירקלעכקייט אויסגעמאָלן אויף דער גנאַינע גאַס אַ טראַגיש בילד פון אַ פרוי, וואָס רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, וואָס קנייפּט אויס לעבעדיקע שטיקער פלייש פון איר אַזוי אויך אויסגעמאָגערטן קערפּער, וואָס וואַרפט זיך אויף דער ערד און שלאָגט מיטן קאָפּ די צעמענטענע פּלאַטעס פון דער גאַס, ווי זיי וואָלטן שולדיק געווען דערין וואָס דער פּאַליציאַנט האָט זי אַזוי ברוטאַל באַרויבט, צונעמענדיק אירע האָפענונגען מיטן לעבן צוזאַמען. דעמלט, אין אַזעלכע תהום־מאָמענטן, האָבן זיך יאָמערדיקע יללות צונויפגעמישט מיט דער פינצטערקייט פונעם אָוונט, דער געזאַנג פון די בייגל־הענדלערס איז פאַרשטומט געוואָרן און אַ בית־עולם־שטילקייט האָט באַהערשט די אומגליקלעכע לעבעדיקע שאטנס.

מענער, בייגל־הענדלערס, האָט מען ווייניקער געזען ווי פרויען צי קינדער. ווען אַ מאַן איז שוין געשטאַנען ביי אַ קויש מיט „אַבוואַזשאַנקעס״, האָט ער געהערט צו די „געוועזענע״. אַ געוועזענער טרעגער, וואָס האָט ס׳געזונט פאַרלוירן ביי די שווערע קאַסטנס צי זעק; אַ געוועזענער צייטונגספאַרקויפער ביי וועמען דער טראַמוויי האָט ביידע פיס אָראָפּגעשניטן, ווען ער, דער היינטיקער בייגל־הענדלער, איז אַמאָל פלינק ווי אַ קאַץ געשפּרונגען פון איין טראַמוויי אויפן צווייטן, פאַרקויפנדיק אַן עקסטראַ־אויסגאַבע אָדער אַן אָוונט־צייטונג; אַ געוועזענער בכבודיקער בעל־הבית, וואָס האָט זיך בייטאָג געשעמט צו האַנדלען אויף דער גאַס און האָט אויסבאַהאַלטן דעריבער זיין רויט פון בושה פנים אין דער פינצטערקייט פונעם אָוונט; אַ געוועזענער טאַטע פון קינדער, וועמען די בנים האָבן פראַסט פשוט אַרויסגעטריבן פון שטוב, פון זיין שטוב — זיי אַלע, פּירות פון יידישן עלנט און בזיון, האָבן דערלאַנגט צו די קונים די בייגל פאַררויטלטע, פאַרשעמטע דערפאַר, וואָס זיי, מענער, האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי זיך נעמען צו אַזאַ „ווייבערישער״ פּרנסה.

זיינען זיי אַלע דאָרטן געשטאַנען ווי מאָנומענטן פון אַ גרויסער טראַגעדיע, פון אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז צעשניטן און פאַרשניטן געוואָרן, אויסגעפורעמט און אַראָפּגעוואָרפן אין טיפענישן פון יאוש און אָרעמקייט.

*

ווי מתים וואָס הויבן זיך אויף פון זייערע קברים, באַפאַרבן מיט לעבעדיקייט די אויסגעלאָשענע באַקן און שפּאַצירן אַרויס צו דער לעבעדיקער וועלט, אַזוי זיינען אין די אָוונטן אַרויסגעגאַנגען פון ווין־לעכער יונגע

פרויען, וועלכע האָבן זיך דערנערט פון זייערע אויסגעמאַטערטע, בלאַסע, איינגעפאַלענע קערפּערס.

געוויינט האָט פון זיי ביליקייט, א שטיקנדיקער פּאַרפיום, וואָס האָט די נאָז־לעכער צעריסן. זייערע פּנים׳ער האָבן געטראָגן אויף זיך דיקע שוואַרצקייט אויף די ברעמען, בלוט־רויטקייט אויף די ליפּן און אויף די כמו־בעקלעך, מעל־ווייסקייט אויף דער נאָז, אויפן שטערן און האַלדז, קבר־טויטקייט אונטער דעם קינסטלעכן בלומען־בוקעט און שווינזוכט, ווענע־רישע קראַנקהייטן און מגפה־נעסטן אינעווייניק, אין גוף.

ווי א סאָלדאַטן־אַרמיי זיינען זיי אין אויסגעמאַסטענעם טראָט ארויס צו זייער נאַכט־פּרנסה, געטריבענע דורך א נישט־הערבאַרן סיגנאַל, דורכן סיגנאַל פון אויסגעלאַסנקייט וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די אַרעמס פון הונגער.

געגאַנגען זיינען זיי צו פאַרשידענע פּונקטן, אויף כלערליי גאַסן, ווו אין א קעלער אָדער אין אַן איינגעפאַלן צימער האָט געוואַרט דער אכזריות׳־דיקער פּאַטראָן, דער אייגנטימער פון דער זנות־אונטערנעמונג.

זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען — זיי, די גליקלעכע, וואָס זיינען געווען נאָך געזונט צו געפינען א באַשיצער, אַן אויפזעער, א באַלעבאָס.

די אַנדערע זיינען פאַרבליבן אין די טויערן פון גנאַינע גאַס, האָבן זיך געוואַלגערט אויף די שטיגן, צווישן די פּלאַטפאָרמעס, אונטער די מיסט־קאַסטנס. זיי פלעגן מורא האָבן פריי זיך באַוועגן אויף דער גאַס, ווייל דער פּוילישער פּאָליציאַנט האָט אויך זיי ,,ארויסגענומען די נשמה״. נישט געלאָזט זיי לעבן, נישט דערלויבט זיי זיך מאַטערן. זיי האָבן ארויס־געקוקט פון די טויערן, מיט א פייף אָדער א ווונק אריינגעבעטן א ,,פריינט״. די בעסער געקליידעטע מענער האָבן זיי אפילו נישט געוואָלט אָנבאַטן זייער ליבע מחמת זיי האָבן געוווסט, אַז זיי זיינען צו אָרעם, אַז זייערע קערפּערס פאַרמאָגן שוין צו ווייניק זאַפטן פאַר דער בעסערער, פאַרמעג־לעכער געזעלשאַפט. געצאָלט האָט מען זיי זעלטן ווען מיט געלד. דער שכר פאַר זייער געפאַלנקייט איז באַשטאַנען פון א ברויט, פון א שטיק ווורשט, פון אַ שטיק פּוטער, אָדער פון א פלעשל בראַנפן אַלס גרויסע, אומשאַצבאַרע מתנה, וואָס האָט געזאָלט צעהיצן זייערע איינגעפרוירענע לייבער. דעם איינגעזאַמלטן פּראָוויאַנט האָבן זיי גלייך, נאָך פאַר דער גליק־לעכער ,,באַגעגעניש״, אַרויפגעטראָגן אין שטוב אַריין צו די קינדער, אָדער צו אַלטע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן צוערשט באַגאָסן ס׳ברויט מיט געזאַלצן־גאַליקע טרערן און ערשט דאַן עס אָנגעהויבן צו עסן.

פאַרן שטיקל ברויט האָבן זיך זייערע קערפּערס צוזאַמענגעפּלאָכטן מיט שנאָרערס, מיט פאַרשווינען פונעם ערגסטן מין, אין וועמענס גופים ס׳האָט זיך געראַיעט פון באַקצילן, מיט קליינע באשעפעניש פון געפערלעכע, דורך דער מעדיצין נאָך נישט אויסגעפּאַרשטע קראַנקהייטן. מיט עקל און האַרץ־חלשות האָבן זיי אויסגעפירט זייער אַרבעט, אָבער גלייכצייטיק מיט אַ צופרידנקייט און אַ באַפרידיקונג, אַז זיי זעטיקן אַן אַ טאַטן אָדער אַן אייגן קינד, צי גאָר דעם אייגענעם מאָגן. די גנאַינע איינוווינער האָבן זיך געהאַט אַזוי שטאַרק צוגעוווינט צו די געשטאַלטן פון די גאַסן־פרויען און צו זייער פּראָפעסיע, אַז ווען מ׳פלעגט אָנטרעפן אויף די שטיגן די געהיימניספולע פאַרלעך, האָט מען זיך אפילו נישט דערשראָקן און ווייטער געגאַנגען דעם וועג אַרויף אין שטוב אַריין, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פאַרגעקומען אינעם קרייז פון תהום׳דיקער ירידה.

כמעט יעדע איינע פון זיי, פון די גנאַינע גאַסן־פרויען, האָט געשטאַמט פון אַן אָרנטלעך־בכבודיקן משפחה־קרייז, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס אָרט, וווּ מ׳האָט אַמאָל ערלעך געאַרבעט אויפן גראָשן, התמדה׳דיק געלערנט אַ בלאַט משניות אָדער מיט פאַטערלעכער שטרענגקייט דערצויגן די קינדער פאַר גוטע יידן און מענטשן. איז געקומען דאָס לעבן, דער טרויעריקער שיקזאַל פון די דאָזיקע היימען, און אוועקגעשליידערט די קינדער צום ראַנד פון אונטערגאַנג — מאַטעריעלן און מאָראַלישן. קרובים זיינען אַמאָל אַראָפּגעקומען, געמוסרט, איבערגעלאָזט אַ מטבע, וועלכע האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט סטאַיען אויף לאַנג, אויפן ווייטערדיקן גאַנג פונעם איינגעפאַלענעם הויז. טאַטע־מאַמע האָט אַמאָל אַרויסגעטריבן פון שטוב די זינדיקע טאָכטער, געשעמט זיך מיט איר, געריסן נאָך איר קריעה, אָבער ווען די נויט און הונגער האָבן אָנגעהויבן שטאַרקער אַטאַקירן זייערע קערפּערס, פלעגן זיי זיך מיט טרערן אין די אויגן איבערבעטן מיט דער טאָכטער און שווייגנדיק זיך צוגעקוקט צו אירע אָוונט־שפּאַצירן.

אומגליקלעכע נאַכט־געשטאַלטן פון דער גנאַינע גאַס, פאַרסמטע קערפּערס און ביינער, וואָס מיט אייער טראַגישער פּרנסה האָט איר דערפילט אַ דערהויבענע שליחות, אַ גרויסע מצוה פון דערהאַלטן ביים לעבן אַ טאַטן, אַ מאַמען — האָט דאָס יידישע לעבן אייך ווען נישט איז ריינגעוואַשן?

*

געוויכערטע קישקעלעך האָט מען אין די אָרעמע וואַרשעווער יידישע שיכטן געהאַלטן פאַר אַ נאַציאָנאַל מאכל. געוויכערטע קישקעלעך, אָפּגע־

קאַכטע אין זודיקן וואַסער, באשמירטע מיט מושטאַרדע און דערצו נאָך אַ בייגל אָדער אַ „קאַיזערקע" — דאָס האָט ממש דערהאַלטן ס׳האַרץ ביי אַ גרויסן טייל וואַרשעווער יידן און גלייכצייטיק איז עס געווען אַן אַזיאַטישע סעודה פאַרן רייכן טייל.

זיי, די „קאַרפּן־קעפּ", פלעגן זיך מיט גאווה׳דיקן שטאָלץ אָפּשטעלן אויף דער גאַס ביי אַ פאַרעדיק קעסעלע אָדער אריינגיין אין אַ ווורשטן־געשעפט און סמאַקעווען זיך מיט דער קישקעלעך־פּאַטראַווע, ווי יענע ווייסע, הויכגעשטעלטע געסט פון אַ קאַלאָניאַלן גובערנאַטאָר, וואָס האַלטן־מיט מיט אַ וועטשערע ביי אַ שכנישן נעגערישן מושל אין די פאַרוואָרפענע ווינקלעך פון אַפריקע.

זיינען איבער דער גנאַינע גאַס, ווי איבער אַנדערע וואַרשעווער גאַסן, אַרומגעלאָפן פאַרשוויצטע יידן מיט פאַרסאַדזשעטע הענט, וואָס האָבן אין אונטערגעהייצטע, רויכנדיקע קעסעלעך אַרומגעטראָגן די „צאַפּלדיקע, פעטע קישקעלעך". אין איין האַנט דאָס קעסעלע אין וועלכן א נר־תמיד פון האָלץ־קוילן האָט געמאַכט קאָכן ס׳וואַסער; אין דער צווייטער — א קויש פון אלדאָס בעסטע, א פריש ברייטל פון שטראָסן דעם בעקער, מושטאַרדע, פעפער, א זויער אוגערקעלע, עטלעכע פלעשלעך „סינאַלקאָ" — אַלץ צו־געגרייט אויפן פאַרלאַנג פון הצדיק דעם קונה.

בייטאָג פלעגט מען זיי זעלטן זען. פון צייט־צו־צייט האָט זיך צעזונגען זייער קול, לויבנדיק ביז אין די הימלען:

— די קאָכעדיקע, די פעטע, די פליישיקע קישקעלעך פון דאַמאַזער׳ן, פון שיוועק׳ן, פון לאוטערשטיינען...

בייטאָג איז זייער סחורה געשלונגען געוואָרן דורך די טרעגערס, פור־מאַנעס, געוויסע געוועלב־סוביעקטן. ביינאַכט האָבן זיי נאָר אויסגעקוקט אויף פאַרליבטע, אויסגעהונגערטע פאַרלעך, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אהיים פון א קינא צי טעאַטער. אויך די נאַכט־געסט, די באַזוכערס פון די פאַרשיידענע טאַנץ־לאָקאַלן, קאַבאַרעטן, געהיימניספולע „ווינקעלעך", האָבן זיי פאַרעכנט צו די געטרייע אָפּנעמערס פון זייער סחורה. געשטאַנען זיינען זיי מיט די קעסעלעך ביים ראָג גנאַינע און גזשיבאָווסקע, גנאַינע און קראָכ־מאלנע, גנאַינע און מיראָווסקע — דאָס קעסעלע אַוועקגעשטעלט סודות׳פול ביי דער וואַנט און אַליין פלעגן זיי „וואַרפן אויגן" אויף אַלע זייטן, צי ס׳קומט חלילה נישט אַן א פאַליציאַנט. ווי לויכטנדיקע ווערעמלעך אין א פינצטערן וואַלד, אַזוי האָבן די קעסעלעך באַוואָרפן אין די אָוונטן און נעכט די גנאַינע גאַס מיט העל־גוסס׳דיקע פייערלעך, וועלכע האָבן טראָץ

זייער אנעמישן שיין געראפן צו זיך און געלאָקט אויסגעהונגערטע הערן, וואָס האָבן שוין נישט באַוויזן צו שטילן דעם נאַגנדיקן הונגער אין א בכבוד׳יקן רעסטאָראַן צוליב דער שפּעטער שעה.

דער גורל פון די קישקעלעך־הענדלערס איז געווען פיל גליקלעכער ווי פון די בייגל־הענדלערס. אין די קאַלטע נעכט האָבן זיי אָנגעוואָרעמט זייערע הענט און פיס ביים קוימען פונעם קעסעלע. זיי פלעגן ארומנעמען זייער „געשעפט״, זייער קאָכעדיקע קראָם ווי אַ קינד אַ מוטער און טוליען זיך צו דער וואַרעמקייט, באַשיטנדיק עס מיט ברכות, מיט מחיה׳דיקע קרעכצן. און ווען אַ קישקעלע־הענדלער איז נישט געווען קיין „דראָן״, האָט ער אָוועקגעשאָנקען אביסל פון זיין חלק וואַרעמקייט איך צו אַ בייגל־הענדלער, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן און געטרייסלט זיך פון קעלט.

— איר האָט? — האָט אַ האַלב־פאַרשכורטער און נאָך טאַנצנדיקער קונה קורץ אַרויסגעוואָרפן פון זיך די פראַגע.

— אוודאי האָב איך, קוקט זיי נאָר אָן, מיינע טייערע אָרמאַטן, דאָס זיינען דען קישקעלעך, גאַנצענע וואורשטן זיינען דאָס. יאָך זאָל אַזוי לעבן מיט אָך ציזאַמען, און ווי הייס זיי זיינען, אַז איר וועט באַלד אָנהויבן צו שוויצן פון זיי און דערוואַרעמען אייערע קאַלטע ביינער נעבעך...

— טאָ געט אַהעיאָ א דראַ־פּואַ, רעדט נישט אַזויפיל, מושטאַרדע געט אָך און צוויי שטיקלעך ברויט זאָלט איר אָך נישט פאַרגעסן.

האָט דער הענדלער ווי אַ קונצן־מאַכער אָנגעהויבן ציען פונעם אויפ־געמאַכטן קעסעלע זעקס צונויפגעבונדענע קישקעלעך, אין דער לופטן זיי באַשמירט מיט בייסיקער מושטאַרדע און מיט א פאַרנייג דערלאַנגט זיי דעם דערפרייטן גאַסט. ווען דער קונה איז אָפּגעפּערטיקט געוואָרן, האָט זיך דער הענדלער ווידער אָוועקגעשטעלט צו זיין נאַכט־שמירה, אויסקוקנדיק צי א „מענטש״ קומט נישט אָמאָל זאָ.

די קישעלעך־הענדלערס פון דער גנאַיִנע גאַס, די פאַרעדיקע נאַכט־געשטאַלטן פון אונדזער געסל, וואָס האָבן דערקוויקט נישט איין אויסגע־הונגערטן „פּאַצעט״ אָדער סתם אַ פאַרשפּעטיקטן גאַסט, ווי שטאַרק זיי זיינען צונויפגעוואַקסן מיטן נאַכט־מלבוש פון די גנאַיִנע מויערן. אָן זיי וואָלט קיין יידיש לעבן אין וואַרשע נישט געווען, א יידיש לעבן פון דער נאַכט־אשמורה. אָן זיי וואָלטן אין וואַרשע נישט געהערט קיין יידישע נעכט.

⁂

די רייכע וואַרשעווער הייזער פון דער קאַשיקאָווע, אַלייע אויאַז־דאָווסקיע, שוסטעגאַ־שיערפּניאַ האָבן מיט גאווה געטראָגן אויף זיך מכל המינים סטאַטועס, וועלכע האָבן באַרייכערט זייער אויסזען מיט העלדן פון דער רענעסאַנס־תקופה און פון אַנדערע היסטאָרישע פּעריאָדן. אויף גע־וויסע פון זיי, זיינען איבער די גזימסן ביים דאַך אַרומגעפלויגן געטער און מלאכים, אויף אַנדערע זיינען אַפּאָללאָ צי קאָפּערניק, קאַזימיר דער גרויסער צי פּאַולוס געווען איינגעמויערט אין דער וואַנט און פון אַ האַלב־רונדן אַרויסהויל, האָבן זיי מיט פאַרחלומטע בליקן אַראָפּגעקוקט צו דער גאַס און צו דעם אַלעם וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

די גנאַינע גאַס האָט אויך פאַרמאָגט אַזעלכע סטאַטועס, אָבער נישט געגאָסענע פון בראָנז צי בעטאָן, נאָר געקנאָטענע פון מענטשן־פלייש, וועלכע מען האָט געקאָנט באַוואונדערן נאָר ביינאַכט און וואָס האָבן, להיפוך צו יענע, געקוקט אויף דער וועלט מיט פאַרטרערטע בליקן, איינגעראַמט אין אַ פּנים פון וועלכן ס'האָט זיך געשלענגלט אַ קוים־זעבאַרער, אָבער גוטברודערישער קוואַל פון יאוש און טענה. געווען זיינען דאָס לעבעדיקע פיגורן, וועמען די קעלט האָט איינגעמויערט אין די ווענט, צוגעדריקט צו די פאַרמאַכטע טירן פון געוועלבער, צוגעקאָוועט צו די טויערן פון די הייזער, וועמענס פּליצעס זיינען אַזוי אַרום אָפּגעהיטן געוואָרן פון די ווילדע, ביינאַכטיקע ווינטן. אין דער הערשנדיקער פינצטערניש האָט מען זיי כמעט נישט אַרויסגעזען, ווייל זייערע גופים זיינען ווי צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיט די מויערן פון די גנאַינע הייזער. גאַנצענע אָוונטן און נעכט, אויב מען האָט זיי נאָר נישט געשטערט, פלעגן זיי אָפּשטיין אין דער דאַ־זיקער האַלב־טויטער פּאָזע, ווי פאַרפרוירענע לייבער, ווי עגיפּטישע מומיעס אויף וואַרשעווער באַדן, ווי פאַרגליווערטע שטיקער לעבנס. פּאַליציאַנטן זיינען אַדורכגעגאַנגען, סטרוזשעס האָבן געהיטן יענעמס פאַרמעגן, און קיינער פון זיי האָט נישט באַמערקט די נאַכט־סטאַטועס פון דער גנאַינע גאַס — אַזוי צוזאַמענגעשמאָלצן האָבן זיי זיך מיט ציגל און קאַלך. ווען ס'איז אָנגעקומען אַ דורכגייער, דעמלט נאָר האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן פון זיך עטלעכע אָפּגעהאַקטע זאַצן, אַרויסגעזונגענע אין אַ וואַיעדיקן טאָן:

— פּאַפּיראָאָאָסן, פּאַפּיראָאָאָסן, פּאַפּיראָאָאָסן...

און ווידער האָט אַ שטומקייט אַרומגענומען דעם מויער.

דער דורכגייער האָט זיך אומגעקוקט, געזוכט דאָס געהיימניספולע בת־קול, לאַנג אַריינגעקוקט אין דער פינצטערקייט, אָבער קיינעם נישט געזען. און ווידער מיט „פּאַפּיראָאָאָסן, פּאַפּיראָאָאָסן, פּאַפּיראָאָאָסן״ . . . האָט זיך צעזונגען דער שאָטן. דאַן האָט דער פאַרשפּעטיקטער גאַסט, אַ געפּירטער

פונעם קול, דערבליקט דעם ציגאַרעטן־הענדלער, וועלכער האָט פאַרקויפט אויף אַזאַ אופן זיינע אָנגעשטאָפּטע פּאַפּיראָסן ביי וועלכע ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג.

די ביידלעך פון „פּאָלסקי מאָנאָפּאָל טיטאָניאָווי", וואָס האָבן באַצירט אַלע וואַרשעווער גאַסן, און וועלכע האָבן נאָר פאַרקויפט ציגאַרעטן אין דעטאַל, זיינען געשלאָסן געוואָרן אין דער זעלביקער שעה וואָס די געט־וועלבער — זיבן אַזייגער אוונט. האָט טאַקע זייער אָפט פּאַסירט, אַז פאַר־חלשטע רייכערערס זיינען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז ממש, זוכנדיק אַ מקום פון ניקאָטינישער דערקוויקונג. ס'האַרץ האָט זיך געוויקלט אין יסורים, צוזעענדיק ווי אַן אַנטוישטער רייכערער איז געבליבן שטיין ביי די פאַרמאַכטע טאַבאַק־געשעפטן און בודקעס. און פאַרקויפן ציגאַרעטן האָבן נאָר געקאָנט און געמעגט קריגס־אינוואַלידן, באַלוינטע אויף דעם אופן דורך דער מלוכה פאַר זייערע מלחמה־לייסטונגען, אָדער סתם גוטע פריינט פון הויכע מלוכה־באַאַמטע, וועמענס פריינטשאַפט איז באַשטאַנען פון אַ „וואָגיקער" מתנה פאַר דעם געגעבענעם רעפערענט אינעם טאַבאַק־קעמערל פון מלוכה־אָרגאַניזם.

פאַר אַ ייד איז כמעט ווי אוממעגלעך געוועזן צו באַקומען אַ טאַבאַק־פּאַטענט.

האָבן טאַקע די לעבנס־אינוואַלידן, די צעשעדיקטע און פאַרוואונדעטע דורך זייער אייגענעם גורל, אויפגעהויבן שטאַרק הויך די פאָן פון רעוואָלט און אַרויס צוזאַמען מיט דער נאַכט־פינצטערניש, אָוונט־איין, אָוונט־אויס, צום פאַרמעסט מיט די אַנטיסעמיטישע פאַראָרדענונגען פון די מעכטיקע טאַטין־אָרגאַנען.

גאַנצע טעג פלעגן אָט די נאַכט־הענדלער שטאָפּן גילזן. און נישט נאָר זיי אַליין, אויך זייערע קינדער און ווייבער האָבן זיך אָנגעזעצט צו דער מלאכה ביים טיש, בכדי צו דערגרייכן די נאָרמע פון אויספּערטיקן עטלעכע הונדערט פּאַפּיראָסן. ביי אַ דריי הונדערט אָדער אַ האַלבן טויזנטער, איז אין דער קעשענע אריינגעקומען אַ פאַרדינסט פון צוויי זלאָטעס, וועלכע מ'האָט צעטיילט מיט מילימעטרישער פּינקטלעכקייט פאַר כלערליי מאָגן־הוצאות פון אַ טאָג לעבן. דער געזינטסטער, דער פּיפּיקסטער פון דער פאַמיליע איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פאַרקויפער. ער האָט דאָס, אויסער אַ טוץ אַנדערע פעיקייטן, געמוזט אויך באַזיצן סקולפּטאָרישע אייגנשאַפטן, בכדי צו פאַרוואַנדלען זיין געשטאַלט אין אַ נאַכט־סטאַטוע, וואָס האָט ווי געוואָלט דערוואַרעמען די קאַלט־גולמ'דיקע וואַרשעווער מויערן. און צום טאַקט פון פּאָליצייאישן טראָט, האָט אַלעמאָל געקלאַפּט אַ דערשראָקן

הארץ, א הארץ, וואס פלעגט נאך יעדער נאכט־שיכט פולסירן מיט חלשות, מיט פארמאטערטקייט, מיט מאכטלאזיקייט.

פאפיראאסן, פאפיראאסן, פאפיראאסן — די נאכט־סערענאדע פון בליענדיקן גנאינעם דלות, וואס האט ווי א פארליבטער געטוליעט צו זיך זיין געליבטע — דעם פארווארלאזטן ציגארעטן־ייד.

*

ווער האט זיי געקאנט, ווער האט עפעס געוווסט וועגן זייער אפשטאם, ווער האט אמאל באטראכט זייער לעבן, ווער האט זיך מיט זיי באשעפטיקט, וועמען זיינען זיי אנגעגאנגען, ווער האט זיך איבער זיי דערבארעמט, ווער האט זיי אמאל אנגעקוקט — אט די קופעס פלייש און ביינער, וועמענס בעטן עס זיינען געווען די שטיגן פון די געוועלבער אונטערן פרייעם הימל, אדער די שטיגן פון די הייזער, די טוכלע, פארעפושטע טרעפן אויף וועלכע זיי זיינען אפגעשלאפן א לעבן א גאנץ ווי אויף די באקוועמסטע און ווייכסטע מאטראצן. דער מאטערנדיקער שלאף האט זיי פארוויגט אין אזעלכע האניק־זיסע חלומות, אז געטוליעט האבן זיי זיך צו די נאסע, פארשמוציקטע שטיגן ווי פארליבטע, ארומגענומענע פון אמאר־וויזיעס, צום זיידענעם בעטגעוואנט פון א פאראטענעם געלעגער. נישט איינמאל, ווען דיינע טריט האבן דיך געפירט אהיים, האסטו צעשטערט זייער שלאף, האסט פונאנדערגעיאגט זייער חלום, די איינציקע פרייד זייערע, האסט צעבלוטיקט זייער גוף. געלעגן זיינען זיי אויף די שטיגן, אין דעם חשכות, און דו, נישט דערבליקנדיק זיי, ביזט ברוטאל ארויפגעגאנגען דורך זייערע לייבער צו דיין ווארעמער, באקוועמער וווינונג. האסט צעשטערט זייער שלאף. זיי האבן דיך חלילה נישט באליידיקט דערפאר, נישט געשאלטן, נאר זייער חלום האט ארויסגעבראכט א רעווע, וואס האט זיך צו די הימלען געטראגן. עס איז געווען א געשריי פון אן אין קאנוולסיעס אויסגייענדיקער נשמה, א יללה פון א פארוווּנדעטער חיה.

און די, וואס זיינען געשלאפן אויף דער גאס, אויף די שטיגן פון די געוועלבער, אויסבאהאלטנדיק זיך פונעם רעגן אונטער א גזימס, זיי זיינען דאך געווען אומגליקלעכער און פארשווארצטער פון די הויז־שלאפערס. זייער שלאף איז געווען א שווערערער, א בלייענערער. געאטעמט האבן זיי מיט די לעצטע כוחות, ארויסווארפנדיק פון זיך דעם גאנצן לופט־שמוץ, וואס דער טאג האט אין זיי ארייגעבלאזן. מען האט נישט געזען קיין קאפ, נישט קיין פיס, נישט קיין לייב און לעבן, דאס אלץ האט צוגעדעקט אן אויסגעוואקסענער מאנטל אדער א רעקל אין וועלכן זיי האבן זיך איינגעדרייט ווי שלאנגען וואס ווארפן פון זיך אראפ די פעל.

געיאָגט האָט מען זיי פון איין טרעפּ צו א צווייטער, פון איין הויז אין אַן אַנדערן. האָט וואַרשע דערקלערט א קאַמף דעם שמוץ, איז דער ערשטער קלאַפּ אַראָפּ אויף זיי, אויף די גאַסן־שלאָפערס. מ׳טאָר נישט פּאַראומריייניקן וואַרשע׳ס אויסזען, ס׳איז פאַרבאָטן צו שלאָפן אויף די גאַסן, ס׳איז נישט־געזונט, אַ מענטש מוז דאָך רוען אין אַ הויז, אין א שטוב. די געזונט־אָפּ־טיילונגען פון דער רעגירונג האָבן איבערצייגט דעם עולם, אַז מען מוז שלאָפן אין בעטן. אָבער פאַר זיי זיינען קיין הייזער נישט געווען. קיינער האָט זיך פאַר זיי נישט געזאָרגט, קיינער האָט זיי נישט געזען אויסער די פּאָליציאַנטן און מיסט־רייניקער, וועלכע האָבן אָנגעטראָפן די לייבער ווען זייערע בעזימס האָבן צונויפגעשאַרט די קופּעס מיסט. האָט מען באַשפּריצט די גאַסן מיט וואַסער, איז אַ גרויסע דאָזע אַרויף אויף זייערע גופים, בכונה; האָבן די נאַכט־סטרוזשעס געהיטן די געשעפטן, האָבן זיי קודם־כל באַ־זייטיקט די היימלאָזע אַרומוואַלגערער אין וועלכע זיי האָבן געזען לויטער גנבים; האָט פּאָליציי געהיטן אָרדענונג. איז אויפן ערשטן פּלאַן געווען אָנגעצייכנט מיט א פעטער שריפט, אַז די גאַסן־שלאָפערס מוזן אַרונטער־פאַלן דעם פּאָליציישן געזעץ און דערשפּירן די גומענע נאַהאַיקע למען ידעו. זיי זיינען געשלאָפן אויף די גאַסן, געוואָלט שלאָפן, אָבער איינגע־שלאָפן זיינען זיי קיינמאָל נישט, ווייל דערפאַר האָט שוין געזאָרגט דאָס רעכט פון דער יאַסנע זשעטשפּאָספּאָליטאַ. ווי טראַגיש איז געווען זייער דאָליע נאָר אין יענער רגע, ווען ברוטאַל־אויפגעוועקטע פונעם שלאָף, צע־וואָרעמטע פון אַן אין חלום אויסגעבאַקענער בולקע צי לאַבן ברויט, האָבן זיי קרעכצנדיק, וויינענדיק ווי אַ דערשראָקן־אויפגעכאַפּט קינד, געמוזט פאַרלאָזן דעם אָנגעוואָרעמטן פּלאַץ און גיין זוכן עפּעס אַ ניי מקום מנוחה פאַר די צעבראָכענעביינער. און אַרום האָט געוועלטיקט א פינצטערע, קאַלטע, ווינדיקע נאַכט. ווען מ׳האָט זיי אויפגעוועקט, האָבן זיי נישט פּראָ־טעסטירט, נישט געשאָלטן ווי זייער שטייגער איז געווען, נאָר צעווײנט זיך ווי קליינע קינדער ביי ווען מען מ׳האָט צוגענומען דער מאַמעס ברוסט.

אָט דאָס זיינען זיי, די נאַכט־געשטאַלטן פון דער גנאַינע גאַס.

אַנדערש איז געווען זייער לעבן, אַנדערע זייערע געוווינהייטן, אַנדערע זייערע זאָרגן, דערפאַלגן און מפּלות. זיי האָבן אַנדערש געלעבט און אַנדערש געליטן ווי די טאָג־העלדן פון וואַרשעס ווירקלעכקייט.

אומבאַקאַנטע, פאַרשטעלטע דורך דער נאַכט מענטשן, וואָס זיינען קיינמאָל נישט געקומען צום וואָרט אין געראַנגל פאַר לעבן און עקזיסטענץ.